STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01674

DI FIDLERIN

Joseph D. Bost

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael & Marlene Olin
in memory of
Lori Olin Davis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ד. באָסט

די פידלערין

דערציילונגען

Joseph D. Bost

THE VIOLONIST.STORIES

הודפס ב"דיונון"
בית הדפוס של אגודת הסטודנטים
(מפעל השכפול)
אוניברסיטת תל-אביב,
1981

איור ועיצוב עטיפה: רון גפני

All rights reserved
Copyright © by Dr. Joseph Wolsztyn

P.O.B. 21479 Tel-Aviv 61213

דאָס דאָזיקע בוך

איז ארויסגעגעבן מיט

דער אונטערשטיצונג פֿון

קרן תל-אביב לספרות ולאמנות

ע"ש יהושע רבינוביץ

באַטיץ

די דאָזיקע דערציילונגען געהערן צום תחום פֿון פיקטיווער בעלעטריסטיק. יעדע ענלעכקייט צווישן זיי און דער ווירקלעכקייט - סיי אין נעמען, סיי אין באשריבענע פֿאקטן - דארף באטראכט ווערן אלס צופֿעליקע.

דער מחבר.

א י נ ה א ל ט :

זײַט

די פֿידלערין 9

דאָס קול 41

די אנדערע יאָלאנטע 55

דער פֿארשאָלטענער איוב 69

ד״ר פֿארב 77

די פֿידלערין

פֿאַרשטאַרבענער פֿרייַנד! צו דיר ווענד איך זיך איצט אין מייַן ווייטיק. איך מוז צונויפֿזאַמלען און איבערטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר ביז הייַנט, ביזן טאָג, ווען איך האָב געמאַכט מייַן אַנטשיידענעם שריט. איך וואָלט באַדאַרפֿט זייַן שטאָלץ מיט אים. צו פֿיל בין איך אָבער אָנגעפֿילט מיט פּייַן, ס'זאָל זיך נאָך געפֿינען אין מיר אָן אָרט פֿאַר אַט דער גאווה.

איך ווענד זיך איצט צו דיר, פֿאַר דיר זיך מתוודה צו זייַן, בעת איך בין זיך מתוודה פֿאַר זיך אליין. ווייַל דו, מייַן גייַסטיקער פֿאָטער, נביא פֿון א נייַעם גאָט, האָסט מיך אויסגעלערנט צו פֿאַרטיפֿן זיך אין מייַן סודות-פֿולער פּנימיות און דערמיט גורם געווען, איך זאָל פֿעיִק זייַן צו טאָן דאָס וואָס איך האָב געטאָן. דו האָסט דערפֿירט צו דעם, אַז איך, "דער שיינער זבישעק", דער באַנאַלער יונגלינג, האָב באַוויזן זיך אויפֿצוהייבן איבער זיך אליין און אויפֿריכטיק זיך פֿאַראַכטן – א זאַך, צו וועלכער, אָן דייַן השפּעה, וואָלט איך מסתמא ניט פֿעיִק געווען.

אָבער איידער איך האָב צו דעם דערגרייכט, האָב איך זיך געראַנגלט מיט זיך לאַנגע פֿינף יאָר. פֿינף יאָר – פֿונעם אָנהייב פֿון ערנעס קרענק ביזן הייַנטיקן טאָג, ווען איך האָב אָפּגעוואָרפֿן איר געשאַנק – האָב איך געפֿאָרשט זיך אליין, ווי מען פֿאָרשט א וויסנשאַפֿטלעכן אָביעקט. און שוין נאָכן צעשיידן זיך מיט דיר, האָב איך געמוזט אליין זיך מיען צו פֿאַרשטיין מייַנע שריט, צו באַגרייַפֿן זיך אליין. און כאָטש עס דאַכט זיך מיר הייַנט, ווען איך האָב פֿאַרמאַכט די טיר, וואָס ערנע האָט אוועקגייענדיק געלאָזט אָן אָפֿענע פֿאַר איר קאָנקורענטין, – אַז איך האָב זיך ענדלעך געפֿונען, אַז איך האָב זיך פֿאַרשטאַנען, – זענען דאָך אין מייַן אויפֿפֿירונג במשך פֿון די לעצטע יאָרן געבליבן טונקעלע מאָמענטן, וועלכע איך מוז פֿאַר זיך קלאָר מאַכן.

קודם-כל, ווי זאָל איך פֿאַרשטיין מייַן קאָנקורענץ איבער א פֿרוי מיט דיר, מייַן לערער און וועגווייַזער, – א קאָנקורענץ, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט מייַן אומגליקלעכן נצחון? ווי דאָס פּאַסירט אָפֿט אין אַזעלכע פֿאַלן, האָסטו אליין, ניט ווילנדיק דערמוטיקט מיך צו דעם, ווען דו האָסט מיך באַזוכט עטלעכע טעג נאָך ערנעס ערשטן קאָנצערט.

דו ביסט געקומען צו מיר אין ביוראָ און ווען איך האָב פֿאַרענדיקט מײַן ארבעט האָסטו מיך אַרויסגעצויגן אויף אַ שפּאַציר. מיר האָבן געשפּאַנט איבער די הינטערשטאָטישע פֿעלדער, וועלכע איך זע אויך איצט דורך מײַן פֿענצטער, ווי זיי זינקען פּאַמעלעך אין דער אָוונטיקער טונקלקײַט. האַלטנדיק מיך בײַם אָרעם, האָסטו מיר דערציילט וועגן דעם קאָנצערט, וועלכן דו האָסט אַזוי דורכ-דרינגלעך באַשריבן אין די "מוזיקאַלישע נײַעס". דו האָסט גערעדט וועגן ערנעס קונסט און וועגן דײַן ליבע צו איר. איך געדענק ווי שטאָלץ איך בין גע-ווען, וואָס דו האָסט מיך געמאַכט פֿאַר דײַן אַנגעטרויטן און אַזוי התלהבותדיק אינטים גערעדט צו מיר וועגן איר שפּילן, אַזוי ווי איך וואָלט אויך געהערט צו אײַער בשותּפֿותדיקער מוזיקוועלט. דו האָסט אונטערגעשטראָכן דאָס נײַע אין איר אויספֿירן פּאַגאַניניס קאָמפּאָזיציעס: זי האָט זיי נשמהדיק געמאַכט, אַרײַנ-געפֿירט אַ לירישקײַט אין די ווערק, וועלכע מ'האָט תמיד באַטראַכט נאָר ווי אַן אָביעקט פֿאַר ווירטואָזישער טעכניק. דו האָסט איר אַ נאָמען געגעבן "די אַנטדע-קערין פֿון פּאַגאַניני". נאָר אַ פֿרוי - האָסטו התלהבותדיק אויסגערופֿן - האָט געקאָנט אַזוי אָפּשפּילן די עטלעכע "קאַפּריטשי", וואָס זי האָט אויסגעפֿירט אויף ביס און דערמיט דערפֿירט די באַגײַסטערונג פֿון פּובליקום צום קולמינאַציע-פּונקט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען מיר געזעסן אין די ערשטע רייען פֿון פֿילהאַרמאָניע-זאַל, בעת איר ווײַטערדיקן אויפֿטריט. זי איז געשטאַנען אויף דער בינע אין אַ לאַנג קלייד, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום אירע פֿיס בײַ יעדן בייג פֿון איר עלאַסטישן קערפּער. זי איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אַ ביסל אײַנגעבויגן אָן אַ זײַט, ווי צונויפֿגעוואַקסן מיטן אינסטרומענט, אײַנגע-הערט אינעם ווײַטן עכאָ פֿון איר אייגן שפּילן און פֿון דער אָרקעסטער-באַגלייטונג. דער אָוונט איז געווען געהייליקט די פֿידל-קאָמפּאָזיציעס פֿון די דרײַ "ב": באַך, בעטהאָווען און בראַמס. איך געדענק אײַער באַגײַסטערונג, צו וועלכער איך האָב זיך ניט געקאָנט אָנשליסן, הערנדיק בלויז שיינע מוזיק-קלאַנגען דאָרט, ווו איר, מוזיק-ליבהאָבערס, האָט געהערט "דעם אָטעם פֿון דער אייביקײַט", "די טריט פֿונעם גורל".

איך בין זיך מודה, אַז מיט די דאָזיקע טיף קלינגענדיקע און פֿאַר מיר ליידער גאָרניט זאָגנדיקע ווערטער האָט איר מיר ווינציק אימפּאָנירט, איר, מבינים און פֿײַנשמעקער! דעם אמת געזאָגט, האָב איך אין זיי געזען סימנים פֿון היסטעריע. איך האָב זיך ניט געקאָנט קעגנשטעלן דעם אײַנדרוק, אַז ניט

דאס שפילן פון דער קינסטלערין און פון ארקעסטער, נאר אײַערע אייגענע ארויסזאגונגען האבן דאס ארויסגערופן אײַער אמתע באגײַסטערונג.

דערפאר האט מיך אנגענומען א פארבארגענע קינאה, ווען אין געוויסע מאמענטן פון קאנצערט איז צו מיר דערגאנגען א געמיינזאמער שטילער גערויש, און אײַנגעהאלטענער שארך פון פארגאפונג. די דאזיקע גלײַכצײַטיקע אפרופן פון מוזיק-ליבהאבערס האבן אין מיר געשטארקט דעם גלויבן, אז ניט אלץ וואס מען רעדט אדער מען שרײַבט וועגן מוזיק איז הוילע פראזעאלאגיע. איבעריקנס, ווער ווייסט? איר, געניטע קאנצערטן-באזוכערס, זענט דאך געוויס גוט אינ-פארמירט געווען, אין וועלכע מאמענטן פון די אויסגעפירטע קאמפאזיציעס איז אנגעקומען ארויסצוברענגען יענע שטילע גערוישן פון באגײַסטערונג...

נאכן קאנצערט האסטו מיך ארײַנגעפירט אין דער קינסטלערינס גארדעראב, עס זענען שוין דארטן געווען עטלעכע פערזאן – פארשטייט זיך, פון די בכבודיקסטע; פשוטע פארערערס האבן זיך נאך געשטויסן אין זאל רופנדיק אין התלהבות נאך ווײַסערדיקע "ביסן". באלד זענען מיר זאלבעדריט געפארן אויף אוונטברויט. ערנע איז געווען מיד. צוויי טונקעלע בויגנס האבן זיך גע-צייכנט אונטער אירע לײַכט בולטע, גרינע אויגן, און שנורן געלבלעכע האר זענען צעפלאטן אראפגעהאנגען איבער אירע דינע אקסלען. איר לענגלעך פנים מיט די קוים שארפע שטריכן איז געווען בלײַך און די קליינע בריסט האבן זיך געהויבן און גענידערט אין פארגיכערטן אטעם. מיט א געוויסער צעשטרייטקײַט – ווי ס'האט זיך מיר אויסגעוויזן – האט זי זיך צוגעהערט צו דײַנע אויספירן וועגן איר הײַנטיקן שפילן, וועגן דער באגלייטונג פון אר-קעסטער און דער ארבעט פון דיריגענט. און אײַנגעהערטער אין דײַנע אייגענע רייד, האסטו דורכגעלאזן דעם מאמענט, ווען מ'האט געדארפט איר העלפן אויס-טאן דעם מאנטל, און איך האב עס געטאן. זי האט אפגעדאנקט מיט א שמייכל און דערבײַ מיך באטראכט מיט א בליק, ווי זי וואלט מיך ערשט איצט דערזען. זי האט פאררייכערט א פאפיראס. פון צײַט צו צײַט בשעת דײַן רײדן, האט זי – לויט איר כאראקטעריסטישן מאניר – צוגעמאכט אויף א מאמענט די אויגן. פלוצעם, אין פולן ברען פון דײַנע רייד, האט זי אנגעהויבן אונטערברומען א באנאל דײַטשיש לידל.

א לאנגע צײַט נאך דעם האט זי זיך אין א געשפרעך מיט מיר מודה גע-ווען, אז זי איז דעמאלט געווען זייער מיד. נאך דעם אנשטרענגונג פון קאנצערט האט זי באגערט אנטשפאנונג, און דו האסט געהאלטן איר אויפמערקזאמקײַט אין

די צוימען פֿון דײַן עלאָקווענץ. דאָס ברומען ס'לידל איז, בכן, געווען אַן אויסדרוק פֿון פּראָטעסט קעגן דער דיסציפּלין, וואָס דו האָסט אויף איר אָנגעוואָרפֿן...

כלומרשט צוליב געזעלשאַפֿטלעכן טאַקט, פֿאַקטיש אָבער כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער טיראַניע פֿון דײַן הויכער אינטעליגענץ, האָט זי זיך געווענדט צו מיר, אַרײַנציִענדיק מיך אין געשפּרעך. מײַן אָנטייל האָט גלײַך אַראָפּגעניִדערט זײַן ניוואָ. כ'געדענק ווי דו האָסט זיך — ווײַזט אויס, אומווילנדיק — אַ קרים געטאָן, ווען, ניט באַגרײַפֿנדיק דעם אמתן באַטײַט פֿון דײַנעם אַן אויסדרוק, האָב איך אים איבערפֿלעכלעך אויסגעטײַטשט. דאָס האָט אַרויסגערופֿן ערנעס גוטמוטיקע שטימונג. זי האָט מיך נײַגעריק אָנגעקוקט, דערנאָך זיך צעלאַכט מיט אַ לאַנג און גוטהאַרציק געלעכטער.

— שיין! — האָט זי אויסגערופֿן, פֿאַרוואָרפֿנדיק אויף אַהינטער דעם קאָפּ און טרייסלענדיק זיך פֿון געלעכטער — איר זײַט אַזוי נאַיִוו, אַז איך מוז אײַך דערפֿאַר געבן אַ גלעט.

און איר שמאָלע האַנט מיט די דינע "פּאַגאַנינישע" פֿינגער האָט צאַרט אַ פֿיר געטאָן איבער מײַנע האָר.

מיר ביידע זענען אַלט געווען צו אַכצן יאָר, דו, אַ דרײַסיק־יאָריקער, שוין אַ דאָצענט פֿון פֿילאָסאָפֿיע, וואָלסט געקאָנט זײַן אַ וועגווײַזער פֿאַר אונדז ביידן. מיט דער נאַטירלעכער העכערקײַט פֿון אַ לערער און מענטאָר האָסטו זיך אָבער באַצויגן נאָר צו מיר. דײַן באַגיין זיך מיט ערנען איז געצייכנט געווען מיט טיפֿער אַכטונג, אָבער אָן חניפֿה. אויפֿן ערשטן בליק איז שווער געווען צו דערזען אין דײַן זאַכיקער באַציונג צו איר דײַנע הייסע געפֿילן... ערנע, וועלכע האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו לערנען שפּילן ערשט אין עלטער פֿון צוועלף יאָר, האָט פֿאַרדעקט מיט איר טאַלאַנט און אײַנגעבוירענער אינטויִציע אירע בלויזן אויפֿן געביט פֿון טעאָרעטישן וויסן. דערפֿון האָט זיך קענטיק גענומען איר גרינגשאַץ פֿאַר אָנערקענטע מוזיק־אויטאָריטעטן, אָדער, בעסער געזאָגט, איר איבערשאַצן זיך אַליין. דאָס לעצטע, אין תּוך אַ ניט שיינע מידה, איז פֿאַרגיביק לגבי אויסדערווײלטע פֿון גאָט...

ווען מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט די קראַנקײַט זי געצוווּנגען אויפֿצוגעבן אירע אויפֿטריטן און אָפּגעבן זיך אין גאַנצן מיט פּעדאַגאָגיש־פּראַקטישער

ארבעט, האָט זי זיך פֿאַרטיפֿט אין טעאָריע פֿון פֿידלשפּילן און איז אליין גע-וואָרן אויף דעם געביט אַן אויטאָריטעט. עס איז דיר ניט באַשערט געווען ביי-צוזיין יענע נייע עפּאָכע אין לעבן פֿון ערנען, א געביטענע דורך דער קרענק, א שטרענגע און פֿאַרביטערטע. מיר, דעם באַשאַנקענעם מיטן זכות צו זיין איר מאַן, אָבער אומפֿעיִקן צו א גײַסטיקן צונויפֿגאַנג מיט איר, איז אויסגעקומען צו אָבסערווירן די פֿאַרגוואַלדיקונג פֿון גײַסט דורכן פֿאַרקריפּלטן קערפּער.

ווען איך האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז ערנע איז אין מיר פֿאַרליבט, האָב איך דערשפּירט, וואָס אַן אמת, א פֿאַרשטאַרקטן האַרצקלאַפּן, אָבער ניט דערפֿאַר וויַיל איך האָב געהאַט פֿאַר איר דאָס זעלבע געפֿיל, נאָר ווײַל איך בין געווען ביי זיך שטאָלץ צו זיין דיין טריומפֿירנדיקער קאָנקורענט. מייַן "זאַך מיט ערנען" האָט זיך אָנגעהויבן אייניקע טעג נאָך יענעם אומנטבּרוּיט. זי האָט מיך פּשוט איינגענומען: פֿאַררופֿן צו זיך און באַשאַנקען מיך מיט איר קערפּער. זי האָט זיך דערביי ווייניק געקימערט וועגן מיין קעגנזײַטיקייט, ווי ס'וואָלט קלאָר געווען פֿון זיך אליין, אַז איך מוז זיין א באַגליקטער. אין דער אמתן האָט מיר אימפּאָנירט בלויז דאָס, וואָס איך באַזיץ די פֿרוי, צו וועלכער דו האָסט אומזיסט געשטרעבט. דאָס איז געווען די אמתע סיבה פֿון מײַן פֿרייד.

ווי זאָל איך דאָס אָפּשאַצן? געוויס וואָלט איך קיין שלעכטס ניט געזען אין דער קאָנקורענץ מיט דיר איבער א פֿרוי, אויב איך וואָלט זי געליבט. אַזוי איז אָבער ניט געווען און איך האָב זיך אין דעם אַפֿילו ניט געפּרוּווט נאַרן. קיין באַטייַט האָט פֿאַר מיר אויך ניט געהאַט דער רום פֿון דער קינסטלע-רין, וואָס האָט געזאָלט ווערן מײַן פֿרוי. דעם אמתן גײַסטיקן תענוג האָט מיר פֿאַרשאַפֿט נאָר דאָס באַוווּסטזײַן, אַז איך האָב דיך באַזיגט.

דאָס איז געווען מײַן נקמה פֿאַר דײַן אינטעלעקטועלער העכערקײַט איבער מיר; פֿאַר דעם וואָס איך האָב אַזוי לאַנג פֿאַרטראָגן דעם דעספּאָטיזם פֿון דײַן געדאַנקען-רײַכקײַט; פֿאַר דעם וואָס מיט דײַן השפּעה האָסטו מיך געצווּונגען אָוועקצוגיין פֿון מײַן משפּחה, פֿון מײַן סביבה און אָננעמען די דורך דיר אויסגעטראַכטע רעליגיע; פֿאַר דעם וואָס דו האָסט מיך צוגעווױנט - ווי צו א זינדיקער לײַדנשאַפֿט - צו דער מאַטערנדיקער, אומאויפֿהערלעכער אינטראָספּעק-ציע וואָס האָט מיך דערפֿירט צו דעם, אַז איך זאָל פֿון זיך אוועקטרײַבן זינאַידען.

איבעריקנס, אויך איצט באנוץ איך זיך דאָך מיט אינטראָספּעקציע, ווען א פֿאַראַלמנטער און איינזאמער, אליין מיט דער פֿאַרשטאָרבענערס איבערגעלאָזטער פֿידל, דערצייל איך דיר און זיך אליין מײַן טרויעריקע געשיכטע...

איך באטראכט אָבער פֿאַר אומווערדיק ניט נאָר מײַן נצחון-פֿרייד איבער דיר, - דעם נצחון-פֿרייד פון א באנאלן "שיינעם זבישעק" איבער א מענטש ווי דו - מיט אן אָריגינעלן, שעפֿערישן, אינטעלעקט. מײַן טריומף-געפֿיל האָט אחוץ דעם געהאט אין זיך עפעס א מין צופֿרידנקײַט, וואָס איך האָב באזיגט א ייִד!

ווײַזט אויס, אז די דערציונג וואָס כ'האָב באקומען אין דער היים ביזן עלטער פֿון צוועלף יאָר - ווײַל שפּעטער בין איך שוין דערצויגן געוואָרן דורך דיר - די דערציונג פֿון א בירגערמײַסטערס זינדל פֿון נאָבעלן אָפּשטאם - האָט געהאט אויף מיר א סך א טיפֿערע השפעה, ווי מיר בײדע האָבן געמיינט. דײַן אײַנגעבויגענע פּלייצע און דײַנע ווייכע מוסקלען, דײַן שוואך אנטוויקלטער פּנים-סקעלעט, די טיפֿע קנייטשן צווישן דער נאָז און די ליפּן-קנייטשן וואָס האָבן דערמאָנט דעם פּאָרטרעט פֿון שפּינאָזע (דאכט זיך אויך א שווינדזוכטיקער), האָבן בײַ מיר געוועקט, ניט געקוקט אויף מײַן סימפּאַטיע צו דיר, א פֿאַרטײַעט פֿײַנדשאַפֿט-געפֿיל, וואָס הייסט א קליינעם לאָבוז א שטויס טאָן א ייִד, וואַרפֿן אויף אים א שטיין אָדער אָנרייצן דעם הונט.

ווען מײַן געוויסן האָט מיך פֿון צײַט צו צײַט געפּײַניקט פֿאַר וואָס איך נעם צו בײַ דיר א פֿרוי, האָב איך געפּרוּווט זיך פֿאַרענטפֿערן דערמיט וואָס דו האָסט מיר צו פֿאַרדאנקען דײַן לעבן. כדי ווי געהעריק אָפּצושאַצן די חציפֿות פֿון דאָזיקן ארגומענט, דארף מען נעמען אין באטראכט, אז מײַן "ווויילטוהונג" איז סך-הכל באשטאנען אין אויסמײַדן א זינד: ווען איך וואָלט געמסרט אויף דיר מײַן פֿאָטער - א קרענקלעכער אנטיסעמיט - וואָלט דאָס זיכער גורם געווען דײַן טויט. און דאָך: ווי נבזהדיק איז געווען מײַן כוונה ארײַנצורעכענען אזא "פֿאַרדינסט" אין די חשבונות מיט מײַן געוויסן.

דאָס איז פֿאַר מיר נאָך מער פּײַנלעך דערפֿאַר, ווײַל יענע אידעלקײַט, וועלכע איך האָב ארויסגעוויזן אלס קינד, איז לעת-עתה איינע פֿון מײַנע ווינציקע עטישע דערגרייכונגען אין לעבן; און אָט האָב איך אליין פֿארמינערט איר ווערט דערמיט, וואָס כ'האָב זי געוואָלט דיסקאָנטירן ווי א דעקונג פֿאַר דער עוולה, וואָס איך בין באגאנגען קעגן דיר...

איך זע נאך איצט זיך א לויפנדיקן צום וועכטערהײַזל אין דער וואלדי-קער ווילע, כדי צו פארזיכערן די פאריאושטע פרוי, אז כ'וועל ניט אויס-געבן דעס סוד... איך געדענק, ווי מײַן הארץ האט זיך געווארפן אין ברוסט, ווען כ'בין אזוי געלאפן אין דער טונקלקײַט איבער דער פוסטער געגנט, פאר-כאפט פון דעם מענטשלעכן געפיל, וואס איך האב אין זיך אנטדעקט.

...איך בין געקומען צו דער פרוי יאגוסיא, כדי איר איבערצוגעבן אין נאמען פון מײַן מוטער, זי זאל צו מארגנס ניט קומען צום באשטעלטן וועש-וואשן. איך האב פון מײַן פריסטער קינדהײַט געקענט די פערציק-יאריקע שיינע פרוי מיט איר פולן פנים און דיקע ארעמס, וואס האט בײַ אונדז גע-וואשן וועש און גערייניקט די צימערן. איך האב געוווּסט אז זי איז אן עלנטע אלמנה. ווען איך בין ארויס פון פאדערהויז האט זי פלוצלינג נאכ-געשריען:

– יורעק!*

איך האב אויסגעדרייט דעם קאפ, מיינענדיק אז על פי-טעות האט זי מיך אנשטאט זבישעק אנגערופן יורעק. ווי דערשטוינט בין איך אבער געווארן, ווען אין דער זעלבער מינוט האט זיך דערהערט פון אלקער א מענערשטים:

– וואס איז, מוטער?

ניט פארשטאנען וואס דא קומט פאר, האב איך זיך צוריקגעקערט אין פאדערהויז. די דערשראקענע יאגוסיא האט מיך ארײַנגעלאזן אין צימער. עס האט זיך געעפנט די אלקערטיר און דו ביסט אין איר שטיין געבליבן.

איך האב דיך גלײַך דערקענט – יעדשי באדער – דער זון פון יידישן אייגנטימער פון דער ווילע. איך האב געוווּסט, אז אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער ביסטו פרײַוויליק ארײַנגעטראטן אין מיליטער. ווי איך האב זיך מיט יארן שפעטער דערוווּסט פון דיר אליין, האסטו, איינער פון די ווינציקע אפגעראטעוועטע זעלנער פון דײַן איינהײַט, געוואנדערט איבער די געגנטן ארום ווארשע, ביז דו ביסט דערגאנגען צו דײַן ווילע, פון וועלכער דײַנע עלטערן זענען אין צווישנצײַט אוועק און שפעטער אומגעבראכט געווארן. דו

---

* די פארצערטלונג פון דעם נאמען יעדשי (אין פויליש).

האסט שוין פון דער ווילע ניט געקאנט ארויסגיין, כדי ניט אריינצופאלן אין די הענט פון די דייטשן. א באהאלטענער ביי יאגוסיאן, איינער געוועזענער הויפהיטערין (איר מאן איז אומגעקומען אין דער זעלבער סעפטעמבער-מלחמה), וואס איז אויך געווען דיין אם, ווען מיט צוויי און צוואנציק יאר צוריק איז געשטארבן איר איינציק קינד - האסטו איבערגעלעבט די גאנצע אקופאציע-צייט ביז איבער דער פארלענדונג פון געטא. און ערשט מיין אנטדעקן דיין באהעלטעניש דורך א נארישן צופאל האט געקאנט דיך אומברענגען.

- א, איר באהאלט אויס ביי זיך א יידן! - האב איך אויסגערופן. - גוט, באלד וועל איך דערציילן מיין טאטן.

קוקנדיק אויף יאגוסיאן האב איך גלייכצייטיק אבסערווירט דיין פנים מיט די טיפע קנייטשן און דער פארויסגערוקטער אונטערשטער ליפ. איך האב דערזען א שמייכל-שאטן ארום דיין מויל, א שמייכל פון מידקייט און רעזיגנאציע, און דערהערט דיין מורמל: "אלץ איז געענדיקט". מיט איין שריט האט מיך יאגוסיא אויסגעמיטן און פארשטעלט מיט זיך דעם ארויסגאנג. איר פנים איז געווען פארחושכט, די אויגן פארטיפט אין די אויגנלעכער, דאס מויל פונאנדערגעעפנט. זי האט געציטערט:

- ניין - האט זי געזאגט מיט אן אפגעהאקטער שטים - דו קאנסט עס ניט טאן!

- וואס פלוידערט איר דארט! - האב איך אויסגעשריען מיט כעס, האב זיך דורכגעשטופט צווישן איר דיקן, ווארעמען קערפער און דער טיר, און מיט צוויי שפרונגען בין איך שוין געווען אין דרויסן. ס'האט זיך מיר געדאכט, אז איך הער נאך אלץ דיין "אלץ איז געענדיקט" און יאגוסיאס "ניין, דו קאנסט עס ניט טאן!". איך האב געזען יאגוסיאס צעלאפענע אויגן, איר פארחושכט פנים און דאס ציטערנדיקע מויל. כ'האב נאך געפילט דעם אנריר פון איר ווארעמען קערפער, וואס כ'האב אפגעשטופט ארויסלויפנדיק; אט דער קערפער, צו וועלכן איך האב זיך געטוליעט מיט ליבשאפט, ווען זי האט מיך, א קליין קינד, געהאלטן אין די ארעמס... איך האב דערפילט א שטיקעניש אין האלדז און פארפאמעלעכט מיינע שריט. צום סוף בין איך שטיין געבליבן. איך האב ניט פארשטאנען, וואס עס טוט זיך מיט מיר. איך האב אבער געפילט, אז כ'בין ניט אין שטאנד ד א ס צו טאן.

אזוי בין איך געשטאנען אומבאוועגלעך אין הארבסטיקן בין-השמשות אויף דער פוסטער גאס. פלוצלינג האָב איך זיך קלאָר געמאכט, אז איך האָב אײַך איבערגעלאָזט אין דער איבערצײַגונג, אז איך לויף אײַך פֿארמסרן; אז איר ווייסט נאך ניט וועגן מײַן געענדערטן באשלוס. איך האָב זיך א יאָג געטאָן אויף צוריק, און ניט געפֿילט ווי איך פֿארטשעפע זיך אין די נאסע צווײַגן פֿון די בארעגנטע ביימער. די ווילע איז געווען אײַנגעטונקען אין פֿינצטער-ניש. כ'האָב אָנגעקלאפט אין לאָדן. ס'האָט מיר קיינער ניט געענטפֿערט. איך האָב געוווּסט, ס'איז אוממעגלעך, איר זאָלט איצט ניט זײַן אין דער היים. האָב איך שטיל אויסגערופֿן מיט א פֿארשטיקטער שטים:

- דאָס בין איך, זבישעק! איך וועל דאָס ניט טאָן...

ס'האָט זיך דערהערט א קריץ פֿון ריגל און די טיר האָט זיך געעפֿנט, מיך ארײַנגעלאָזט און צוריק זיך פֿארמאכט. פֿאר מיר איז געשטאנען יאגוסיא, א פֿארציטערטע, א דערשטוינטע. אויף דער וואנט האָט געגליט א לעמפעלע אונטערן הייליקן בילד. דו ביסט שוין אין שטוב ניט געווען.

- קינד - האָט זי שטיל געזאָגט - ביסט צוריקגעקומען?

- כ'בין געקומען זאָגן, אז כ'וועל דאָס ניט טאָן. כ'וועל ניט פֿארמסרן, קיין מאָל ניט!

אין מויל האָב איך געפֿילט טראָפנס בלוט פֿון מײַנע אייגענע ליפן, וועלכע איך האָב פֿארביסן מיטן גאנצן כוח, כדי אײַנצוהאלטן די טרערן. יאגוסיא האָט געכליפעט.

- קינד! א קינד וואָס א פוילישע פֿרוי האָט געבראכט אויף דער וועלט האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן. פוילישע קינדער קאָנען ניט זײַן נידערטרעכטיק!

...און אָט די דאָזיקע "ווילטהנג", דעם דאָזיקן "חסד" - דאָס אָפהאלטן זיך פֿון באגיין א געמיינקײַט - האָב איך געוואָלט אויסניצן, כדי צו בא-רויִקן מײַן געוויסן.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער באקאנטשאפֿט. אָבער דײַן השפעה אויף מיר האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט אנדערטהאלבן יאָר שפעטער, ווען מיר האָבן זיך ווידער באגעגנט. פֿון דעם מאָמענט ווען דו האָסט לײַכטזיניק אויסגעגעבן דײַן געפֿינען זיך אין יאגוסיאס וווינונג ביז דער באפֿרײַונג פֿון אונדזער

שטאט דורך דער רויטער ארמיי - האט זיך מיר קיין איין מאל ניט איינגעגעבן זיך צו טרעפן מיט דיר, ניט געקוקט אויף אלע מיינע באמיונגען. די טעכניק פון דיין אויסבאהאלטן זיך האט מיך אינטריגירט. אומזיסט האב איך וועגן דיר אנגעפרעגט ביי יאגוסיאן. זי איז אין דעם פרט געווען אומברחמנותדיק שטרענג און געגעבן מיר צו פארשטיין, אז שוין בלויז מיין אינטערעסירן זיך מיט דיין פערזאן האלט זי פאר ניט פאסיק. דעריבער האב איך ערשט נאך דער מלחמה געהאט די מעגלעכקייט ארייננגעפירט צו ווערן אין דיין באהעלטעניש דורך דיר אליין. זי האט זיך געפונען אין א קעלער, צו וועלכן ס'האבן גע-פירט שטיגן פון יאגוסיאס אלקער.

נאך דער קאפיטולאציע פון די דייטשן בין איך געווארן כמעט א טאג-טעגלעכער גאסט אין יאגוסיאס הויז. דו ביסט נאך דארט אפגעווען א יאר צייט און דערנאך אוועקגעפארן קיין ווארשע, כדי צו פארענדיקן דעם פילאסאפישן פאקולטעט און ארויסגעבן די ארבעטן וואס דו האסט אנגעשריבן בעת דער אקו-פאציע. די ביכער וואס יאגוסיא האט אריבערגעטראגן פון דיין פאטערס ביב-ליאטעק צו זיך אין הויז האבן דערמעגלעכט דיין אליינבילדונג אין די מלחמה-יארן.

איינע פון דיינע ארבעטן, אן אפהאנדלונג פון שפינאזעס *טעאלאגיש-פאליטישן טראקטאט* - דאס איז, דוכט זיך, דיין דאקטאראט-דיסערטאציע - האט געדינט ווי א קאנווע, אויף וועלכער דו האסט אויסגעוועבט פאר מיר דיינע געדאנקען וועגן גאט. ס'איז מיר שווער צו פארשטיין, מיט וואס האב איך פארדינט דאס באערן מיך מיטן כבוד צו זיין דיין צוהערער, פונקט ווי איך פארשטיי ניט, פאר וואס דו האסט מיך שפעטער געמאכט פאר דיין פריינד און אנפארטרויטן. צי האט אויף דיר געמאכט אזא שטארקן איינדרוק מיין אפהאלטן זיך פון פארמסרן דיך? אדער אפשר האסטו ארויסגעלייגט אויף זיך א חוב צו געווינען אן אנהענגער פאר דיין נייער רעליגיע, און אויף מיר איז צופעליק אויסגעפאלן דער אויסוואל? איך געדענק נאר, אז דו האסט זיך באצויגן צו מיר, דיין שילער, מיט דער גאנצער ערנסטקייט, צופאסנדיק נאר די פארעם פון דיינע פארטראגן צום נידעריקן ניוואָ פון מיין בילדונג און צו מיינע בא-גרענעצטע מעגלעכקייטן פון אבסטראקטן דענקען.

דער גרונטפרינציפ פאר דיינע פילאסאפישע אויספירן - אויף וויפל איך האב אים ריכטיק באנומען - איז באשטאנען אין דער הנחה, אז נאכן איבערלעבן

דורך דער מענטשהײַט דעם היטלעריסטישן קאטאקליזם, איז איר ווײַטערע באציִונג צו גאָט געבונדן מיט א רעוויזיע פֿון אירע באגריפֿן וועגן אים. דאָס באגרײַפֿן גאָט ווי אן אלמעכטיקײַט פֿאַרט זיך שוין מער ניט מיט אונדזער ליבע צו אים. אן אלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט דערלאָזט (אָדער, בעסער געזאָגט, גורם געווען) אונדזער ערדישן גיהנום, מוז וועקן אין אונדז האס און פֿירן צו אָפּטרינניקײַט. און היות מען קאָן ניט לעבן מיט א גלויבן אין א גאָט - א דעמאָן - מוז דער מענטש, וואָס וויל ניט באַגיין זעלבסטמאָרד און קאָן אויך ניט באטראכטן די וועלט ווי א זאמלונג פֿון צופֿעליקע כוחות וואָס ווערן ניט אָנגעפֿירט דורך א העכערער קראַפֿט, אָננעמען אַז גאָט איז ניט אלמעכטיק.

דו האָסט אָנגעוויזן, אז די סתירה וואָס קלינגט אין דעם באגריף "ניט-אלמעכטיקע געטלעכקײַט" איז נאָר א כלומרשטע: אז די מערהײַט פֿאַרצײַטיקע רעליגיעס האָבן באגרענעצט די מעכטיקײַט פֿון געטער און אז אין תוך איז ניט פֿאראן קײַן לאָגישע סיבה אָנצונעמען, אז דער באשעפֿער פֿון לעבן מוז זײַן אלמעכטיק. ס'איז געווען אָנצונעמען - האָסטו אויפֿגעוויזן - אז גאָט איז נאָר ניט אין שטאנד צו בײַטן די געזעצן פֿון דער נאטור, כדי ווײַטער אָנצוהאלטן דעם גלויבן אין אים, און ניט אויפֿהערן אים צו ליבן.

פֿארקערט: א ניט-אלמעכטיקער גאָט, וועלכער טרעפֿט אָן - אין זײַן קאמף פֿאר אלץ העכערע פֿאָרמען פֿון לעבן - אויף אומבאזיגלעכע נאטור-געזעצן וואָס דערפֿירן צו א צײַטווײַליקן כאאָס און נצחון פֿון שלעכטס - ערשט אזא גאָט קאָן זײַן דער אָביעקט פֿון אונדזער אמתער ליבע. ווײַל אזא גאָט איז דאָך ענלעך צו אונדז, מענטשן, וואָס קעמפֿן און לײַדן אויך מפּלות. דאָס איז דער גאָט וואָס האָט אונדז באשאַפֿן, דורכגעפֿירט אונדז דורך אומצאָליקע דורות בעלי-חיים, כדי מיר זאָלן אים העלפֿן אין זײַן קאמף פֿאר א בעסערער און שע-נערער וועלט. דער גלויבן אין אָט דעם גאָט לייגט אויף אונדז ארויף דעם חוב אומאויפֿהערלעך צו באקעמפֿן דאָס שלעכטס אין אונדז גופֿא - דעם חוב פֿון שטענדיקער אינטראָספּעקציע, פֿון כסדרדיקן קאָנטראָל איבער אונדזערע מעשים, געדאנקען און געפֿילן. און ווײַל דאָס אויסבעסערן די וועלט קאָן ניט פֿאר-קומען אנדערש ווי אין הסכם מיט די נאטור-געזעצן, האָסטו דעריבער באטראכט דאָס פֿארנעמען זיך מיט ווויסנשאַפֿט ווי א רעליגיע-אימפּעראטיוו.

בהדרגהדיק האָב איך זיך אונטערגעגעבן דײַן השפּעה, אָנגענומען דײַן פֿילאָסאָפֿישע טעאָריע. אונטער איר ווירקונג האָב איך דערפֿילט אין זיך אן

אינעווייניקסטן מאַראַלישן צוואַנג, פֿון וועלכן איך האָב זיך לכתחילה ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג. אָבער איצט פֿאַרשטיי איך, אַז אַט דער מאָראַלישער מוז האָט טאַקע גורם געווען מיין שריט קעגן זינאַידען, וועמען ערנע האָט ביזזווילליק אַ נאָמען געגעבן "זינאַידאַ"*. דער דאָזיקער שריט האָט מיר פֿאַרשאַפֿט פּיין, גליקלעכצייטיק האָט ער מיר אָבער צוריקגעקערט מיין אייגן-ווערדע. איך ווייס ניט צי איז דיין טעאָריע באמת פֿריי געווען פֿון יעדן לאָגישן פּגם, אָדער איך בין ניט פֿעיִק געווען צו אַנטדעקן אירע גרייזן, איך האָב אָבער געפֿילט אַז דער גאָט, וואָס איז ווערדליק איר ענלעך צו אונדז, מענטשן, קאָן טאַקע דערפֿאַר הייס געליבט ווערן.

נאָך מיין חתונה מיט ערנען האָב איך אויפֿגעהערט זיך צו טרעפֿן מיט דיר. איך בין אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון אַ פֿרוי, אויסטוישנדיק דיך — דעם דענקער-וועגווייזער, אויף אַ קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. מיין פֿאַמיליע, ניט קאָנענדיק זיך צופּאַסן צום הערשנדיקן רעזשים אין פֿאָלקספּוילן, האָט פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד — און איך האָב אָנגעוווירן יעדע פֿאַרבינדונג מיט איר.

נאָך דער חתונה, האָב איך, אחוץ מיין לאַנגווייליקער ביוראָ-אַרבעט "קיביצירט" מיין פֿרוי אין איר קינסטלערישער אַרבעט. איך בין ניט בכוח געווען צו באַטראַכטן, צוזאַמען מיט איר, קאָמפּליצירטע מוזיק-פּראָבלעמען און אַפֿילו ניט געקאָנט זיין אין ערנסטער צוהערער פֿון איר שפּילן. זי האָט זיך באַמיט מיך צו פֿאַרזיכערן, אַז איך פֿאַרמאָג אַ גוט געהער און אַן איינגעבאָרענעם קינסטלערישן געשמאַק. אָבער נאָך עטלעכע פּרווון אַרייננצוציען זיך אין דער ספֿערע פֿון מוזיק דורך שטודירן טעאָריע און סיסטעמאַטיש באַזוכן קאָנצערטן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז מיר באַשערט צו פֿאַרבלייבן אויפֿן גאַנצן לעבן פֿרעמד דער דאָזיקער קונסט.

צי האָט זיך ערנע אַנטוישט אין מיר מחמת מיין גלייכגילט צו מוזיק, פֿאַר וועלכער זי האָט דאָך מקריב געווען איר לעבן? זי האָט עס ניט אַרויסגעוויזן, און זיך באַצויגן צו מיר מיט צאַרטקייט און מוטערלעכער ליבע. ניט האָבנדיק קיין נאַטירלעכן אָביעקט צו ליבן און באַשיצן (זי האָט ניט געקאָנט ווערן קיין מוטער) האָט זי אויף מיר אַריבערגעטראָגן איר מוטערלעכע ליבע און זאָרג. רירנדיק איבערגעטריבן און אַפֿילו אַ ביסל קאָמיש איז געווען די

---

* "די געפֿונענע" (אין פּויליש).

שטענדיקע זאָרג פֿון אַט דער שוואכער פֿרוי וועגן געזונטצושטאנד פֿון אזא יונג ווי איך. זי האָט מיך גערופֿן "ייִנגעלע" און זיך צו מיר באצויגן ווי צו א קינד.

ווען מיר זענען א קארג יאָר נאָך דער חתונה, ארויסגעפֿאָרן אויף א צען-חדשימדיקן טורנע איבער אייראָפּע, האָט ערנעס וואקסנדיקער רום איר ניט געשטערט צו פֿארבלײַבן אין דער ראָלע פֿון א פֿרוי, וואָס דאגהט וועגן איר מאנס באקוועמלעכקײַטן. זי האָט אויפֿריכטיק גענומען אויף זיך די דאָזיקע פֿליכט און פֿארבליבן איר געטרײַ ביזן סוף. די אָנשטרענגונג פֿון עפֿנטלעכע אויפֿטריטן, דער אומפֿארמײַדלעכער און מאטערנדיקער אָנטייל אין באנקעטן און צוזאמענטרעפֿן מיט הויכגעשטעלטע פערזענלעכקײַטן האָבן ניט אָפּגעשוואכט דאָס דערפֿילן אירע אויפֿגאבעס פֿון א ווײַב און בעל-הביתטע.

געריירט און א ביסל פֿארשעמט פֿון איר כסדרדיקער באזאָרגטקײַט וועגן מיר, האָב איך ערשט נאָך א געוויסער צײַט אנטדעקט די סיבה דערפֿון. דאָס איז געווען די שרעק פֿון דער שוין דעמאָלט אומגליקלעכער פֿרוי מיך צו פֿארלירן, ווײַל זי האָט גוט געוווּסט, אז איר געפֿיל צו מיר איז ניט קײַן קעגנזײַטיקס. מײַן גלײַכגילט צו איר מוזיק האָט נאָך טיפֿער געמאכט איר שרעק. א געוויסן באטײַט האָט אויך געהאט דער פֿאקט, וואָס אחוץ מיך האָט זי ניט געהאט קײַן איין נאָענטן מענטשן. די קרובים פֿון איר פֿאָטער - א פוילישער ייִד, וועלכער האָט עטלעכע יאָר פֿאר היטלערס קומען צו דער מאכט עמיגרירט קײַן דײַטשלאנד און דאָרט חתונה געהאט - האָבן זי נאָכן קריג אראָפּגעבראכט קײַן פוילן. זיי האָבן דאָס געטאָן ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז זי האָט אָנגעוווירן ביידע עלטערן: דער פֿאָטער איז געשטאָרבן אין א קאָנצענטראציע-לאגער און די מוטער, וועלכע איז אלס דײַטשקע פֿארבליבן אויף דער פֿרײַ, איז אומגעקומען בעת א באָמבארדירונג. ערנע האָט אָנגעוווירן יעדן קאָנטאקט מיט אירע קרובים, ווען זיי האָבן מיט א פּאָר יאָר שפעטער פֿארלאָזט פוילן. פון דעמאָלט אָן ביזן ענדיקן די מוזיק-שול האָט זי זיך אויפֿגעהאלטן פֿון א סטיפענדיע.—

נאָכן פֿארענדיקן דעס טורנע האָבן מיר זיך אומגעקערט אין אונדזער וווינונג און זיך גענומען פֿאר די פֿריערדיקע באשעפֿטיקונגען: איך פֿאר מײַן ארבעט אין ביוראָ און ערנע פֿאר די פֿיל-שעהדיקע רעפעטיציעס און אָפֿטע קאָנצערטן.

און אט, אין אן ארטיקל וועגן איינעם פֿון אירע קאָנצערטן, וואָס דו האָסט אָפּגעדרוקט אין די "מוזיקאַלישע נײַעס", האָסטו אנטדעקט א פלוצעמדיקע ענדערונג אינעם סטיל פון איר שפילן. "איך האָב געהאט דעם אײַנדרוק - האָסטו געשריבן - אז עפּעס אן אָרגאנישע שטערונג לאָזט ניט דער קינסטלערין אויסנוצן די גאנצע זינגעוודיקײַט פֿון איר לאנגן בויגן און נעמט אָפּ פֿון איר שפּילן דעם פֿריערדיקן שוווּנג. דערפֿאַר האָבן זיך דערהערט אין אים נײַע, הארטע קלאנגען, ווען זי האָט אונדז איבערראשט מיטן געדיכטן רעגן פֿון אירע פּיטשיקאטאָס. ס'האָט זיך געקאָנט דאכטן אז פּאגאניניס אלטער דעמאָן, וועלכן זי האָט א מאָל אײַנגעוויגט מיט איר צארטן אָרעם, האָט זיך אויפֿגעכאפּט כדי אונדז ווידער צו פֿאַרוווּנדערן און שרעקן".

איך וועל ניט איבערטרײַבן אויב איך וועל זאָגן, אז דײַן ארטיקל האָט מיך אויפֿגעטרייסלט. מײַן סקעפּטיציזם בנוגע קונסטקריטיק, פֿון וועלכער כ'פֿלעג א מאָל אָפּלאכן, זעענדיק אין איר הוילע פֿראזעאָלאָגיע, איז אָפּגעטראָטן פֿאַר דער מערקווערדיקער טרעפֿלעכקײַט פֿון דײַן אינטויִציע. ווײַל איך, און נאָר איך, - ניט געקוקט אויף מײַן פֿרעמדקײַט צו מוזיק, - האָב געקאָנט וויסן די סיבה פֿון אָט דער ענדערונג אין ערנעס שפּילן.

יאָ, אן אָרגאנישער פּגם האָט איר אָנגעהויבן שטערן... ווען מיר האָבן נאָכן צוריקקומען פֿון טורנע, פֿון דאָס נײַ אײַנגעאָרדנט אונדזער וווינונג, איז זי ווי שטענדיק געווען מער טיכטיק פֿון מיר. איין מאָל בײַם אויפֿהעבן די פֿאַרהאנגען, האָט זי פּלוצלינג א געשריי געטאָן: - זבישעק, איך פֿאַל! און איידער איך האָב באוויזן צוצולויפֿן צו איר, איז זי שוין געלעגן אויפֿן דיל מיט א צעהאקטער פּלייצע. זי איז גלײַך אויפֿגעשטאנען. א בלייכע, אײַנ-האלטנדיק דאָס קרעכצן, האָט זי מיך פֿאַרזיכערט, אז ס'איז גאָרניט געשען. ווען זי האָט אָבער פּרובירט צוריק ארויפֿגיין אויפֿן בענקל, האָט זי זיך פֿאַר-קרומט פון ווייטיק. איך האָב זי צוגעפֿירט צום בעט. אין אוונט איז זי אויפֿגעשטאנען, ווידער געטענהט אז ס'איז איר גאָרניט געשען און גענומען אין די הענט די פֿידל. אָבער בײַ נאכט, ווען איך האָב אָנגערירט איר פּלייצע, האָט זי אזש א געשריי געטאָן פֿון ווייטיק. כ'האָב געמאכט ליכטיק און אויס-געטאָן איר דאָס העמד: ארום איינס פון די רוקנביינדלעך, וואָס זענען קענטיק געווען אונטער איר דינער הויט, האָב איך דערזען א גרויסן בלויען צייכן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון ערנעס קרענק, וואָס איז באוווּסט אונטערן נאָמען "די פּאָט-קראנקהײַט".

ווי ס'האָבן אונדז דערנאָך אויפֿגעקלערט דאָקטוירים, האָט יענער אראָפּפֿאַל נאָך פֿארשאַרפֿט אַן אַלטן קראַנקײַט-פּראָצעס. ערנע, וואָס האָט בירושה געהאט א נייגונג צו שווינדזוכט, איז נאָך קינדווײַז דורכגעגאנגען א מילדע, ספּעצי-פֿישע פֿאַרענדערונג אין דער רעכטער לונג. דאָס האָט זיך אויסגעהיילט און מער ניט געגעבן פֿון זיך צו וויסן. אָבער די טובערקל-מיקראָבן זענען דאָך פֿון איר אָרגאניזם ניט פֿאַרשוווּנדן. דורך בלוט האָבן זיי דערגרייכט צו איינס פֿון די רוקנביינדלעך, עס אָנגעגריפֿן און ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו פֿאַר-לענדן. דער קלאַפּ האָט באַדײַטנדיק פֿאַרערגערט איר מצב.

ערנע האָט זיך ניט דערלויבט די מינדסטע ענדערונג אין איר לעבנס-שטייגער. זי האָט ווײַטער געשפּילט, אָפּגעהאַלטן רעפּעטיציעס מיטן אָרקעסטער און געגעבן קאָנצערטן. בעתן שפּילן אָבער האָט זי אינסטינקטיוו געזוכט הינטער זיך אַן אָנשפּאַר, כּדי לײַכטער צו מאַכן דעם אָנשטרענג פֿון די אָפּגעשוואַכטע פּיסמוסקלען. א געניטער אָבסערוואַטאָר וואָלט אויך געקאָנט באַמערקן, אַז זי האַלט זיך צו שטײַף און מײַדט אויס זיך אײַנצובויגן, כּדי ניט אַרויסצורופֿן דעם ווייטיק. אזא פּאָזע האָט בײַ איר אָפּגענומען די פֿעקײַט פֿון כאַראַק-טעריסטישן אָנבייגן זיך פֿאָרויס און דאָס האָט באַשרענקט דאָס פֿרײַע אויס-שפּרייטן די רעכטע האַנט, וואָס האַלט דעם בויגן.

אָט די ענדערונג פֿון דער פֿידלערינס טעכניק האָט געטוישט דעם גאַנצן אינטערפּרעטאַציע-מעכאַניזם פֿון איר שפּילן. דו האָסט עס אויפֿגעכאַפּט און קורץ פֿאַר דײַן טויט עס סיגנאַליזירט אין דײַנע רעצענזיעס. ערנעס שפּילן איז געוואָרן קאַלט, פּעדאַנטיש און האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער פֿלינקייט פֿון די פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט. און ווען די וואַקסנדיקע פֿאַרקריפּלונג פֿון קערפּער האָט זי געצוווּנגען אין גאַנצן איבערצורײַסן די אויפֿטריטן און אָפּ-געבן זיך נאָך מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, האָט זי דעם נײַעם סטיל פֿון איר שפּילן איבערגעגעבן אירע שילער (ווי, צום בײַשפּיל, זינאַידען).

זי האָט אויך די פּעדאַגאָגישע אַרבעט געמוזט אויפֿגעבן, ווען איר פֿעסטער כאַראַקטער איז באַהערשט געוואָרן דורך דער שטאַרקערער קרענק. ערשט דעמאָלט האָט זי זיך דעצידירט צו ווענדן זיך נאָך אַן עצה צו א באַקאַנטן דאָקטער. יענער האָט אונדז אָפּגעשיקט צו א ספּעציאַליסט. דער האָט אונדז קלאָר געמאַכט וועגן דער ערנסטקײַט פֿון דער לאַגע: גלײַך אָפּשיקן אין שפּיטאָל און אַרײַנ-לייגן אין "האַרטן בעט" - דאָס איז געווען דער באַדינג זי צו דערהאַלטן בײַם לעבן. די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג איז אויסגעפֿירט געוואָרן, ווען איך האָב זיך אומדערוואַרטעהייט דערוווּסט וועגן דײַן טויט.

איך ווייס ניט צי האָסטו זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג אז פונקט ווי ערנע ביסטו פון קינדווייז אָן געווען אָנגעשטעקט מיט טובערקולאָז. דאָס טאַקע, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט פון פרוי יאַגוסיא, איז געווען די הויפּט-סיבה פאַר וואָס דיינע עלטערן האָבן געקויפט די הינטערשטאָטישע ווילע אין אונדזער קוראָרט, וואָס האָט געשמט ווי א גוטע קלימאַטישע סטאַציע פאַר טובער-קולאָז-קראַנקע. די אויסגעצייכנטע באַדינגונגען פון דיין קינדהייט און דער זייער אָפּגעהיטער לעבנס-שטייגער אונטער יאַגוסיאַס השגחה אין דער אָקופּאַציע-צייט האָבן דערהאַלטן דיין ווידערשטאַנד-קראַפט קעגן די באַצילן. דערפאַר האָט די באַהעמע, צו וועלכער דו האָסט זיך אָפּגעגעבן סוף פערציקער יאָרן, געפירט צו א באַנייונג פון דיין קראַנקייט. אין יענער צייט האָסטו איבערגעריסן דיין אַרבעט אין אינסטיטוט פאַר פילאָסאָפיע-געשיכטע, זיך גענומען צו מוזיק-קריטיק און אָנגעהויבן פירן א ציגיינער-לעבן אין דער קינסטלערישער סביבה.

נאָך ערנעס אָפּפאָרן אין שפּיטאָל איז געקומען פאַר מיר אָן אַנדערטהאַלב-יאָריקער צייטאָפּשניט פון פאַרבלאָזער עקסיסטענץ: לאַנגווייליקע ביורא-אַרבעט און וועכנטלעכע באַזוכן ערנען אין שפּיטאָל. נאָכן אָפּזיצן אַנדערטהאַלבן יאָר אין שפּיטאָל האָט ערנע קאַטעגאָריש געפאָדערט זי אויסצושרייבן. דאָס ליגן אין "האַרטן בעט" האָט נאָך געדאַרפט דויערן, בפרט אז ס'איז ניטיק געווען צו ראַנגלען זיך מיט קאָמפּליקאַציעס. מען האָט אַפילו גערעדט וועגן אָן אָפּעראַציע, אָבער מען האָט זי ניט אויסגעפירט. אַלע אויפקלערונגען פון די דאָקטוירים ווי אויך מיינע בעטן זיך ביי איר האָבן ניט געפועלט. איר ווילן צו פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל (די סיבה דערפון האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער) איז אומ-מעגלעך געווען צו ברעכן. פאַרזאָרגט מיט א קאָרסעט און מיט א ריי אָנווייזונגען פון דעם אָפּטייל-אָרדינאַטאָר ד"ר גאָרזשקאָווסקי, האָט זי זיך אומגע-קערט אהיים.

פון איר קראַנקייט האָט זי באַקומען א קליינע פאַרקרימונג פון עמוד-השדרה, וועלכער האָט זיך ווי איינגעבראָכן. איר פּנים איז געוואָרן לענג-לעכער, די געלבלעכע האָר האָבן אָנגעווירן זייער גלאַנץ, די אויגן - א מאָל אזעלכע מילדע - זענען געוואָרן קעלטער, די ליפּן, פאַרפּרעסטע, האָבן באַקומען אָן אויסדרוק פון פאַרביטערטקייט.

- איצט, יינגעלע - האָט זי געזאָגט, ווען מיר האָבן אָפּגעגעסן אונדזער ערשטן צוזאַמענדיקן אָוונטברויט - איצט גיב איך דיר פרייהייט. דו ביסט

יונג און געזונט און פֿארדינסט עפּעס בעסערס ווי דאָס צוזאמענלעבן מיט א קריפּל.

איך בין צוגעפֿאלן צו אירע פֿיס און זי פֿארזיכערט אין מײַן ליבע. ס'האָט זיך מיר דעמאָלט געדאכט, אז איך בין אויפֿריכטיק. און ווען מײַנע געפֿילן וואָלטן געווען אזוי שטאנדהאפֿטיק ווי זיי זענען געווען הייס אין דער מינוט ווען איך האָב געמאכט מײַן פֿארזיכערונג, וואָלט אונדזער ווײַ-טערדיק צוזאמענלעבן אָפּגעפֿלאָסן רויק און לויטער.

אָבער מײַן געררירטקײַט איז געווען א צײַטווײַליקע. אין דער אמתן האָב איך ערנען קיין מאָל ניט געליבט. אין אונדזער צוזאמענלעבן האָב איך זיך שטענדיק געפֿילט ווי א פֿויגל, וואָס מען האָט ארײַנגעגנארט אין שטײַג. די שטײַג,האָט זיך מיר א מאָל אויסגעדאכט, איז געגאָסן פֿון גאָלד, איצט איז דער גלאנץ אראָפּ פֿון די דרעטלעך און זיי האָבן זיך ארויסגעוויזן הארט, מאט און קאלט. ווען איך בין אויפֿגעשטאנען פֿון קניען און ארויס אויף אן איינזאמען שפּאציר, האָב איך שוין געפֿילט א טעמפּן כעס אויף ערנען דערפֿאר וואָס זי האָט אזוי דורכדרינגלעך געטראָפֿן מײַנע געדאנקען, אויסדריקנדיק זיי כמעט מיט די זעלבע ווערטער אין וועלכע זיי האָבן זיך מיר אנטפּלעקט, ווען כ'האָב גע-פֿירט מײַן קראנקע פֿון שפּיטאָל אהיים. ווי א כיטרעקײַט האָט זיך מיר אויס-געדאכט דאָס, וואָס ארויסזאָגנדיק הויך מײַנע אייגענע געדאנקען, האָט זי מיך דערמיט געוואָלט צווינגען איך זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זיי...

ניין, כ'האָב ניט געקאָנט פֿון זיי זיך אָפּזאָגן! כ'האָב זיך געפֿילט ווי א תּפֿיסהניק, ווי א מענטש וואָס איז פֿארשפּארט קעגן זײַן ווילן אין א קלויסטער-קאמער. "איך טויג ניט פֿאר דער ראָלע פֿון א הייליקן – האָב איך געטראכט, – ניט אלע מוזן זײַן מיסטישע פֿילאָסאָפֿן ווי יעזשי באדעראַ". דער "א", וואָס דו האָסט צוגעהעקלט צו דײַן פֿאמיליע-נאָמען "באדער", כדי ער זאָל קלינגען ריין פּויליש, האָט מיך ארײַנגעבראכט אין גרימצאָרן. דאָס פֿאר-שלײַערן דיך פֿאר א פּאָליאק האָבן נאָך דײַנע עלטערן אָנגעהויבן, רופֿנדיק דיך מיטן נאָמען "יעזשי", ווען דו האָסט מסתּמא געהייסן איציק אָדער יאנקל. ווי געוויינטלעך, אין מינוטן פֿון אויפֿרעגונג האָט זיך אין מיר דערוועקט דער אנטיסעמיטיזם, ווי א באנײַונג פֿון אן אלטער עקזעם. איך האָב זיך דערמאָנט, אז אויך ערנע איז אין פּופּציק פּראָצענט א ייִדישע, כאָטש איך האָב זיך דערבײַ אָפּגעגעבן א רעכענונג, אז דאָס מעסטן ייִדישקײַט אויף פּראָצענטן איז אן איבערבלײַבעניש פֿון דער היטלעריסטישער "לערע".

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מײַן אויפֿרעגונג וועט מיר גאָרניט העלפֿן. ס'איז אוממעגלעך געווען פֿאַר מיר אַרויסצוּוואַרפֿן אַ קראַנקע פֿרוי, כדי אויף איר אָרט צו געפֿינען אַן אַנדערע, אַ געזונטע. דאָס וואָלט איך ניט געטאָן, ווען כ'וואָלט אַפֿילו ניט דורכגעלעבט יענע זעקס יאָר אונטער דײַן השפּעה. דערויף וואָלט מיר ניט דערלויבט די עלעמענטאַרע אָנשטענדיקייט.

ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו אונדזער וווינונג, צוריק פֿון מײַן שפּאַציר, בין איך שוין געווען רויִק.

– געדולד! – האָב איך צו זיך געזאָגט, און געזען אין מײַן דמיון דאָס דיקע פּנים מיט די געדיכטע שוואַרצע וואָנצן פֿון ד"ר גאָרזשקאָווסקי, דעם אָפּטייל-אָרדינאַטאָר פֿון וואַרשעווער שפּיטאָל, ווו ערנע האָט זיך געהיילט. – דו ביסט נאָך יונג...

מיר האָבן אָנגעהויבן אַ נײַ צוזאַמענלעבן, וואָס האָט געפֿאָדערט פֿון ביידע צדדים אַ סך געדולד און קעגנזײַטיקע טאָלעראַנץ. דאָס האָט ערנען ניט אויסגעפֿעלט. איך, פֿון מײַן זײַט, האָב צונויפֿגעקליבן די גאַנצע ווייכ-האַרציקייט וואָס כ'האָב געקאָנט אין זיך געפֿינען. זי האָט געשטאַמט פֿון מײַן רחמנות אויף דער אומגליקלעכער און פֿון מײַן אויפֿריכטיקן באַשלוס אויסצו-דויערן לעבן איר ב י ז צ ו ם ס ו ף. בהדרגהדיק האָט זיך צוריק אָפּגע-פֿונען די אינטימיטעט, וואָס מיר האָבן אָנגעווירן בעת די לאַנגע חדשים פֿון צעשיידונג. מײַן אויפֿגעבראַכטקייט איז פֿאַרבײַ און די איבערפֿלאַך פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויסגלײַכן.

אויפֿן גרונט פֿון מײַן באַשלוס אויסצודויערן לעבן ערנען "ביז צום סוף" איז געלעגן דער פֿאַרבאָרגענער גלויבן, אַז כ'וועל ניט דאַרפֿן לאַנג וואַרטן... דער דאָזיקער גלויבן איז געבונדן געווען מיטן האָבן שטענדיק פֿאַר מײַנע אויגן דאָס דיקע פּנים מיט די געדיכטע שוואַרצע וואָנצן פֿון דעם אָפּטייל-אָרדינאַטאָר ד"ר גאָרזשקאָווסקי.

ריידנדיק אַ מאָל מיט אַן אינטערעסאַנט אין בּיוראָ, האָב איך זיך גע-ווענדט צו אים: "הער גאָרזשקאָווסקי!" דער מענטש האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט: "פֿאַרקערט: סלאָדקאָווסקי"*.

---

* אין פּויליש מיינט "גאָרזשקאָ" ביטער און "סלאָדקאָ" – זיס.

געוווינט פֿון מײַנע שמועסן מיט דיר כסדר צו קאָנטראָלירן מײַנע געפֿילן און געדאנקען, האָב איך זיך באמיט צו דערגיין די סיבה פֿון מײַן האלטן אין זכרון דאָס פּנים פֿון דעם שפּיטאָל-דאָקטער. איך האָב זיך אויפֿגעצווּנגען צו דערמאָנען עפּעס מער פֿון ד"ר גאָרזשקאָווסקי, כדי צו בארעכטיקן די אבסאָרבירונג מײַנע מיט זײַן פּערזאָן. איך האָב זיך דערמאָנט, אז אינעם טאָג פֿון ערנעס פֿארלאָזן דאָס שפּיטאָל האָט זי דער אָרדינאטאָר געוואָרנט, אז דאָס פֿארקירצן די צײַט פֿון ליגן אין "הארטן בעט" איז עלול גורם צו זײַן א רעצידיוו. ער האָט אויך, א ביסל פֿארנעפּלט געגעבן צו פֿארשטיין, אז די אנטוויקלונג פֿון דער קראנקײַט קאָן א מאָל דערפֿירן צו א קאטאסטראָפֿע.

איצט האָב איך פֿארשטאנען פֿאר וואָס איך האָב זיך בארויקט, ווען כ'בין צוריקגעקומען יענעם טאָג פֿון מײַן שפּאציר און דערזען אין מײַן דימיון דאָס פּנים פונעם דאָקטער. איך האָב געהאָפֿט, אז זײַן שווארצע נבואה וועט אין גיכן מקוים ווערן... געדולד! - האָב איך צו זיך געזאָגט - דו ביסט נאָך יונג וועסט נאָך באוויַזן אָנצוזעטיקן זיך מיטן לעבן נאָך דעם ווי ערנע וועט אוועקגיין.

צי בין איך א מאָנסטער? צי טראָג איך אין זיך א קרענק וואָס צווינגט מיך צו פֿארלאנגען, קעגן מײַן ווילן, דעם טויט פֿון מײַן נאָענטסטן מענטשן? צי זענען מיר אלע אזוינע? טראָגט יעדער פֿון אונדז פֿארבאָרגן אין זיך א דעמאָן, וואָס פֿירט אָן מיט זײַנע פֿארלאנגען?...

ערנע האָט פֿארשטאנען ווי צו פֿארמינערן מיט איר אויפֿפֿיר דעם אָפּשטויסנדיקן אײַנדרוק פֿון איר פֿארקריפּלונג. זי האָט ניט אויפֿגעהערט צו זאָרגן, צו קימערן זיך וועגן מיר. זי האָט זיך געהאלטן אזוי, ווי די דעפֿאָרמירונג פֿון איר קערפּער וואָלט געווען ניט איר צרה, נאָר מײַנע. מיט אומעט און רחמנות האָט זי געקוקט אויף מיר, ווען עפּעס א לאבאָראטאָרישע אונטערזוכונג איז אויסגעפֿאלן ניט גינסטיק, ווען זי איז אראָפּגעפֿאלן פֿון דער וואָג, אָדער איר טעמפּעראטור איז געשטיגן. די געררטקײַט וואָס האָט מיך ארומגענומען יעדעס מאָל, ווען זי האָט געגעבן צו פֿארשטיין אז אלץ וואָס קערט זיך אָן מיט איר האָט א באדײַט נאָר אויף אזוי פֿיל אויף וויפֿל דאָס איז שײַך צו מיר, האָט מיך באפֿעסטיקט אין מײַן באשלוס צו בלײַבן איר געטרײַ. איין טאָג האָט זי מיך ממש מיטגעריסן: זי האָט דערוויזן, אז זי קאָן ווײַטער שפּילן, אז זי

הערשט איבער דער פֿידל! דאָס וואָס זי האָט באַוויזן, איז געווען אַן אויסדרוק פֿון גרויסן טאַלאַנט און גבֿורהדיקן ווילן. זי האָט דערגרייכט דאָס צו וואָס עס זענען פֿעיִק נאָר די גרעסטע וווירטואָזן: שפּילן אויפֿן אינסטרומענט אַ ון דעם א י נ ס ט ר ו מ ע נ ט. דאָס הייסט: פֿון דער מוח-און-הענט-צוזאַמענאַרבעט באַפֿרײַען די הענט! די הענט, ווי יעדער אבֿר, זענען נאָר אויטאָמאַטישע אויספֿירערס פֿון די באַפֿעלן פֿון דעם מוח, און ער איז בעת איר ליגן אין "האַרטן בעט" ניט געווען באַשרענקט. די גאַנצע צײַט פֿון איר ליגן אין שפּיטאָל איז ניט אַדורך קיין איין טאָג זי זאָל אין איר דימיון ניט טרענירן זיך אויף דער פֿידל. ווי באַוווּסט, האָט אויף אַזאַ אימאַגינערישן אופֿן זיך טרענירט פּאַגאַניני. דערפֿון האָט זיך גענומען דער גלויבן פֿון המון, אַז ער טרענירט זיך בכלל ניט, ווײַל זײַן קונסט איז אַ זאַך פֿון טײַוולאָנישער אינספּיראַציע.

אַ דאַנק די דאָזיקע עקשנותדיקע און איבערמענטשלעך שווערע דימיון-טרענירונגען האָט ערנע אָנגעהאַלטן די טיכטיקײַט פֿונעם נערוון-מעכאַניזם, וואָס פֿירט אָן מיטן שפּילן. נאָכן אַפּלויף פֿון אַכצן חדשים האָט זי אָבער דער-פֿילט, אַז אָן אַ ווײַטערדיקן ממשותדיקן צוזאַמענבונד מיט דער פֿידל וועט אָפּגעשוואַכט ווערן די פֿיזיאָלאָגישע אײַניקײַט צווישן אירע פֿינגער און די פֿידל-סטרונעס, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך לאַנגע יאָרן סיסטעמאַ-טישער אַרבעט; האָט זי קאַטעגאָריש געפֿאָדערט זי אויסצושרײַבן פֿון שפּיטאָל. אין דער היים האָט זי יעדן טאָג געשפּילט בעת איך בין געווען אין ביורא. ווען זי האָט זיך איבערצײַגט, אַז זי האָט ניט אָנגעווירן די שליטה איבערן אינסטרומענט, האָט זי איין מאָל פֿאַרלענגערט איר שפּילן ביז מײַן אַהיימקומען.

איך בין געשטאַנען אַ פֿאַראַפּטער, געוואַרט ביז זי וועט ענדיקן איר שפּילן. זי האָט געשלאָסן מיט אַ פּאָר קורצע אַקאָרדן, דערנאָך אוועקגעלייגט די פֿידל און אויסגעצויגן צו מיר די הענט.

– האָסט געהערט? ניט אַזוי שלעכט, אמת?

איך בין צוגעגאַנגען און זי לײַכט אַרומגענומען. ווי געווײַנטלעך האָט זי "קאָקעטיש" אָפּגעווענדט דעם פּנים, געוווּסט אַז אירע קושן קאָנען זײַן אָנשטעקנדיק. נאָר איר לינקע האַנט, וואָס האָט נאָר-וואָס געצערטלט די פֿידל, האָט מיך אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע.

– צום טיש, ייִנגעלע! וועסט זיך איבערצײַגן אַז דײַן ערנע קאָן ניט נאָר שפּילן, נאָר אויך אָפּקאָכן אַ לײַטישע שוואָמענזופּ.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי באַנײַט איר קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער מוזיקשול און קורץ נאָך דעם זיך צוריק געפֿונען אויף דער פּעדאַגאָגישער ליסטע. זי האָט בײַ אונדז אין דער היים געגעבן לעקציעס שילערינס און שילערס פֿון די העכערע קורסן. אַליין האָט זי געשפּילט ווייניק. ס'האָט איר געקאָסט צו פֿיל אָנשטרענגונג. אין קורצן האָט זי באַקומען אַ שם פֿון אַ שטרענגער, פּעדאַנטער לערערין. די אויספֿירונגען פֿון אירע שילערס אויף די יערלעכע עקזאַמענס און זייערע זעלבשטענדיקע אויפֿטריטן זענען געווען קאָרעקט און דערפֿירט ביז שלימות. די פֿרײַע צײַט נאָך די לעקציעס און שטובאַרבעט (זי האָט זיך אַצינד געלאָזט פֿאַרטרעטן דורך פֿרוי יאַגוסיאַ, וועלכע איז געוואָרן אירס, ווי אַ מאָל מײַן מוטערס, געהילף), האָט זי אויסגענוצט פֿאַר טעאָרעטישן שטודירן די פֿיזיאָלאָגיע פֿון פֿידל-שפּיל. אין שײַכות דערמיט איז זי אַפֿילו – אַגב גאַנץ זעלטן – געפֿאָרן קײַן וואַרשע צו באַזוכן די אַנשטאַלטן פֿון מעדי-צינישן פֿאַקולטעט.

אויף די זיצונגען פֿון פּעדאַגאָגישן ראַט ווי אויך אין אַרטיקלען אין די פֿאַכשריפֿטן, האָט זי באַגרינדעט איר מעטאָדע פֿון לערנען פֿידלשפּיל דורך אויס-שולן אַ ריינע טעכניק, אָן אַ צומיש פֿון געפֿיל. זי האָט אָנגעוויזן, אַז די אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ מוזיקאַליש ווערק געפֿינט זיך אין אים גופֿא, אין הסכם מיט דעם קאָמפּאָזיטאָרס כוונות. "די פֿליכט פֿונעם ווירטואָז איז נאָר געוויסנדיק אויסצופֿילן די אויפֿגאַבע, וואָס איז אויסגעדריקט דורך די נאָטן-צייכנס" – האָט זי געשריבן.

אַזוי האָט זי אָנגעפֿילט מיט אינהאַלט יעדן טאָג פֿון איר לעבן. מען האָט הויך געשאַצט אירע פּעדאַגאָגישע אויפֿטוען. דאָס צוזאַמענזײַן מיט אַ געליבטן מאַן האָט איר לעבן צוגעגעבן באַטײַט און טעם. און ווען ניט די תקופֿות פֿון אָפּשוואַכונג און טעמפּעראַטור-שטײַגערונג, ווי אויך די שטענדיקע מורא אַז איר כראָנישע קראַנקײַט קאָן זיך ווידער פֿאַרשאַרפֿן, וואָלט זי געקאָנט האַלטן אַז דער גורל איז נאָך ניט צום ערגסטן זיך מיט איר באַגאַנגען.

אָבער מיר איז כלל וכלל ניט געווען וואָס מקנא צו זײַן... ניט האָבנ-דיק אין לעבן קײַן העכערע צילן, וואָלט איך געקאָנט געפֿינען צופֿרידנקײַט נאָר אין עולם-הזה-תענוגים. און דווקא דאָס האָט מיר געפֿעלט. אַפֿילו דאָס

נאָרמאַלע אויסלעבן זיך פֿון א מאן איז, מחמת ערנעס געזונט-צושטאנד, אײַנ-געשרומפּן געוואָרן דורך די אָנווײַזונגען פֿון ד"ר גאָרזשקאָווסקי. צווישן די מאמענטן פֿון געריכטקײַט און רחמנות איבער דער אזוי מיר איבערגעגעבענער פֿרוי און פֿון מײַן אָנערקענטער פֿליכט צו בלײַבן איר געטרײַ, האָב איך זיך געפֿונען אין א צושטאנד פֿון כסדרדיקן אויפֿרייץ.

אין קאמף פֿאַרן נצחון פון מײַנע בעסערע זײַטן (דערוועקטע און אויס-געפֿאָרעמטע דורך דיר) און ניט קאָנענדיק באפֿרידיקן די חיַשע אינסטינקטן פֿון "שיינעס זבישעק" האָב איך געזוכט זיי אָפּצונארן, כדי ניט צו דערלאָזן אים באגיין א געמיינקײַט. פֿאַרביטערט דורך דער פֿאַרקריפּלונג פֿון מײַן פארטנערין, האָב איך גערופֿן צו הילף מײַן פֿאָרשטעלונג-קראַפֿט, כדי אָפּצונארן מײַנע חושים...

אָבער מײַן פֿאַנטאזיע איז געווען צו אָרעם ארויסצורופֿן געגארטע פֿאַר-שטעלונגען און ניט קאָפּירן זיי פון דער נאטור. האָב איך געמוזט בײַ טאָג זוכן לעבעדיקע מוסטערן פֿאַר די נאקטיקע העלדינס פֿון מײַן דימיון... דאָס זענען געווען די שענערע פֿון צווישן די פֿרויען, וואָס זענען געקומען אין מײַן ביוראָ, חנוודיקע פֿרויען וואָס כ'האָב געטראָפֿן אין גאס, פֿילם-אקטריסעס וכדומה. קוקנדיק אויף זיי מיט דער כוונה אײַנצוהאלטן זיי אין מײַן זכרון שפּעטער, בעת מײַן צוזאמענזײַן מיט ערנען, האָב איך געהאט דאָס ניט אײַנגענעמע געפֿיל אז איך טרײַב פערווערסיע.

בעת מיינע עלנטע אָוונט-שפּאצירן פֿלעג איך צו זיך אליין טענהן: "פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר צו לײַדן, אָפּצונארן זיך אליין?" "מיט וואָס האָב איך זיך דאָס פֿאַרזינדיקט?" - האָב איך געטראכט, אראָפּגייענדיק פֿון די מיט אײַז באדעקטע שטיגן, וואָס האָבן געפֿירט צום פארק אין טאָל. זיי זענען געווען אזוי משופּעדיק, אז כ'האָב מיך געמוזט אָנהאלטן אָן פּאָרענטש, כדי זיך ניט אויסגליטשן און אראָפּפֿאלן. - "איך בין פֿאַרמישפּט צו לעבן מיט א פֿרוי, וואָס כ'האָב זי ניט געליבט ווען זי איז געווען געזונט און קאָן זי ניט ליבן איצט, ווען זי איז קראנק. זי האָט מיך קיין מאָל ניט געפֿרעגט צי איך האָב זי ליב. פֿאַר איר איז גענוג געווען וואָס זי ליבט מיך..."

דאָס פֿאַרבײַטן מײַן ניט-באגערטע פארטנערין אויף אן אנדערע, א באגערטע און ווירקלעכע, איז אָבער געקומען.

איך האָב זי באַגעגנט, ווען איך האָב זיך איין מאָל צוריקגעקערט פֿון דער ארבעט אהיים פֿריער ווי שטענדיק. זי איז ארויסגעגאנגען פֿון אונדזער וווינונג מיטן פֿוטליאר אונטערן אָרעם - א הויכע, מיט א קליין שטיפֿעריש פנימל און מיט העלע האָר, וואָס האָבן זיך ארויסגערוקט פון אונטערן סאמעטענעם היטעלע. זי האָט אויף מיר א קוק געטאָן, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גיך מיך אויסגעמיטן.

- ווער איז דאָס געווען? - האָב איך געפֿרעגט מײַן פֿרוי, ארײַנקומענדיק אין שטוב.

- דאָס איז זינאידע, איינע פֿון מײַנע שילערינס.

דעם זעלבן אָוונט, ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען פֿון הויז, האָב איך פֿארגעלייגט ערנען א שפּאציר איבערן פארק. זי האָט אײַנגעשטימט צו פֿארלענגערן דאָס מאָל איר געוויינטלעכן מארשרוט, כדי אָפּצוטעמען מיט דער ווייכער לופֿט פֿון טאָל. מיר האָבן פּאַוואָליע געטראָטן איבערן סקריפּענדיקן שניי, ביז מיר זענען דערגאנגען צו די טרעפּ אין פארק.

- ווי טיף! - האָט ערנע אויסגערופֿן, אראָפּקוקנדיק אין טאָל.

ווען מיר זענען אראָפּגעגאנגען עטלעכע שטיגן, האָט זיך פלוצלינג באוויזן אין מײַן דימיון ווי ערנע הענגט-אויף די פֿארהאנגען א מינוט פֿאר איר אראָפּפֿאלן. "זבישעק, איך פֿאל!" האָט מיר א קלונג געטאָן אין די אויערן איר דעמאָלטיקער אויסגעשריי.

- זבישעק, איך פֿאל! - האָב איך טאקע דערהערט איר דורכדרינגענדיק קול. זי האָט זיך א וואקל געטאָן און זיך אראָפּגעגליטשט פֿון צוויי טרעפּ. ספּאזמאטיש אײַנגעקלעמט מיט די דינע פֿינגער אין מײַן אָרעם, האָט זי זיך אין אים אָנגעהאָנגען און שארנדיק פֿארצווייפֿלט מיט די פֿיס איבערן אײַז, האָט זי מיט א גרויסן אָנשטרענג אָפּגעפֿונען איר גלײַכוואָג.

...צי האָב איך זי א שטויס געטאָן? איך ווייס נאָר, אז ווען ס'האָט זיך דערהערט איר אויסגעשריי, איז ניט איך האָב זי אונטערגעהאלטן, נאָר זי אליין האָט זיך אײַנגעקלאמערט אין מײַן אָרעם און אזוי ארום אויסגעמיטן דעם אראָפּפֿאל...

אָבער אויב אַפילו איך האָב זי ניט א שטופּ געטאָן, פֿאַרבלײַבט דאָך דער פֿאַקט, אַז איך האָב זי דערפֿירט צום געפֿערלעכן אַראָפּגאַנג, אויף וועלכן איך אַליין האָב מיט עטלעכע טעג צוריק געמוזט זיך אָנהאַלטן בײַם פּאַרענטש, כּדי זיך ניט אויסגליטשן... הייסט עס איך בין טאַקע אַ מאָנסטער, אַ פֿאַרברעכער וואָס איז פֿעיִק צו באַגיין אַ מאָרד, כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער קראַנקער פֿרוי! די עובֿדה, אַז כ'בין מסוגל צו באַגיין אַ פֿאַרברעכן האַלב באַוווּסטזיניק, פֿאַרגרעסערט נאָך די סכּנה וואָס לויערט אויף אונדז ביידן. צי וואָלט שוין ניט בעסער געווען אין אַזאַ פֿאַל זיך צעשיידן אויף אַ נאָרמאַלן וועג, כּל-זמן דאָס איז נאָך מעגלעך?

איך האָב געטראַכט וועגן דעם, בײַם פֿירן ערנען אַהיים נאָכן שפּאַציר אין פּאַרק. מיר האָבן דעם גאַנצן וועג געשוויגן, כּדי ערנע זאָל ניט אײַנטעמען מיטן מויל די פֿראָסטיקע לופֿט. נאָכן צוריקקער פֿונעם שפּאַציר זענען מיר פֿרי געגאַנגען שלאָפֿן. ווי נאָר איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן איז אויפֿגעשווומען פֿאַר מיר זינאַידעס פֿריש, שטיפֿעריש פּנים...

אויף צו מאָרגנס האָב איך זיך געווענדט צו מײַן שעף און געבעטן אַ דערלויבעניש פֿריער מיט אַ שעה אָנצוהייבן און פֿריער צו פֿאַרענדיקן מײַן אַרבעט אין ביוראָ. געטאָן האָב איך עס מיטן ציל שטענדיק צו קאָנען טרעפֿן זינאַידען, ווען זי גייט אַרויס פֿון אונדזער הויז נאָכן פֿאַרענדיקן די לעקציע. דער שעף האָט מיר אָפּגעזאָגט מײַן בקשה, מיטן מאָטיוו, אַז ס'רוב אינטערעסאַנטן קומען אין ביוראָ צווישן דרײַ און פֿיר נאָך מיטאָג. כּדי צו באַקומען די געגאַרטע דערלויבעניש האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿון זאָגן אַ ליגן, אַז אין דער דאָזיקער צײַט דאַרף איך העלפֿן מאַכן מײַן פֿרוי אײַנשפּריצונגען. דאָס האָט געווירקט און דער שעף האָט געגעבן זײַן הסכּמה.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער - דאָס איז געווען מיטוואָך, אינעם טאָג פֿון זינאַידעס לעקציע - בין איך אַרויס פֿריער פֿון ביוראָ און געלאָזט זיך גיין אַהיים. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערזען אויף דער וואַנט פֿון אַ הויז הענגען אַ קלעפּסידרע, אויף וועלכער עס איז געווען אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות דער נאָמען ערנע. ווען איך בין אָבער צוגעקומען נענטער האָב איך געזען, אַז עס איז ניט ערנע, נאָר עמיליע.

וואָס האָט דאָס געזאָלט באַטײַטן? דאָס "גרײַזיקע" איבערלייענען דעם נאָמען ערנע אַנשטאָט עמיליע (ניט געקוקט אויף מײַן אויסגעצייכנטער ראיה) האָט פֿאַר מיר געהאַט א גאַנץ קלאָרן באַטײַט: איך האָב שוין אויפֿגעהערט אויס-צובאַהאַלטן פֿאַר זיך דאָס דערוואַרטן מײַן ווײַבס טויט ווי א "נאַטירלעכע" צעשיידונג צווישן אונדז...

כ'האָב גיך אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, פֿאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן צוזאַמענטרעף מיט זינאַידען. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער וווינונג, האָב איך דערהערט א פֿידל-שפּילן: דאָס איז געווען דער טייל פֿאַר דער צווייטער פֿידל פֿון באַכס דועט. די לעקציע איז, הייסט עס, נאָך ניט גע-ענדיקט. ווי איך האָב זיך מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער דערוווּסט פֿון זינאַידען אַליין, האָט זי געהאַנדלט ענלעך צו מיר: זי האָט געבעטן ערנען איבערצורוקן איר לעקציע אויף א האַלבע שעה שפּעטער, כדי צו האָבן די מעגלעכקײַט מיך צו זען ווען איך קום אַהיים.

מײַן פֿרוי האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר איר שילערין.

- צי וועסטו שוין שטענדיק קומען אין דער צײַט? - האָט זי טרוקן גע-פֿרעגט. כ'האָב ניט געענטפֿערט.

איך בין אַריבער אין צווייטן צימער, כדי זיי ניט צו שטערן אין דער לעקציע. זינאַידע האָט פֿון דאָס נײַ אָנגעהויבן שפּילן, אָבער ערנע האָט איר איבערגעריסן נאָך עטלעכע טאַקטן. די לעקציע איז געווען געענדיקט.

די הויכע טעמפּעראַטור און די ווייטיקן אין די פֿיס האָבן ערנען גע-צוווּנגען איבערצורײַסן איר פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט. נאָך דער אַרבעט פֿלעג איך זיצן בײַ איר בעט. זי האָט ווידער געמוזט ליגן אין איר ענגן קאָרסעט.

אין איינעם א טאָג האָט עמעץ אָנגעקלונגען אין טיר.

- עפֿן - האָט ערנע בייז געזאָגט - דאָס איז זי, די... "זינאַידע". זאָג איר, אַז די לעקציע וועט הײַנט ניט פֿאָרקומען.

מײַן האַרץ האָט הויך געקלאַפּט ווען איך האָב געעפֿנט די אַרײַנגאַנג-טיר. זינאַידע איז אַרײַנגעקומען און איך האָב איר מיטגעטיילט ערנעס ווערטער. גלײַכצײַטיק האָב איך דורכדרינגלעך איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. זי האָט

אָפּגעענטפֿערט מיט א טיפֿן, פֿילצוזאָגנדיקן בליק און, ווי אינסטינקטיוו, זיך איינגעבויגן צו מיר. כ'האָב זי ארומגענומען, צוגעצויגן צו זיך. זי האָט זיך צו מיר צוגעדרוקט און מײַן מויל האָט זיך דערנענטערט צו אירס. דאן האָט זי ארויפֿגעלייגט די האנט אויף מײַנע ליפּן. כ'האָב פֿארשטאנען: ניט איצט.

ווען איך בין ארײַן צוריק אין שלאָפֿצימער האָב איך געטראָפֿן ערנען ליגן מיט פֿארמאכטע אויגן. זי האָט זיי ניט געעפֿנט. אָבער איך האָב געוווּסט, אז זי שלאָפֿט ניט...

אין משך פֿון די צוויי וואָכן, וואָס ערנע איז געלעגן אין בעט, האָב איך זיך געטראָפֿן מיט זינאידען דרײַ מאָל. איין מאָל האָט זי מיך אָפּגעוואַרט לעבן אונדזער הויז, ביז איך וועל צוריקקומען פֿון ביוראָ. דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפֿן ניט ווײַט פֿון מײַן ביוראָ, און די לעצטע באגעגעניש איז פֿאָרגעקומען שפּעט אין אָוונט אין פּארק. איך האָב זיך פֿון איר אומגעקערט אהיים מיט א הארץ פֿול מיט פֿרייד. מײַן געהויבענע שטימונג איז, דאכט זיך, ניט אנטרונען פֿון ערנעס וואכיקע אויגן.

דער איבערבראָך איז פֿאָרגעקומען דעם נאָענסטן שבת, נאָך איר אויפֿשטיין פֿון בעט. דאָס איז געווען דער ערשטער און לעצטער איבערבראָך אין מײַנע באציונגען מיט ערנען. זינאידע האָט, ווי געזאָגט, געגרייט פֿאר איר אויפֿטריט דעם צווייטן פֿידלטייל פֿון באכס דועט. זי האָט אים געזאָלט שפּילן צוזאמען מיט א קאָלעגע, אויך ערנעס א תלמיד. איידער עס איז געקומען די צײַט פֿון בשותּפֿותדיקע רעפּעטיציעס האָט ערנע געארבעט מיט יעדן פֿון זיי באזונדער. פֿון צײַט צו צײַט האָט זי אליין באגלייט זיי אויף דער פֿידל. יענעם שבת איז די לעקציע מיט זינאידען פֿאָרגעקומען נאָכן אָוונטברויט. כ'בין געזעסן אין שכנותדיקן צימער און זיך צוגעהערט צו זייער שפּילן. ערנע איז דאָס מאָל געווען שטרענגער ווי תמיד. יעדע וויַילע האָט זי איבערגעריסן דאָס שפּילן, ניט קארגנדיק איר שילערין קײַן שארפֿע באמערקונגען. צום סוף האָט זי אליין גענומען די פֿידל, כדי צוזאמען מיט דער שילערין אָפּצושפּילן א פֿראגמענט פֿונעם דועט. נאָך עטלעכע טאקטן האָט זי איבערגעריסן.

- ס'איז גאָרנישט ווערט! - האָט זי אויסגעשריען. — דאָס איז ניט באך, דאָס איז פּראָפֿאנאציע פֿון אים. די קראַפֿט פון באכן באשטייט - מיט אויפֿרעגונג האָט זי אקצענטירט יעדעס וואָרט - אין קאלטן, גלײַכגילטיקן, אָבער

רייִנעם, אָנגרײַזיקן אויספֿיר. דעם פֿראַגמענט שפּילן גיך, גלײַך און אָן סענטימענטאַליזם. מיר שפּילן צוזאַמען.

באַאומרויִקט פֿון איר צערייִצטקייט, האָב איך געעפֿנט די טיר און שטיין געבליבן אויף דער שוועל. ביידע האָבן זיי גלײַכצײַטיק א קוק געטאָן אין מײַן זײַט. ערנעס מויל איז געווען פֿאַרפּרעסט, די נאָזלעכער צעשפּרייט, זיבאַידעס פּנים צעפֿלאַקערט.

– אָנהייבן! – האָט ערנע באַפֿוילן. זיי האָבן גלײַכצײַטיק א צי געטאָן מיט די בויגנס איבער די סטרונעס. זייער שפּילן איז ענלעך געווען צו צוויי רײַסנדיקע וואַסערשטראָמען וואָס פֿאַראייניקן זיך, צעטיילן און פֿלעכטן זיך ווידער צוזאַמען. ערנע, שפּילנדיק די ערשטע פֿידל, האָט אָנגעגעבן טעמפּאָ דעם מוזיקאַלישן דיאַלאָג, וועלכער האָט זיך מיר אַרויסגעוויזן ווי א פֿאַרביסענער פֿאַרמעסט צווישן זיי ביידן.

פּלוצלינג האָט ערנעס בויגן א צי געטאָן צו ווײַט און - ווײַזט אויס, ניט געשטיצט דורך אן אויסביליג פֿון פֿאַרשטײַפֿטן רוקן - פֿאַרקרומט זײַן וועג פֿאַרהעקלענדיק מיטן האָלץ אין א סטרונע פֿון פֿידל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך א גרילצנדיקן קלאַנג, ענלעך צו א שלוקערץ -

ס'איז געוואָרן שטיל. אָבער נאָך א ווײַלע האָט זיך אין דער שטילקייט קוים דערהערט א געלעכטערל, א פֿאַרטײַעטס, אן אָפּגעהאַקטס, וואָס איז אָבער געוואָרן אַלץ העכער און דרײַסטער ביז עס האָט ענדלעך אויסגעשאָסן אין א הילכיקן, ניט געצוימטן כאַכאָטשען, פֿול מיט טריומפֿירנדיקן ניצחון און שפּאָט.

– פּראָפֿאַנאַציע! פּראָפֿאַנאַציע פֿון באַכס מוזיק!...–האָט זיבאַידע גערופֿן, טרייסלענדיק זיך פֿון געלעכטער.

ערנע איז געשטאַנען א בלייכע און אײַנגעבראָכענע, מיט דער פֿידל אין איין האַנט און מיטן בויגן אין דער צווייטער. אירע אויסגעקרומטע ליפּן, די לאַנגע פֿאַרשפּיצטע נאָז און די גרינע אויגן האָבן זי ענלעך געמאַכט צו א מכשפֿה.

– אַרויס! – האָט זי אויסגעשריען – אַרויס פֿון מײַן שטוב!!

זינאידע, שטיפֿעריש פֿארטײַענדיק דאָס געלעכטער, האָט ארײַנגעלייגט דעם אינסטרומענט אין פֿוטעראל, אים האסטיק פֿארמאכט, אנגעטאָן דעם מאנטל און אָן א וואָרט ארויס פֿון שטוב.

מיטן גאנצן הארצן בין איך געווען אויף דער זײַט פֿון ערנען. איר דורכפֿאל, איר כעס, איר מכשפהדיק פנים - דאָס אלץ האָט געשטאמט פֿון איר פֿארצווייפֿלטער ליבע צו מיר, א ליבע, פֿאר וועלכער מען איז מקריב אלץ, אפֿילו די אייגן-ווערדע.

כ'האָב זי צערטלעך און - צום ערשטן מאָל - באמת אויפֿריכטיק גענומען אין די אָרעמס.

- ערנע - האָב איך געזאָגט - כ'האָב דיך ליב, גלייב מיר. כ'בין א פשוט-טער מענטש, ניט ווערט דיך, ניט ווערט אזא ליבע ווי דײַנע. אלץ וואָס איך וויל, איז פֿארבלײַבן דײַנער, לעבן נאָר פֿאר דיר.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, זיך צוגעפרעסט צו מײַן ברוסט, דאָס ערשטע מאָל זוכנדיק בײַ מיר שוץ און טרייסט.

איך האָב זי צוגעפֿירט צום בעט, געהאָלפֿן אויסטאָן זיך און כדי ניט שטערן איר אָפרו, זיך געלייגט אויף דער סאָפֿע אין שכנותדיקן צימער.

ס'האָט מיך אויפֿגעוועקט אין אָוונט א פֿידל-שפילן פֿול מיט קלינגענדיקע גלעקלעך און פֿויגלשע טרעלן. דורך דער אָפֿענער טיר פֿון מײַן צימער האָב איך געזען ערנען אָנגעשפארט אין שרײַבטיש און שפילן א זאך, וואָס איך האָב גע-קענט: זי האָט געשטאמט פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט. ערנע איז געווען אָנגעטאָן אין דעם זעלבן לאנגן קלייד, אין וועלכן איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען מיט זיבן יאָר צוריק בעתן קאָנצערט. איר קאָפּ מיט די פאסן געלבלעכע האָר איז געווען אָנגעבויגן אויף לינקס, ווי צוזאמענגעוואקסן מיטן אינסטרומענט.

א פֿארגאפֿטער און דערשטוינטער האָב איך געקוקט אויף דער פֿידלערין. זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי די אמאָליקע ערנע, די אכצן-יאָריקע, פֿרישע, עלאסטישע און לײַכטע. דאָס אלץ, וואָס האָט פאסירט פֿון אונדזער ערשטער באגע-געניש אָן ביז דעם הײַנטיקן טאָג, האָט אויסגעזען ווי א חלום. א בייזער חלום, פֿון וועלכן כ'האָב זיך אויפֿגעוועקט.

זי האָט פֿאַרענדיקט מיט צוויי קורצע אקאָרדן, אוועקגעלייגט די פֿידל און צוגעגאַנגען צו מיר מיט א שמייכל, ווי בײַם אראָפּנידערן פֿון דער בינע בעתן אפּלאָדיסמענטן-דונער פֿון באַגײַסטערטן עולם. איך האָב זי אזוי ווי זי איז געשטאַנען אין געפּוצטן קלייד ארויפֿגעצויגן צו זיך אויפֿן געלעגער. מײַנע הענט האָבן ספּאַזמאַטיש געזוכט איר לײַב, עס אויסגעשיילט פֿון אַנטועכץ. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דאָס זשומען פֿונעם בלוט אין מײַנע שלייפֿן. זי איז געלעגן לעבן מיר, אײַנגעשלאָסן פֿעסט מײַן האַלדז אין אירע אָרעמס, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און אָן אָפּן מויל, פֿון וועלכן ס'האָט זיך ארויסבאַקומען א גיכער, סווישטשענדיקער אָטעם. מײַנע ליפּן האָבן געקושט און מײַנע הענט האָבן ארומגענומען, געצערטלט איר קערפּער — מיט די שטאַרצנדיקע ברוסט-ביינער און שפּיציקן, ווי אויף שפּאָט, הויקערדיקן רוקן — — — און צוויי געזאַלצענע ריט-שקעס האָבן געריזלט איבער מײַן פּנים...

זי האָט געעפֿנט די אויגן, מידע, פֿאַרקימערטע אויגן פֿון א קאַליקע. אירע הענט, וואָס האָבן שטײַף ארומגערינגלט מײַן האַלדז, האָבן נאָכגעלאָזט, מיך באַפֿרײַט.

דו ווייִנסט? – האָט זי ארויסגעמורמלט – אָרעמער!...

"אָרעמער". איך! ניט זי!

הײַנט פֿאַרשטיי איך וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט געמאָלט אין איר ווײַנען, פֿאַרנעפּלטן בליק. אין יענער מינוט האָט זי באַשלאָסן צו באַשענקען איר ווייִ-נענדיקן אָרעמען זבישעק מיטן גליק, וואָס ער האָט אזוי באַגערט: מיט פֿרײַהייט...

די נײַע פֿאַרשאַרפֿונג פֿון איר קרענק איז באַשטאַנען אין א כמעט פֿול-שטענדיקער געליימטקײַט פֿון ביידע פֿיס, וואָס איז געקומען נאָכן אָנגרײַפֿן דורך דער שווינדזוכט דעם חוט-השדרה. איצט פֿלעג איך פֿריער מיט עטלעכע שעה אהיימקומען פֿון ביוראָ כדי צו זײַן מיט דער קראַנקער. פֿון דעמאָלט אָן איז דער שרײַבטיש כסדר געווען פֿאַרלייגט מיט בויגנס פּאַפּיר: איך פֿלעג אין דער היים פֿאַרענדיקן מײַן ביוראָ-אַרבעט.

ערנע האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן, אַז עס פֿעלט איר אויס לופֿט בײַ נאַכט און דער דאָקטער, וועלכער האָט עס צוגעשריבן איר אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג,

האָט איר פֿאַרשריבן א שלאָפֿמיטל. ער האָט מיר אויפֿגעקלערט, אז דער קראַנקערס מצב איז, אמת, אן ערנסטער, אָבער ס'איז נישטאָ קיין סכנה פֿאַר איר לעבן, לכל הפּחות, אין דער איצטיקער פֿאַזע פֿון איר קרענק.

ערנע האָט אויך אין איר איצטיקן מצב ניט אויפֿגעהערט זיך צו זאָרגן וועגן מיר און געצוווּנגען מיך צו מאַכן יעדן אָוונט א קורצן שפּאַציר.

דעם לעצטן דאָנערשטיק, קומענדיק פֿון דער אַרבעט, האָב איך דערזען אויפֿן בעט לעבן ערנען איר פֿידל. דאָס האָט יאַגוסיא זי דאָרט אַוועקגעלייגט אויף ערנעס פֿאַרלאַנג.

נאָכן אָוונטברויט האָט מיר ערנע, ווי געוויינטלעך, געהייסן גיין שפּאַצירן. ווען איך בין שוין געווען אויף דער שוועל, האָט זי מיך צוגערופֿן צו זיך. איך בין געשטאַנען איַינגעבויגן איבער איר, זי איז געלעגן מיט האַלב אָפֿענע אויגן.

– דו ווילסט עפּעס, ערנע?

זי האָט לאַנג, שווײַגנדיק אויף מיר געקוקט.

– ווען דו וועסט קומען פֿונעם שפּאַציר וועל איך שוין שלאָפֿן – האָט זי שטיל געזאָגט. – איך וועל אײַננעמען דאָס שלאָפֿמיטל. שלאָפֿן... שלאָפֿן...–זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. – איך בין אַזוי מיד...

ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך זי געפֿונען אַן אײַנגעשלאָפֿענע. דאָס איז געווען א טיפֿער, פּאַטאָלאָגישער שלאָף נאָכן אײַננעמען א שטערבלעכע דאָזע שלאָף-געטראַנק.

זי האָט עס געטאָן מיט דרײַ טעג צוריק. דערנאָך איז געקומען די גסיסה. און הײַנט איז פֿאָרגעקומען ערנעס לוויה.

אַהיימגעקומען פֿון בית-עולם, האָב איך פֿאַרשלאָסן די טיר און אין מאַנטל זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פֿאָטעל אין סאַלאָן באַהאַלטנדיק דעם פּנים אין די הענט.

...זי איז אַוועק. זי האָט עס געטאָן אויס רחמנות אויף מיר, איר אָרעמער זבישעק. בײַ דער גאַנצער גרויזאַמקײַט פֿון איר אומגליק איז זי נאָך פֿעיִק געווען צו האָבן אויף מיר רחמנות. איך האָב זי געמאָנט, אויסגעבעטלט מיט

מײַנע טרערן... צי האָב איך יענעם אָוונט, ארויסגײיענדיק אויפֿן שפּאציר, געוווּסט אז זי וועט דאָס טאָן? ווײַזט אויס, כ'האָב געוווּסט...

א קלאפּ אין טיר.

דאָס טירהענטל האָט זיך א באַוועג געטאָן. נאָך א רגע פֿון שטילקײַט - א קורצער קלונג. דערנאָך א צווייטער, א הילכיקערער, א שטארקערער. א לאַנגע פּויזע. איך הער שטילע טריט, וואָס דערווײַטערן זיך פֿון דער טיר.

איך האָב זיך אויפֿגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. אוועקגעשאַרט דעם פֿאָרהאַנג און איך וואַרט.

איך ווייס, אז ווען זי וועט ארויסגיין פֿון הויז וועט זי אויסדרייען דעם קאָפּ צום פֿענצטער. אזוי טוט זי טאָקע. מיר קוקן זיך אָן א לאַנגע ווײַלע. צום סוף ווענדט זי'נאַידע אָפּ איר בליק, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און גייט פּאַוואָ-ליע אוועק.

איך גיי צו צו דער פֿאַרשטאָרבענערס בעט, אויף וועלכן עס ליגט נאָך אלץ איר פֿידל, לאָז זיך אראָפּ אויף די קני און דריק צו דעם שטערן צו די קאַלטע סטרונעס.

ווי ביטער עס איז דאָס לעבן...

כ'שטיי אויף, גיי צו צום שרײַבטיש, זעץ מיר אַנידער און נעם די פֿעדער אין האַנט:

פֿאַרשטאָרבענער פֿרײַנד! צו דיר ווענד איך זיך איצט אין מײַן נויטיק - - -

דאס קול

ניין, אזא העסלעכקײַט האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזען. שטעלט אײַך פֿאָר א פֿרוי - א פֿרוי! - אויסגעפֿאָרעמט אין גאנצן פֿון גרעסערע און קלענערע פֿעסלעך: פֿון פֿאָרנט א פֿעסל, פֿון הינטן א פֿעסל, דער קאָפּ א רונדיק פֿעסל, מיט באקן - צוויי קליינע פֿעסלעך, און אויגן - גאָר קלייניקע גרינע פֿעסלעך, די פֿיס - צוויי לענגלעכע פֿעסלעך און אויף זיי - א געפֿלעכט פֿון דין-אויפֿגעבלאָזענע פֿעסלעך, א פלאָנטער פֿון וואריקאָזע בלוט-געפֿעסן. פֿארוואָס אָפערירט זי זיי ניט, צו אלדע שווארצע יאָר!!

איך בין אפֿשר מגזם? געוויס בין איך מגזם. צו קאָן מען עס דען אויס-מײַדן באשרײַבנדיק אזא מאָנסטער? איך מוז נאָך צוגעבן, אז צוויי ענצלהײַטן אין איר אויסזען זענען ניט נאָר ניט מיאוס, נאָר אפֿילו אויסגעשפּראָכן שיין: דער האלדז און דאָס מויל. זיי - דער הויכער האלדז און דאָס אײדעלע מויל - אין צוזאמענהאנג מיט איר גאנצן אָפּשטויסנדיקן אָנבליק מאכן דעם שווערן אײַנדרוק פֿון איר העסלעכקײַט נאָך שווערער. איך בין זיכער, אז דער האלדז און דאָס מויל געהערן ניט צו איר, זי האָט זיי געגנבעט - וואָס פֿאר א אי-דיאָטישער אײַנפֿאל!

איך האָב זי געזען צום ערשטן און - איך וויל האָפֿן - לעצטן מאָל נעכטן אויף מײַן וועג צו דער ארבעט. פֿון נעכטן אָן ארבעט איך אין ביוראָ פֿון 9 ביז 5, אנשטאָט פֿון 8 ביז 4, ווי ביז איצט. דעריבער ווייס איך ניט, צי זי וווינט שוין פֿון לאנג אין אונדזער קווארטאל, אָדער זי איז א נײַאָנגעקו-מענע. כדי אויסצומײַדן א מעגלעכע באגעגענונג מיט איר, האָב איך באשלאָסן צו פֿארלאָזן די שטוב, אזוי ווי פֿריער, האלב אכט אין דער פֿרי און ארומ-דרייען זיך אין די גאסן ביזן אָנפֿאנג פֿון מײַן ארבעט.

*

די סיבה פֿון דאָס איבעררוקן מײַן ארבעט מיט א שעה פֿאָרויס איז... ווערא-ניקא. אָט די יונגע רוימערקע, אין איר קאָקעטיש אָנגעשטײַפֿטן ווײַסן קעלנערל, ווײַסן קורצן פֿארטעכל און שווארצע לאקירטע לאטשן, האָט זיך ארויסגעוויזן וויכטיקער פֿון מיר, דעם עלטערן רעפֿערענט. זי איז צו פֿויל צו קומען פּינקטלעך צו איר ארבעט און דערפֿאר, ארײַנגייענדיק אין מײַן צימער האָב איך זי שטענדיק געטראָפֿן אין מיטן רוימען. דאָס האָט מיך, פֿאר-

שטייט זיך, געערגערט. ענדלעך האָב איך עס שוין לענגער ניט געקאָנט פֿאַר־טראָגן און זיך באַקלאָגט פֿאַרן פֿאַרוואַלטער. וויסנדיק וועגן זייער אינטימער באַציִונג (וועלכע איז דאָך פֿאַר קיינעם ניט קיין סוד), האָב איך ניט דער־וואַרט ער זאָל זײַן צו איר ספּעציעל שטרענג; פֿון דעסטוועגן האָב איך געהאָפֿט, אַז ער וועט זיך שעמען ניט אויפֿצורופֿן די אָנצופֿאַנגען איר אַרבעט אין דער געהעריקער שעה. ס'איז מיר גאָר ניט געקומען אויפֿן געדאַנק אַזאַ לייזונג פֿונעם פּראָבלעם ווי די וועלכע ער האָט געפֿונען, נעמלעך: איבערגעבן מײַן אַרבעט מיט אַ שעה פֿאַרויס, איך זאָל, הייסט עס, ניט שטערן וועראָניקאַן.

ער האָט געוווּסט, אַז איך וועל אַראָפּשלינגען די באַליידיקונג צוליב שווערקײַט אין געפֿינען אַן אַנדערע שטעל. און באמת, איך האָב מורא, אַז אַזאַ פּאַסיקע באַשעפֿטיקונג ווי די איצטיקע וואָלט איך ניט באַקומען. איך מאַך פֿאַר אונדזער אַנשטאַלט איבערזיכטן, אויסצוגן און איבערזעצונגען פֿון סטאַטיס־טישע אַרבעטן פֿאַרעפֿנטלעכטע אין ביכער און צײַטשריפֿטן. מײַן ברייטע, הגם ניט גרינטלעכע, ערודיציע דערמעגלעכט מיר בײַצוקומען די שוועריקײַטן פֿון מײַן קאָמפּילאַטאָרישער אַרבעט. מײַן אוניווערסיטעט־אויסשולונג געהערט צום תחום פֿון געשיכטע און פֿילאָסאָפֿיע, און פֿאַרן פֿאַרנעמען מײַן איצטיקן פּאָסטן בין איך געווען אַ גימנאַזיע־לערער. איך בין באַזײַטיקט געוואָרן פֿון דער אַרבעט צוליב אַ געשלעג מיט מײַנע שילער אין אַ צושטאַנד פֿון אומבאַהערשטער אויפֿגעבראַכטקײַט. –

איך האָב ספּעציעל ליב מײַן איצטיקן פּאָסטן צוליב איין זאַך: ער פֿאָדערט ניט פֿון מיר קיין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט קיינעם אויסער דעם פֿאַר־וואַלטער. דאָס איז פֿאַר מיר זייער וויכטיק, ווײַל איך בין אַבסאָלוט אומפֿעיִק צו אַ צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע מענטשן. אָבער אַ קאָנטאַקט מיט דעם פֿאַרוואַל־טער, הער ראָטען, איז פֿאַר מיר, פֿאַרשטייט זיך, אומפֿאַרמײַדלעך. דאָס איז אַ זאָרגפֿול געקליידטער מאַן מיט ניט זייער הויכער קולטור, וועלכער האָט זיך אַרויפֿבאַקומען אויף דער מדרגה פֿון פֿאַרוואַלטער אין אַ גרויסן אַנשטאַלט מיט ניט אין גאַנצן בכבֿודיקע מיטלען. ער באַמיט זיך צו "קאָמפּענסירן" זײַן מאַנגל אין בילדונג מיט געמאַכטער און דעריבער איבערגעטריבענער אַליין־זיכערקײַט. דורך פּערזענלעכע באַציִונגען אין די "הויכע קרײַזן" האָט ער זיך באַפֿעסטיקט אויף זײַן שטעל און איצט האָט ער פֿאַר קיינעם ניט קיין מורא.

זײַן באַציִונג צו מיר איז אַ געמיש פֿון ביטול און מיסטישער איבער־שעצונג. דאָס לעצטע האָב איך זיכער צו פֿאַרדאַנקען מײַן אָפּגעלאָזטקײַט. אַ

מענטש מיט בילדונג און מיט א געהעריקן אויסזען וואָלט זיכער ניט געמאכט אויף אים קיין איינדרוק. אָבער פֿאַרמאָגן אַן אוניווערסיטעט-דיפּלאָם און זײַן אנגעטאָן ווי א שלעפּער - דאָס הייסט אים גלויבן, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן "אָריגינאַל", וועלכער באַזיצט מסתמא ערודיציע פֿון צען פּראָפֿעסאָרן.

*

וועראָניקא קומט אַרײַן אין מײַן צימער ניט נאָר אין דער פֿרי נאָר אויך פֿאַר מיטאָג, ווען זי ברענגט מיר טיי מיט פּוטערברויט. בײַ אָט דער געלעגנהייט געפֿינט זי שטענדיק עפּעס צו רוימען. זומענדיק א לידל, בויגט זי זיך מיט א ציניש שמייכל איבער דער בוך-עטאַזשערקע באַווײַזנדיק אירע ראָזע זאָקנבענדלעך און בולט מאכנדיק א געוויסן טייל פֿון איר קערפּער. צײַטנווײַז דרייט זי זיך אויס צו מיר קוקנדיק גלײַך אין מײַנע אויגן, וואָס זענען פֿאַרשוואָלן נאָך א שלאָפֿלאָזע נאכט. איך הער דעמאָלט דאָס פֿאַרשנעלערטע קלאַפּן פֿון מײַן האַרץ. זי שטויסט זיך אָן?... זי ווייסט?...

בײַ נאכט, ווען מײַן אַלט-בחוריש בלוט קאָכט אויף, באַזוכט זי מיך... זי איז דעמאָלט אונטערטעניק, רעדט צו מיר ווייך, דערפֿילט מײַנע פֿאַרלאַנגען מיט דער הכנעה פֿון אַן אָדאַליסקע. ווען זי פֿאַרשווינדט, פֿאַרבלײַב איך א לאַנגע צײַט מיטן קאָפּ פֿאַרגראָבן אין דער קישן, מיט מײַן האַרץ פֿאַרדרוקט נאָך דער זינדיקער הנאה, פֿאַרשעמט, דערנידעריקט...

איך האָב זיך געוואָנדן צו א פּסיכיאַטער. ער האָט מיך באַרוּיקט מיט א פֿאַרזיכערונג, אז דאָס איז אייגנטלעך ניט שעדלעך פֿאַרן אָרגאַניזם; פֿון דעסטוועגן האָט ער מיר געראָטן אָנצופֿאַנגען נאָרמאַלע באַציונגען מיט פֿרויען.

לײַדער ווייס איך ניט ווי אים צו פֿאָלגן. גיין צו א גאַסן-פֿרוי - האָב איך מורא פֿאַר אַן אָנשטעקונג. און א פֿאַרבינדונג מיט אַן אָנשטענדיקער פֿרוי איז דאָך פֿאַר מיר ניט געדאַכט. בין איך דען פֿעיִק צו פֿירן א ראָמאַן? איך? און אפֿשר גאָר חתונה האָבן, כאַ-כאַ-כאַ!

*

א געלעכטער אין א זײַט! אויב דאָס איז אומשעדלעך פֿאַרן גוף, טאָ פֿאַר וואָס איז עס יאָ שעדלעך? פֿאַרן גײַסט? נו, וועגן דעם דערלויב איך זיך צו האָבן מײַן אייגענע מיינונג, הער דאָקטער. זי איז, וואָס אַן אמת, ניט אין גאַנצן אָריגינעל, איך האָב זי באַזירט אויף קאַנטס טעאָריע וועגן דער זאַך אין

זיך אַליין, "דינג אָן זיך". וועראָניקאַס דינג אָן זיך, די, אַזוי צו זאָגן, ריינע אידעע וועגן וועראָניקאַן, איז איידלקײַט, אויסערלעכע און אינערלעכע שיינקײַט. די וועראָניקאַ פֿון בלוט און פֿלייש, וועלכע גיט זיך אָפּ דעם הער ראָטען פֿאַר טײַערע מתּנות, איז, אַ חוץ איר אויסערלעכער באַחנטקײַט, פֿרעך און אומפֿאַרשעמט. אָבער מיר אין מײַנע שלאָפֿלאָזע נעכט באַווײַזט זיך איר אמתדיקע געשטאַלט, וועלכע איז פֿאַרפֿירעריש גראַציעז און דערבײַ אויך איידל. בשעת מײַן אינטימען צוזאַמענזײַן מיט איר איז זי הכנעהדיק און סובטעל. זי איז באַשאַנקען מיט אַנטציקנדיקער פֿרויערישער אינטעליגענץ. איז עס דען מעגלעך, אַז די נאַכט-שעהען, וועלכע איך פֿאַרברענג אין איר געזעלשאַפֿט, די שעהען פֿון גליק און דיכטונג, זאָלן שעדיקן מײַן נשמה? איך קאָן אין דעם ניט גלויבן. און אַגב איז עס דאָך אויך די צײַט פֿון מײַן גרויסן טריומף איבער מײַן באַס, וועלכער איז מיך מזלזל און וועמען איך האַס און פֿאַראַכט. פֿאַר אים די רעאַלע פֿאַרדאַרבענע קערערקע, פֿאַר מיר די *אמתע* העלדין פֿון די דורך מיר אַליין געשפּינטע ליבע-לעגענדעס...

*

עס ווערט מיר אַלץ שווערער און שווערער צו פֿאַרטראָגן די פּראָוואָקאַציעס פֿון דער רעאַלער וועראָניקאַ. זי פֿירט זיך אויף אַזוי, ווי מײַן צימער וואָלט געווען ניט אין מײַן, נאָר אין איר קאָמפּעטענץ. זי איגנאָרירט מיך דעמאָנ-סטראַטיוו: זינגט אויפֿן קול, ווישט אָוועק דעם שטויב פֿון די ביכער בשעת איך עס, נעמט צו דאָס גלאָז נאָך איידער איך האָב געענדיקט טרינקען טיי, דרייט זיך אויס צו מיר מיטן רוקן ווען איך מאַך איר אַ באַמערקונג, אאַז"וו.

צי דאַרף איך זיך ווידער באַקלאָגן אויף איר? באַקלאָגן זיך אויף איר פֿאַר איר ליובאָווניק?

*

נו! דאָס, וואָס האָט הײַנט פּאַסירט, האָט זי זיכער ניט דערוואַרט.

דער פֿאַרוואַלטער הער ראָטען פֿאַרמאָגט אין זײַן עלעגאַנטן קאַבינעט אַ טײַערן ראַדיאָ-אַפּאַראַט; און מיר, זײַנע מיטאַרבעטערס, האָבן, יעדערער אין זײַן צימער, אַ הילכער.

צוויי מינוט פֿאַר צוועלף האָט וועראָניקאַ געעפֿנט בײַ מיר אין צימער דעם הילכער. זי האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געבעטן קיין דערלויבעניש דאָס צו

טאָג. איך בין אויפֿגעשפּרונגען, און אויפֿגעבראַכטער פֿון איר חוצפּה. מיט א קלאָרן באַווּסטזיַין, אַז דאָס איז עס טאַקע וואָס זי האָט געוואָלט, האָב איך דאָך געעפֿנט דאָס מויל זי אָפּצוזידלען. אָבער די ווערטער זענען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז.

פֿונעם הילכער איז אַרויס א קול - ניט קיין מענטשלעך קול. אַזא קול האָט נאָר געקאָנט געהערן צו א געטין. א הויכער אַלט, וואָס האָט געקלונגען מיט איידלקייט און פֿרויערישער גוטסקייט, האָט מיטגעטיילט די לעצטע פּאָלי-טישע נייַעס אַזוי מעלאָדיש, אַז די פֿראַזן האָבן ענדער געקלונגען ווי א דיכ-טערישער פֿערז איידער א קאָמוניקאַט. דאָס קול האָט געלויטערט די מענטשלעכע נשמה, אָפּגעוווּשט אירע זינד און געמאַכט זי פֿאַרגעסן אירע ליידן. עס האָט זי פֿאַרזיכערט, אַז עס עקסיסטירט שיינקייט אין אונדזער וועלט, געהייסן איר זיך דערוווּיטערן פֿון קליינלעכקייט און באַנאַליטעט אין לעבן און באַנעמען זיין אויראַלטע קלוגשאַפֿט. דער באַטייט פֿון די אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָט ניט געהאַט פֿאַר מיר קיין ווערט; וויכטיק איז נאָר געווען דאָס קול אַליין. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויסער דעם זינגענדיקן טעמבער פֿאַרמאָגט עס אויך א מאַגיש-בלויע קאָליר און א סטימולירנדיקן בלומען-גערוך. עס האָט זיך געלאָזט הערן ניט מער ווי במשך פֿינף מינוט, אָבער דאָס איז געווען פֿאַר מיר גענוג איך זאָל דערזען די וועלט אין א נייַער געשטאַלט.

וועראָניקאַ האָט ווייַזט אויס באַמערקט די פֿאַרענדערונג, וואָס איז אין מיר פֿאָרגעקומען. דער ביידזווילליקער שמייכל, מיט וועלכן זי האָט געוואָרט אויף מיין אויסבראָך, איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אירע ליפּן, זי האָט געקוקט אויף מיר מיט דערשטוינונג, צום סוף א צי געטאָן מיט די אַקסלען און אין פֿאַר-לעגנהייט אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. גאָט מיינער! צו וואָס פֿאַר א לאַגע האָב איך זיך דערקייַקלט! איינזאַם, דערשלאָגן, פֿון אַלעמען פֿאַראַכט, שלעפּ איך מיין מאָנאָטאָנע, פּערספּעקטיוולאָזע עקסיסטענץ. איך האָב באַטראַכט מיין באַפֿלעקטן אַנצוג, אָנגעריירט מיין מיט גרויליעכער באַהאָרונג פֿאַרדעקט געזיכט, געכאַפּט א קוק אין האַנט-שפּיגעלע אויף מיין פֿאַרקנייטשטן שטערן און מיינע פֿאַרנעפּלטע אויגן... גאָט מיינער!

איך האָב געוואָרט אומגעדולדיק אויף דער פֿאַרענדיקונג פֿון מיין אַרבעט. אַהיים געקומען, האָב איך זיך געוואָרפֿן ברענגען אין אָרדענונג מיין וווי-נונג און מיין אייגענע פּערזאָן. דערנאָך האָב איך באַרעכנט מיין בודזשעט און

בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אז אויב איך וועל לעבן מיושבדיק - אויפֿהערן באזוכן יעדן אָוונט טײַערע קאבארעטן, צום בײַשפיל - וועל איך זײַן אין שטאנד געהעריק אראנזשירן מײַן וווינונג און זיך אָנשטענדיק אויסקליידן. איצט יעדן טאָג נאָכן פֿארענדיקן מײַן ארבעט זיץ איך א ציכטיקער אין מײַן אויפֿגערוימטער שטוב, וואָס איז בארײַכט געוואָרן מיט עטלעכע נײַע מעבלשטיק, און פֿארנעם זיך מיט אויסברייטערן מײַן בילדונג.

פֿון ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט דאָס צויבער-קול, הער איך יעדן טאָג די קאָמוניקאטן געלייענט דורך מײַן געליבטע. איך ווייס, אז זי איז א געטין, אָבער איך דערלויב זיך צו ליבן זי ווי א מענטשלעך באשעפֿעניש. מײַן ליבע איז פֿריי פֿון מחושימדיקײַט. דאָס איז גײַסטיקע דערהעכערונג, אליין-כבוד און א רויִקער אומעט, וואָס שטאמט פֿון מײַן באוווּסטזײַן, אז עס איז מיר נאָר דערלויבט צו ליבן אָן דער מינדסטער האָפֿענונג צו זײַן געליבט.

איך שטעל מיר פֿאָר מײַן פֿארגעטערטע אין דער געשטאלט פֿון א באצויבערנדיק שיינער פֿרוי, א גוט-הארציקער און קלוגער, וואָס פֿארשטייט און ווייסט אלץ, וואָס ווייסט אויך, אז א 45-יעריקער בחור, וועלכער האָט פֿארשפילט זײַן יוגנט, האָט זיך אין איר פֿארליבט. און ס'איז מיר גוט אין מײַן אומעט, אין וועלכן עס איז פֿארבאָרגן א טרייסטנדיקע זיסקײַט.

מענטשן, מיט וועלכע איך האָב באציונגען, האָבן ווײַזט אויס דערקענט מײַן גײַסטיקן ווידערגעבורט; זיי באגריסן מיך אָפֿטער ווי ביז איצט. אפֿילו וועראָניקא האָט אויפֿגעהערט אָפצושפאָסן פֿון מיר און קוקט אויף מיר מיט פֿארוווּנדערונג און כמעט מיט רעספעקט. וועראָניקא? יאָ, זײַט צוויי וואָכן האָט זי מיך קיין איין מאָל ניט באזוכט.

*

ס'איז געשען א שרעקלעכע, אומגלויבלעך, אומאויסדריקלעך שרעקלעכע זאך.

נעכטן האָב איך געלייענט ביז שפעט אין דער נאכט און דעריבער בין איך אויפֿגעשטאנען שפעטער ווי געוויינלעך. ס'איז געווען שוין האלב נײַן א זייגער, ווען איך בין ארײַנגעשטיגן אין אויטאָבוס. זוכנדיק קליינגעלט אין בײַטעלע, האָב איך ניט באמערקט, אז איך פֿארשטעל דעם ארײַנגאנג. פלוצלינג האָב איך דערהערט א שטימע הינטער מיר: "אנטשולדיקט!"

דאָס איז געווען דאָס געטלעכע קול פֿון ראַדיאָ. איך האָב זיך האַסטיק אויסגעדרייט און דערזען זי, די אָפּשטויסנדיקע פֿעסלדיקע מכשפה, וועמען איך האָב געטראָפֿן פֿינף וואָכן פֿריער.

זי איז עס די באַזיצערין פֿונעם צויבערנדיקן קול. איך בין געווען אויפֿגעטרייסלט און געפֿילט א קאָפּ-פֿאַרמישונג. איך האָב קוים געדענקט צו באַצאָלן פֿאַר א בילעט.

זי האָט זיך אנידערגעזעצט הינטער מיר. איך בין געווען פֿולקום איבער-צייגט, אַז איר שטים איז עס דאָס געטלעכע קול פֿון ראַדיאָ, און דאָך האָב איך זיך געהעקלט אין א שוואַכע האָפֿענונג, אַז איך האָב א טעות. איך האָב מיט אומגעדולט געוואַרט ביז זי וועט אויסשטייגן און, ווען זי האָט עס געטאָן, בין איך אויך אַרויס פֿון אויטאָבוס און זיך געלאָזט גיין נאָך איר. יאָ, זי איז אַרייַנגעגאַנגען אין די געבייַדע פֿון ראַדיאָ. איך בין אויך אַרייַן. זי איז אַרויף אויף די שטיגן. דעמאָלט, טראָץ מייַן געוויינלעכער שעמעוודיקייַט, האָב איך אַרייַנגערוקט א מטבע דעם שווייַצער אין האַנט און אים געפֿרעגט, ווער איז די פֿרוי.

"זי איז אונדזער נייַע ספּיקערקע, וואָס אַרבעט שוין העכער א חודש", האָט ער געזאָגט. "א מיאוסקייַט א ביסל, אמת? אָבער א שטימע האָט זי דווקא א שיינע".

אָן אויפֿגערעגטער בין איך געגאַנגען אין מייַן ביוראָ. ביי דער אַרבעט בין איך געווען אַזוי צעשטרייט, אַז איך האָב כמעט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס איך לייען. איידער וועראָניקאַ איז אַרייַן אין מייַן צימער בין איך פֿון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען און זיך אומגעקערט ערשט נאָך צוועלף א זייגער, כדי ניט צו הערן דעם קאָמוניקאַט פֿון מיטאָג-צייַט. פֿאַרלאָזנדיק דאָס ביוראָ האָב איך געפֿילט א טעמפּן ווייטאָג אין דער רעכטער העלפֿט קאָפּ. טונקל-גרינע פֿלעקן אַרומגעקרייַזט מיט פֿיאָלעטע רינגען האָבן געפֿינקלט פֿאַר מייַנע אויגן. דאָס איז געווען אַן אָנפֿאַל פֿון מייַן מיגרען, מיט וועלכער איך בין גוט געווען באַקאַנט, אָבער פֿון וועלכער איך האָב שוין ניט געליטן זייַט דרייַ חדשים. ווען איך בין געגאַנגען אויף די טרעפּ צו מייַן וווינונג, האָט מייַן האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. איך האָב געפֿילט, אַז עפּעס אויסטערלישעס וועט מיט מיר באַלד געשען, כ'האָב אָבער ניט געוווּסט וואָס. אין א צושטאַנד פֿון וואַקסנדיקער

דענערווירונג, האב איך הײַליק געעפֿנט די טיר און,נאָכן ארײַנגיין,צוריק זי פֿארשלאָסן. איך האָב אָנגעצונדן דאָס ליכט. כ'האָב שוין איצט געוווּסט, וואָס עס וועט באלד פֿאָרקומען. מיט אן אויסגעשריי פֿון פֿארצווייפֿלונג האָב איך זיך געוואָרפֿן דעמאָלירן מײַן צימער.

צום גליק זענען די שכנים, געניסנדיק פֿון דעם שבתדיקן אָוונט, ארויס פֿון שטוב, כדי זיך צו פֿארווײַלן און איך בין געווען אליין אין גאנצן הויז. ווען ניט דאָס, וואָלט איך זיכער פֿארשפארט געוואָרן אין א משוגעים-אנשטאלט. אין גאנצן דערשעפט נאָכן אויסלאָדן מײַן ברויזענדע פֿארביטערט-קײַט, האָב איך זיך ארומגעקוקט אויפֿן חורבן, וואָס איך האָב אָנגעמאכט. מיט די לעצטע כוחות האָב איך ארײַנגעשטופט עטלעכע צעבראָכענע שטולן און דאָס צעהאקטע געפֿעס אין מײַן געהילץ-קעמערל. כ'האָב אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אראָפּגעריסן פֿון זיך דאָס אָנטועכץ און זיך געוואָרפֿן אויפֿן בעט.

איך האָב געעפֿנט די אויגן נאָך א טיפֿן שלאָף. דאָס צימער איז געווען פֿארגאָסן מיט ציטערנדיקע לבנה-ליכט. אויפֿן ראנד פֿון מײַן בעט איז געזיצן ווערראָניקא.

*

איך קאָן זיך ניט באגנוגענען מיט אויסמײַדן די ראדיאָ-קאָמוניקאטן, כדי ניט צו הערן דאָס צוויבער-קול פֿארשפארט אינעם געהאסטן מאָנסטער. איך מוז אויך באנעמען דעם באטײַט פֿון אָט דעם ווילדן קאפריז זײַנעם. איך וויל פֿארשטיין, פֿארוואָס האָט ער דאָס געטאָן. איך גלויב שוין ניט פֿון לאנג אין זײַן אלמעכטיקײַט און אומגרײַזיקײַט. נאָך אלעם שטייט אלמעכטיקײַט אין סתירה מיט אקטיוויטעט. זײַן אקטיוו הייסט באקעמפֿן א ווידערשטאנד, בײַקומען א שוועריקײַט. אָבער דער באגריף פֿון טאט אנטהאלט ניט נאָר זיג, נאָך אויך מפּלה. אין דער אידעע פֿון גובר זײַן דעם פֿײַנד ליגט די מעגלעכ-קײַט פֿון ניט קאָנען דאָס דערגרייכן, לכל הפּחות צײַטווײַליק. דערפֿאר, אויב גאָט איז אקטיוו (און דער טערמין "ניט-אקטיווער גאָט" קלינגט פֿאר מיר פּאראדאָקסאל), קאָן ער ניט זײַן אלמעכטיק. און אויב ער איז ניט אלמעכטיק, איז ער, פֿארשטייט זיך, אויך ניט אומגרײַזיק. גאָט, ווי איך פֿארשטיי אים, איז א שעפֿערישע קראפֿט, וואָס צילט צו דער פּערפֿעקציאָנירונג פֿון איר שאַ-פֿונג. זי שטויסט זיך אָבער אָן פֿון צײַט צו צײַט אויף שוועריקײַטן אין איר טעטיקײַט, וועלכע זי קאָן צײַטווײַליק ניט בײַקומען, און אויף פּראָבלעמען,

וועלכע זי קאָן ניט אַנגריַיזיק לייזן. דעריבער איז די זאַך מיטן פֿאַרשפּאַרטן צוויבער־קול אין דעם קריפּל־קערפּער מסתמא ניט גאָטס קאַפּריז, נאָר זײַן גרײַז.

א גרײַז איז געמאַכט געוואָרן אין דעם שאַפֿונגס־פּראָצעס, ווען דער צווי־בער־קול איז ארײַנגעטרעטן ניט, ווי עס האָט געדאַרפֿט זײַן, אין א פּרעכטיקן פֿרויען־קערפּער, נאָר אין דעם גוף פֿון א קריפּל. צוויי ענצלהײַטן פֿון אָט דעם לעצטן – דער האַלדז, ווו דאָס קול ווערט געבוירן און דאָס מויל ווו עס ווערט מאָדולירט – זענען דווקא שיין. דאָס איז א באַווײַז, אז אויך די איבעריקע פּרטים פֿון דעם פֿרויערישן קערפּער האָבן געזאָלט, אין אײַנשטים מיט די געזעצן פֿון האַרמאָניע, זײַן שיין. דאָס איז אָבער ניט געשען...

ס'האָט מיך ארומגענומען א גרויל, ווען איך האָב זיך געכאַפּט, אין וואָס פֿאַר א ריכטונג עס פֿירט מיך מײַן געדאַנקען־גאַנג. ווײַל גרײַזן דאַרפֿן פֿאַר־בעסערט ווערן. זענען דען מיר, מענטשן, ניט באַרופֿן צו פֿאַרבעסערן גאָטס גרײַזן? מיר היילן אײַנגעבוירענע קראַנקײַטן, מאַכן פּאַטאָלאָגישע פֿאַרברע־כערס אומשעדלעך דורך מוח־אָפּעראַציעס. א געטלעך קול איז פֿאַרשטעקט, ווי אין א תפֿיסה, אין א מאָנסטער. כדי אים דערמעגלעכן דאָס געפֿינען א געהעריקן וווין־אָרט, איז אומבאַדינגט נויטיק צו פֿאַרניכטן די תפֿיסה. און איך, וועל־כער האָב דאָס פֿאַרשטאַנען, בין מחויב דאָס צו טאָן.

*

איך גיב זיך אָפּ א רעכענונג פֿון מײַן אומנאָרמאַלקײַט. דאָס איז אָבער ניט געננוג, כדי איך זאָל זיך פֿון איר באַפֿרײַען, פּונקט ווי עס איז ניט גע־נוג פֿאַר א מענטש וואָס שיקלט ער זאָל באַנעמען די שטערונג אין זײַן ראיה, כדי ער זאָל אויפֿהערן שיקלען.

איך באַמי זיך באַפֿרײַען פֿון מײַן מאַניע, זוכנדיק א לאָגישן דעפֿעקט אין מײַן געדאַנקען־גאַנג; איך קאָן אים אָבער ניט געפֿינען. איך פּראָביר געבן זיך אליין צו פֿאַרשטיין, אז נאָכן אומקום פֿונעם קריפּל וועט אויך אויפֿהערן עקסיסטירן דאָס קול, וואָס געפֿינט זיך אין אים. אָבער אָט דער גלויבן טרעט אָפּ פֿאַרן ארגומענט, אז די ריינע אידעע פֿון דעם קול, זײַן "דינג אן זיך", אלס אומאָפּהענגיק פֿון שטח און צײַט, קאָן ניט פֿאַרוויסט ווערן, און נאָכן פֿאַרלאָזן זײַן איצטיק אָרט וועט עס גלײַך געפֿינען אן אנדערע פֿאַרקערפּערונג. איך האָב ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אז מײַנע באַמיונגען פֿריי צו ווערן פֿון דער

מאניע זענען פֿאקטיש א געיעג נאָך מײַן אייגענעם שאָטן. ווײַל ניט מײַנע געדאנקען האָבן עס געשאַפֿן די מאניע, נאָר פֿאַרקערט, מײַן גײַסטיקע אנאָמאליע האָט אינספּירירט מײַן מחשבה צו "בארעכטיקן" דאָס וואָס עס שטייט מיר פֿאָר צו באגיין.

איך באמי זיך צו אנאליזירן מײַן געפֿיל פֿאַר דער פֿעסלדיקער מאָנסטער-נקבה, וואָס האלט פֿאַרבאָרגן אין איר פֿאַרשאָלטענער פנימיות דאָס צויבער-קול. דאָס איז א געפֿיל פֿון פֿײַנדשאַפֿט, פֿון לײַדנשאַפֿטלעכער שינאה, וואָס עס פֿילט מסתמא א פּיטאָן-שלאַנג פֿאַר א מאלפּע, וועלכע זי גרייט זיך צו דערשטיקן, אָדער א טיגער, וועלכער לויערט אויף זײַן קרבן, כדי אים צערײַסן.

מײַן אינערלעכער דראנג וואקסט און ווערט רײַף. דאָס איז א פּײַנלעכער פּראָצעס, אויף וועלכן איך האָב ניט קײַן אײַנפֿלוס, ווײַל ער הענגט ניט אָפּ פֿון מײַן ווילן, נאָר פֿון עפּעס א מיקראָכעמישן אָפּנויג אין מײַנע מוח-מעכא-ניזמען. איך ווער נאָר וויסיק וועגן דעם, וואָס קומט אין מיר פֿאָר, א דאנק די סיגנאלן, וועלכע דערגרייכן פֿון צײַט צו צײַט צו מײַן באוווּסטזײַן.

פֿאַר עטלעכע טעג, אויפֿן וועג פֿון ביוראָ צו דער אויטאָבוסן-סטאציע, האָב איך זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אז זײַט עטלעכע מינוט זומע איך עפּעס אן אומזיניק לידל אין דער פֿאָרם פֿון קופּלעטן, וועלכע ענדיקן זיך מיט איינעם און דעם זעלבן רעפֿריין: "דו מוזט! דו מוזט!". איך האָב אים איבערגעחזרט א מאָל נאָך א מאָל, ביז, ארײַנגייענדיק אין אויטאָבוס, האָב איך פּלוצלינג בא-נומען זײַן שוידערלעכן באטײַט...

איך ווייס, אז עס דראָט מיר א געפֿאַר צו פֿאַרלירן די פֿרײַהײַט ביזן סוף פֿון מײַן לעבן. איך האָב באשלאָסן ווידער זיך צו ווענדן צום פּסיכיאטער, איך האָב זיך אָבער אומגעקערט פֿון מיטן וועג. כ'האָב מורא, אז אין א פֿאַל ווי מײַנער איז א דאָקטער מחויב, ניט קוקנדיק אויפֿן געזעץ פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער דיסקרעציע, צו מעלדן דער פּאָליציי וועגן א פֿאַרשטייענדיקן מאָרד. און דאָס וואָלט פֿאַר מיר באטײַט גלײַך פֿארשפּארט צו ווערן אין א משוגעים-הויז.

ווי צופֿעליקע קלאנגען, וואָס דערגייענדיק צום געהער פֿון א שלאָפֿנדיקן מענטשן, דינען אים אלס מאטעריאל פֿאַר זײַנע חלומות, אזוי ווערן אויסגע-נוצט דורך מײַן מאניע פֿאַר איר אייגענעם צוועק באזונדערע געשעענישן, וועלכע קומען פֿאָר אין מײַן סביבה.

פֿון א גערויסער צײַט פֿארפֿאָלגט מיך ווראַניקא ווידער מיט איר שפּאָ-טישן שמייכל און אירע ציניִשע בליקן. אין אירע באמיונגען מיך ארויסצו-ברענגען פֿון די כלים איז זי געוואָרן דערפֿינדעריש. זי שטעלט פֿאר מיר אוועק דעם טאס מיטן צווייטן אָנבײַסן מיט אזא זשעסט, ווי ווען מען ווארפֿט א הונט א ביין. און הײַנט האָט זי מיר אַפֿילו ארײַנגעברענגט וו‍ורשט מיט א ניט צעשניטענעם ברויט.

"טאָ ווי זאָל איך דאָס עסן?" האָב איך אומבאהאָלפֿן געפֿרעגט. "ברענגט מיר כאָטש ארײַן א מעסער".

"וואָס? איר האָט ניט קײַן מעסער?" האָט זי געפֿרעגט מיט אזא פֿאראכטונג, פונקט ווי דאָס ניט פֿארמאָגן קײַן מעסער וואָלט געווען פֿאר א מאן די גרעסטע שאנד. זי האָט געברענגט א מעסער און עס א וואָרף געטאָן אויפֿן טיש:

"נאָט אײַך. און איר דארפֿט זיך קויפֿן א מעסער!" האָט זי געזאָגט באפֿע-לעריש.

איך בין אויפֿגעשפרונגען. איך געדענק אויסגעצייכנט, אז עס האָט מיך ארײַנגעבראכט אין גרימצאָרן ניט אזוי די געהעכערטע שטימע, מיט וועלכער זי האָט ארויסגעזאָגט אירע חוצפהדיקע ווערטער, ווי דער מין מעסער, וואָס זי האָט מיר געברענגט - גרויס און שארף ("אזוי ווי צו שעכטן א מענטש", איז מיר דורכגעפֿלויגן א געדאנק). כ'האָב געוואָלט ארויסשרײַען עפעס א פּאָר זידל-ווערטער, אָבער זי האָט שוין געהאט פֿארלאָזט דאָס צימער.

ארויסגייענדיק נאָך דער ארבעט פֿון ביוראָ, האָב איך זיך געווענדט ניט רעכטס צו דער אויטאָבוסן-סטאציע ווי געוויינלעך, נאָר לינקס צום מסחר-צענטער. אזוי ווי דאָס וואָלט זיך פֿארשטאנען פֿון זיך אליין, בין איך ארײַנגעגאנגען אין אן אײַזן-געוועלב און געקויפֿט א מעסער - א גרויס און שארפֿס...

*

איצט איז שוין אלץ גרייט. אויסצופֿירן מײַן טאט און נאָר עטלעכע טעג טיילן מיך אָפּ פֿון אים. מײַן פֿארצווייפֿלטער ווידערשטאנד קעגן מײַן פֿאר-ברעכערישער מאניע איז ענדלעך געבראָכן געוואָרן, ווען איך האָב זיך דער-וווּסט, וואָס עס דארף איך קורצן פֿארקומען בײַ אונדז אין ביוראָ.

צי איז עס נאָר א צופעליקייט, אָדער ער אליין וויל איך זאָל אויספירן דעם פאַרברעכערישן אקט און דעריבער שטעלן זיך די באדינגונגען אײַן אזוי, אז איך זאָל באקומען די דרייסטקייט דאָס צו טאָן?... געוויס, דאָס וואָס דארף פאָרקומען אין אונדזער בירא איז, באטראכטנדיק עס אָביעקטיוו, אין גאנצן אונאָפּהענגיק פון מײַן זאך מיט דעם פאַרשאָלטענעם מאָנסטער, און עס וואָלט פאָרגעקומען אויך אויב אָט די זאך וואָלט בכלל ניט עקסיסטירט. אָבער אויב ס'איז דאָ ניט פאַראן קיין צוזאמענהאנג פון סיבה, איז עס דאָך א צוזאמענהאנג פון צײַט: דאָס געשעעניש דארף פאָרקומען גראָד איצט, ווען עס איז פול-קום רײַף געוואָרן מײַן באשלוס אויסצופירן... וואָס? מײַן פאַרברעכן, אָדער מײַן פליכט?

שוין פון לאנג רעדט זיך בײַ אונדז וועגן אײַנפירן אין אונדזער לאנד טעלעוויזיע. אונדזער לאנד איז, דאכט זיך, דאָס איינציקע אין גאנצן ראיאָן, וואָס פאַרמאָגט נאָך ניט אָט די אײַנריכטונג. זי איז שוין אייגנטלעך פאַרטיק און אונדזער אנשטאלט וועט זײַן איינער פון די ערשטע צו באקומען א ראדיאָ-טעלעוויזיע אפּאראט. ווי עס פאסירט אָפט מיט טעכניש אָפּגעשטאנענע מדינות, וועט אונדזער לאנד אריבערשפּרינגען א גאנצע תקופה פון אנטוויקלונג. מיר וועלן גלײַך באקומען א מאָדערנע קאָלירטע ראדיאָ-טעלעוויזיע אײַנריכטונג, דאָס הייסט ראדיאָ-אפּאראטן מיט אריינגעשטעלטע עקראנען. יעדער באזיצער פון אזא אפּאראט וועט האָבן די מעגלעכקייט, מיט אן איינפאכן דרוק אויף א קנעפּל, ניט נאָר צו הערן נאָר אויך זען דעם ספּיקער צוזאמען מיטן קאָלירטן הינטער-גרונט אויף וועלכן די מיטגעטיילטע געשעענישן קומען פאָר. הער ראָטען האָט שוין פאַרבעטן אלע מיטארבעטער צו הערן און זען אין זײַן קאבינעט דעם מאָרגנדיקן ראדיאָ-טעלעוויזיע קאָמוניקאט צוועלף א זייגער בײַטאָג.

נאָר אויף דעם וואַרט איך טאקע. איך ווייס, אז איך וועל זײַן אומפּעיִק צו איגנאָרירן די אײַנלאדונג, כדי ניט צו זען די העסלעכע מכשפה. אין דער רגע ווען זי וועט זיך פאר אלעמען אין די אויגן באווײַזן אויפן עקראן און ארויסבאקומען פון איר פעסלדיקער ברוסט דאָס צויבער-קול, וועט מײַן האס דערגרייכן זײַן הויכפּונקט. דעם פאָלגנדיקן טאָג, אנשטאָט צו גיין צו מײַן ארבעט, וועל איך זי אָפּוואַרטן בײַם אריינגאנג אין דער ראדיאָ-טעלעוויזיע געבײַדע. איך וועל וואַרטן געדולדיק ווי א דרעמלענדיקער פּיטאָן, לאָיערן ווי א פאַרבאהאלטענער טיגער; און ווען זי וועט אָנקומען, וועל איך ארויס-שפּרינגען פון מײַן באהעלטעניש און מיט מײַן לאנגן שאַרפן מעסער - - פאַר-ניכטן די תפיסה!!

*

אַ לויב צו גאָט!

אין דער באַשטימטער שעה בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין דעם פֿאַרוואַלטערס צימער. הער ראַטען, מיט זײַן קליין שוואַרץ בערדל און די שײַנענדיקע ברילן פֿאַר זײַנע טונקל-בלויע אויגן, איז געזיצן אין זײַן פֿאָטעל, און אַרום זײַן גרויסן שרײַבטיש אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דער ראַדיאָ-טעלעוויזיע אַפּאַראַט זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט מײַנע קאָלעגעס, וועלכע זענען געקומען פֿריער פֿון מיר. זיי האָבן זיך ווײַזט אויס אויף מיר ניט געריכט און געקוקט אויף מיר מיט פֿאַרוווּנדערונג און אַנטיפּאַטיע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז איך זאָל אַנטייל נעמען אין אַ ניט אָבליגאַטאָרישער פֿאַרזאַמלונג פֿונעם פּערסאָנאַל.

דער עקראַן האָט אויפֿגעלויכטן. כ'האָב דערפֿילט אַ פּײַנלעכן דרוק אין האַרצן. אָבער אַנשטאָט איר האָט זיך אויפֿן עקראַן באַוויזן אַ יונגע שלאַנקע ספּיקערקע און איבערגעלייענט דעם קאָמוניקאַט מיט אַ גאַנץ אײַנגענעמער שטים.

ציטערנדיק פֿון איבערגעלעבטער אויפֿרעגונג האָב איך פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט פֿריער פֿון אַלעמען.

אַ פּײַנלעכער לאַסט, וועלכער האָט אויף מיר געשוועבט במשך לאַנגע טעג, האָט זיך אָראָפּגעקײַקלט פֿון מײַן ברוסט. איך בין באַפֿרײַט געוואָרן פֿון מײַן קרימינעלער מאַניע און צוזאַמען מיט איר פֿון מײַן שינאה. איך קאָן ניט האַסן אַן אומגליקלעך מענטשלעך וועזן. די באַזיצערין פֿונעם צויבער-קול איז, ניט געקוקט אויף איר העסלעכקײַט, גוט געוועזן פֿאַרן ראַדיאָ, אָבער ניט פֿאַר דער ראַדיאָ-טעלעוויזיע. זי איז, פּונקט ווי איך מיט עטלעכע יאָר צוריק, אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון איר פּאָסטן אַלס "ניט-פּאַסיקע".

איך בין אין שפּעטן אָוונט אַוועקגעגאַנגען הינטער דער שטאָט, אַרויסגענומען דאָס מעסער פֿון קעשענע און עס מיט עקל אַוועקגעוואָרפֿן ווײַט אויפֿן פֿעלד.

לעב, דו אומגליקלעכע, באַעוולטע און באַליידיקטע דורכן גורל, ווי איך!

*

אומזיסט וואַרט איך אויף דער אויטאָבוסן-סטאַציע. אומזיסט דריי איך זיך אַרום אין דער פֿרייַער צייַט איבער די גאַסן פֿון דער גאַנצער געגנט. איך טרעף זי ניט. צי האָט זי זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדערן קוואַרטאַל? אָדער האָט זי אפֿשר אין גאַנצן פֿאַרלאָזט אונדזער שטאָט?

איך וועל זיך מאַרגן זען מיטן טויער-היטער פֿון דער ראַדיאָ-טעלעוויזיע געבייַדע. פֿון אים האָף איך צו באַקומען איר אַדרעס. איך וועל בעטן אורלויב אין ביוראָ. איך וועל זי זוכן און געפֿינען.

איך קאָן ניט באַהערשן דאָס געפֿיל פֿון ווידערווילן, ווען איך שטעל זיך פֿאַר איר געשטאַלט. אַפֿילו מיַין טיפֿע רחמנות צו איר קאָן דאָס ניט ענדערן. טאָ פֿאַר וואָס-זשע באַגער איך אַזוי שטאַרק צו טרעפֿן זיך מיט איר? וויַיל איך דאַרף מיט איר רעדן...

איך דאַרף נאָך איין מאָל, דאָס *לעצטע מאָל אין מיַין לעבן*, הערן איר קול -- --

די אנדערע יאלאנטע

זי האָט די זאך אָפּגעטאָן, ווי שטענדיק אלץ, אויפֿריכטיק און ספּאָנטאן, און איצט עס איז גאנצן ניט באדויערט. ווי האָט זי דען, איבעריקנס, געקאָנט האנדלען אנדערש? איר חברטע סטעפֿע איז געקומען קיין נ., כדי צו גאסטראָלירן במשך פֿון צען טעג אין אָרטיקן טעאטער. אָפּשטעלן זיך אין א האָטעל וואָלט פֿאר איר באטײַט ניט קאָנען אָפּיאָגן זיך פֿון פֿארערערס. זײַענדיק אָבער א גאסט אין א פּריוואטער שטוב, איז זי געווען פֿארזיכערט צו זײַן אומגעשטערט.

זיי האָבן זיך באגעגנט אין דער וווינונג פֿונעם רעזשיסער נאָך א פּופּצן-יעריקער צעשיידונג און זענען צו זיך צוגעפֿאלן. זיי האָבן געהאט א גרונד צו זיין מיט זיך קעגנזײַטיק צופֿרידן. אויב די "פּלײשיקע סטעפֿע" (ווי מ'האָט זי איבערגערופֿן אין שול) איז אויסגעוואקסן א בארימטע סצענע- און פֿילם-אקטריסע, איז יאָלאנטע געווען א ניט ווינציקער געשעצטע קינדער-שרײַבערין.

זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער געזעלשאפֿט און פֿארפֿירט א שנעלן, כאאָטישן שמועס וועגן זיך און געמיינזאמע באקאנטע. יאָלאנטע האָט זיך פֿון אים דערוווּסט, אז איר חברטע האָט שוין באוויזן אָפּגטן דעם צווייטן מאן.

– ווי ס'פּאסט פֿאר אן אקטריסע – האָט זי איראָניש באמערקט און ארומגענומען מיטן בליק די פֿולע געשטאלט פֿון איר צווישנרעדנערין.

– זאָג מיר נאָר, טײַערע – האָט זי מיט געמאכטער באזאָרגטקייט א פֿרעג געטאָן. – האָסט גאָר ניט מורא, אז דו באקומסט סטעאטאָפּיגיע? אויב ס'וועט ווײַטער אזוי גיין, וועט דיר ניט בלײַבן קיין אנדער ברירה ווי פֿאָרן צו די בושמענער. מ'זאָגט, אז זיי האָבן דאָס ליב.

– נישקשה – האָט יענע זעלבסטזיכער געענטפֿערט. – אויך אונדזערע היימישע "בושמענער" האָבן עס ניט פֿײַנט.

– נו, ניט אלע.

– כמעט אלע. אפֿשר מיטן אויסנאם פֿון אסטראָפֿיזיקערס.

יאָלאַנטע האָט זיך פֿאַררויטלט; דאָס איז געווען אַן אַלוזיע צו איר מאַן...

– איבעריקנס, וועד ווייסט? – סטעפֿע האָט איר פּראָוואָקאַטאָריש געקוקט אין די אויגן. – מעגלעך, אַז זיי אויך...

אָבער כאָטש יאָלאַנטע איז איבערצײַגט געווען אין דער פּרינציפּיעלער ריכ־טיקײַט פֿון איר שריט, האָט זי דאָך, אַהיים גייענדיק, געהאַט געוויסע ספֿקות, צי האָט זי געדאַרפֿט אײַנלאַדן סטעפֿען; זי האָט נעמלעך מורא געהאַט, אַז דער חברטעס אַנוועזנהײַט קאָן שטערן ראָבערטן אין דער אַרבעט. זי האָט אים גע־טראָפֿן בײַם שרײַבטיש פֿאַרנומען מיט זײַנע "באַמערקונגען וועגן קאָלערס טעאָריע". זי האָט אים גלײַך מיטגעטיילט וועגן דער אײַנלאַדונג.

– דאָס איז מײַן בעסטע חברטע פֿון שול – האָט זי פֿאַרענדיקט ווי מיט א פֿאַרענטפֿער. – ווערסט זען: א מויד – א גאָלד. נאָר איין חסרון: צו רוישיק, ניט לויט דײַן געשמאַק. כ'האָב מורא, צי האָב איך דיר ניט געטאָן קיין עוולה דערמיט... זאָג, ליבער: אויב דו ווילסט, קאָן איך עס נאָך אָפּרופֿן.

ראָבערט האָט דערקלערט, אַז ער האָט גאָרניט דאַקעגן, די חברטע זאָל בײַ זיי פֿאַרברענגען די צען טעג פֿון איר גאַסטראָלירן אין נ.

– טײַערער, ליבער! – זי האָט האַסטיק אַרומגענומען זײַן דיקן האַלדז, געקושט אים אין שטערן, אין די באַקן, אין מויל. ער האָט אָפּגעענטפֿערט מיט א קוש, עטוואָס פֿאַרווונדערט פֿון איר שטורמישער דאַנקבאַרקײַט.

זי האָט דערקענט ראָבערטן מיט צען יאָר צוריק; ער איז געקומען צו איר פֿאָטער מיטן צוועק דורכצופֿירן מעדיצינישע אונטערזוכונגען פֿאַר זײַן ערשטן פֿלי מיט א באַלאָן כדי צו מאַכן וויסנשאַפֿטלעכע אויסמעסטונגען. דער דאָקטער און דער פּאַציענט האָבן זיך שנעל באַפֿרײַנדעט. זיי האָבן געהאַט עפּעס בשות־פֿותדיקס אין כאַראַקטער: ביידע זענען זיי געווען מילד און אײַנגעהאַלטן. ס'האָט אויך עקסיסטירט א קערפּערלעכע ענלעכקײַט צווישן די צוויי הויכע, עטוואָס מגושמדיקע מענער.

ראָבערט האָט אָנגעהויבן באַזוכן דעם דאָקטערס הויז. ער און יאָלאַנטע האָבן זיך פֿאַרליבט און באַשלאָסן צו ווערן מאַן – און־ווײַב. זי האָט דעמאָלט געהערט צו א באַהעמישער געזעלשאַפֿט, וווּ ס'איז אָנערקענט געווען דאָס פֿרײַ

צוזאמענלעבן פֿון א פֿרוי מיט א מאן אָן דער פֿארמיטלונג פֿון רעליגיעזן אָדער אמטלעכן צערעמאָניאל. ראָבערט איז געווען גערירט פֿון יאָלאנטעס צוטרוי.

- ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען, וואָלט איך דיך נאָך העכער געשעצט פֿאר דײַן ניט זוכן קײַן פֿארזיכערונג אין לעבן. דו באזיצט א באצויבערנדיק קינדערישן גלויבן אין מענטשן און דאָס אליין איז שוין א פֿארזיכערונג. ס'איז דאָך שווער צו באוולען א קינד!

אויך פֿון אנדערע האָט זי געהערט, אז זי איז ווי א קינד צוטרוילעך און ספּאָנטאן. זי האָט אקצעפּטירט אָט די כאראקטעריסטיק אירע און צו איר צוגעפּאסט איר לעבנס-טאקטיק.

איר צעניעריק צוזאמענלעבן מיט ראָבערטן איז אָפּגעפֿלאסן לויטער און עטוואָס מאָנאָטאָן. איבערגעגעבן זייער פּראָפֿעסיאָנעלער ארבעט, האָבן זיי ניט געפֿאָדערט פֿאר זיך קײַן ספּעציעלע עולם-הזה'דיקע תענוגים. דער חברטעס צוזאמענוווינען מיט זיי במשך פֿון צען מעת-לעת האָט אייגנטלעך געזאָלט זײַן די ערשטע ענדערונג אין זייער פּריוואטן לעבן.

זי האָט ארומגערינגלט די חברטע, ווי נאָר יענע האָט איבערגעטראָטן איר שוועל, מיט פֿרײַנדשאפֿט און אָפֿנהערציקײַט. דער בשותּפֿותדיקער אָוונטברויט ארום חצות נאָך סטעפֿעס ערשטן אויפֿטריט אין נ. האָט געטראָגן א יומטובדיקן כאראקטער, ניט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען געפּראוועט נאָר אין דרײַען. יאָלאנטע האָט איר מאן און איר גאסט ניט צו רו געלאָזט ביז זיי זענען איבערגעגאנגען אויף "דו". דאָס איז דעם אײַנגעהאלטענעם וויסנשאפֿטלער בעשײַמפערלעך אָנגעקומען שווער. יאָלאנטע האָט אבער געמוזט פֿעסטשטעלן, אז נאָכן אויסטרינקען מיט סטעפֿען "ברודערשאפֿט" איז ער שנעל געוואָרן מיט איר היימיש.

נאָכן אָוונטברויט זענען זיי, צוליב דער שפּעטער שעה (סטעפֿע האָט דעם ערשטן טאָג געגעבן צוויי פֿאָרשטעלונגען), באלד געגאנגען שלאָפֿן. אָבער צו מאָרגנס האָבן זיי נאָכן עסן געמאכט א לאנגן שפּאציר און די אקטריסע האָט ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס פֿאר ראָבערטס פּאָפּולערן פֿאָרטראָג וועגן שטערן און פּלאנעטן. יאָלאנטע האָט זיי אָבסערווירט ווי זיי זענען געשטאנען

באנאנד, פֿארקוקט אויפֿן זומערדיק לויטערן הימל. בשעת זייער צוריקקער אהיים האָט זי איַינגערוימט דער חברטע אין אויער, ווי שטארק עס פֿרייט זי איר גוט-פֿריַינדשאפֿט מיט ראָבערטן.

אין איינעם פֿון די נאָענטסטע טעג האָט גערעגנט, זיי זענען אלזאָ נאָכן אונטערויט פֿארבליבן אין שטוב. יאָלאנטע האָט מיט ענטוזיאזם אויפֿגעכאפּט סטעפֿעס פֿאָרשלאג אויסצולערנען ראָבערטן טאנצן. זי האָט אליין ארומגערינגלט מיט זיַין אָרעם סטעפֿעס טאליע און מיט א גוטמוטיקן שמייכל (דערביַי האָבן אירע ליפּן עטוואָס געציטערט) צוגעקוקט ווי סטעפֿע טוליעט צו אים איר פֿולן וויַיבערישן קערפּער. און ווען דער הויכער, ברייטביינִיקער ראָבערט האָט ענד-לעך פֿעסט ארומגענומען און צוגעדרוקט צו זיך זיַין פּארטנערין, האָט עס זיך יאָלאנטען אויסגעוויזן אזוי קאָמיש, אז זי האָט זיך פֿונאנדערגעלאכט, אזש טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

וויַיטער האָבן זיך די געשעענישן אנטוויקלט מיט א פֿארבלענדנדער שנעל-קיַיט. ווען די צען-טאָגיקע גאסטראָלן האָבן זיך געענדיקט, איז סטעפֿע "אויף דער אלגעמיינער פֿאָדערונג פֿון פּובליקום" אויף לענגער פֿארבליבן אין נ. זי האָט וויַיטער געוווינט צוזאמען מיטן פּאָרפֿאָלק, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען פֿארשטענדלעך פֿון זיך אליין. דער מאן און די חברטע האָבן אָנגעהויבן זיך צוזאמען אָפּזונדערן. ראָבערט פֿלעגט גיין זי אָפּוואַרטן ביַים טעאטער און אָפּט קומען מיט איר שפּעט ביַי נאכט, ווען יאָלאנטע איז שוין געליגן אין בעט. ביז איין מאָל זענען זיי געקומען ערשט צו מאָרגנס אין דער פֿרי נאָכן פֿאר-ברענגען די נאכט אין א האָטעל.

ראָבערט איז שוויַיגנדיק אריַין צו זיך אין קאבינעט, און סטעפֿע האָט זיך געווענדט צו יאָלאנטען:

- מיר האָבן באשלאָסן זיך פֿאראייניקן. פֿאָרמאליטעטן זענען איבעריק; לויטן געזעץ זענט איר דאָך ניט קיַין פּאָרפֿאָלק. מיר פֿאָרן אוועק.

יאָלאנטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. קיַין איין וואָרט איז ניט ארויס פֿון איר אויסגעטרוקנט מויל. זי האָט געהאָלפֿן איר מאן איַינפּאקן זיַינע זאכן.

- די "באמערקונגען וועגן קאָלערס טעאָריע" קאָנסטו ארויסוואַרפֿן - האָט ער געזאָגט. - אין שײַן פֿון די נײַסטע וויסנשאַפֿטלעכע דערגרייכונגען פֿאַר-מאָגט זי שוין נאָר א היסטאָרישן ווערט.

די צוגרייטונגען צו דער צעשיידונג האָבן זיך שנעל געענדיקט. יאַלאַנטע האָט זיי אָפּגעפֿירט צום באַנהויף. ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן בײַם אריינ-שטײַגן אין צוג, האָט זי צו זיי אויסגעצויגן די הענט, צווײנגענדיק אירע צוקנדיקע ליפּן צו א שמייכל.

- זײַט געזונט! - האָט זי געזאָגט מיט א פֿארשטיקטן קול.

אָפּגעליגן אין בעט דעם גאַנצן ערשטן טאָג פֿון דער צעשיידונג, האָט זי ערשט אין אָוונט דערפֿילט א וואָלפֿישן הונגער. דער דראַנג נאָך עסן איז גע-ווען אזוי שטארק, אז זי איז ארויסגעשפּרונגען פֿון בעט און אין העמד צו-געלאָפֿן צום בופֿעט. זי האָט אפֿילו קײַן צײַט ניט געהאַט צו וואַשן די הענט נאָר גלײַך זיך געוואָרפֿן אויפֿן עסן. באַלד אָבער האָט זי עס פֿון זיך אָפּגע-רוקט. זי איז ניט אין שטאַנד געווען אראָפּצושלינגען קײַן ביסן, אזוי אויס-געטרוקנט איז געווען איר מויל. זי איז א הונגעריקע אָבער אַבסאָלוט אַפּעטיט-לאָזע צוריק ארײַן אין בעט און נאָך א קורצער צײַט אײַנגעשלאָפֿן.

זי האָט זיך אויפֿגעוועקט אין מיטן דער נאַכט. אין איר דמיון האָט זיך געשטופּט די פֿאָרשטעלונג פֿון דער פֿריערדיקער נאַכט, וועלכע ראָבערט מיט סטעפֿען האָבן פֿארבראַכט אין האָטעל. דאָס בילד האָט איר פֿארשאַפֿט א כמעט אומדער-טרעגלעכע פּײַן, ס'איז אָבער געווען אזוי פֿארכאַפּנדיק פּלאַסטיש, אז זי האָט ניט געהאַט קײַן כוח אָפּצושטויסן עס פֿון זיך.

...אָט געפֿינען זיי זיך שוין אין צימער פֿון האָטעל. סטעפֿע נעמט אראָפּ דעם זשאַקעט פֿון ראָבערטס ברייטער פּלייצע, שפּיליעט פֿונאַנדער זײַן העמד און לייגט אוועק איר האַנט אויף זײַן ברוסט. ער ציט זי צו זיך צו און צערטלט זי דרייסט, אינטים, ווי מען צערטלט א ווײַב. זיי לאָזן זיך אראָפּ אויף דער קושעטקע, באַפֿרײַען זיך קעגנזײַטיק פֿון אָנטועכץ. סטעפֿעס לאַנגער קרעכץ פֿון תענוג. זי ציט צו זיך צו ראָבערטס קאָפּ און, ווען ער לייגט ארויף זײַנע ליפּן אויף אירע, רוקט זי ארײַן איר צונג אין זײַן מויל - -

צו מאָרגנס איז יאַלאַנטע שווער געווען אויפֿצושטיין; זי איז אָפּגעליגן ביז מיטאָגצײַט. ערשט דער קלונג בײַ דער טיר האָט זי געצווונגען ארויסצו-

גיין פֿון בעט. דאָס איז געווען די וועשין. יאַלאַנטע האָט בײַ איר דורך דער האַלב געעפֿנטער טיר אָפּגענומען דאָס פּעקל וועש, באַצאָלט, אָבער איר קיין נײַע אַרבעט ניט געגעבן.

זי האָט זיך אומגעקערט אין בעט. זי איז הונגעריק און קען ניט עסן. דאָס מויל איז טרוקן, זי קען קוים באַוועגן מיט דער צונג. זי האָט אַ מאָדנעם געפֿיל, ווי זי וואָלט געהאַט אַ פֿרעמדע צונג אין מויל.

זי האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז זי אָבסערווירט זיך אַליין אינערלעך פֿון יענער מינוט אָן, ווען דער צוג מיט ראָבערטן און סטעפֿען איז פֿאַרשוווּנדן. זי האָט געזען זיך אַליין ווי זי קערט זיך אום מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אין די פּוסטע שטוב. "זי האָט ווײַטער געשפּילט" - האָט זי געטראַכט וועגן זיך מיט פֿאַראַכטונג און האַס, ווי וועגן אַן אַנדערער פּערזאָן, "זי האָט ווײַטער געשפּילט, דאָס מאָל שוין נאָר פֿאַר מיר אַליין, איר פֿלאַכע ראָל פֿון אַ באַעוולט קינד. אַ שרײַבערין" - האָט זי צוגעגעבן מיט שפּאָט. - "ס'איז מיר שווער צו גלויבן, אַז זי, אַ קאַבאַטינערין וואָס האָט זיך אָנגעוואָרפֿן אַ באַשטימטע לעבנס-פּאָזע און זיך אין איר עקשנותדיק אײַנגעוויקלט, זאָל פֿעיק זײַן צו שאַפֿן עפּעס באמת ווערטפֿולס. אַך, די געפֿעלשטע נשמה! זי האָט כלומרשט מיט ביטול איבערגערופֿן איר חברטע "די פֿליישיקע סטעפֿע", אָבער אין דער אמתן איז זי איר מקנא געווען אירע פֿולע בריסטן און די... סטעאַטאָפּיגיע".

דורך אַ מערקווערדיקן פּאַראַלעליזם פֿון געפֿילן און געדאַנקען האָט זי אָפּגעשאַצט די אומנאַטירלעכקײַט פֿון באַטראַכטן זיך אַליין ווי אַן אַנדערע פּערזאָן און גלײַכצײַטיק באַנומען די דערלײַכטערונג וועלכע ס'האָט איר פֿאַרשאַפֿט אָט דער קאַלטער אָביעקטיוויזם. ער האָט זיך, אגב, שנעל פֿאַרוואַנדלט אין אַ געפֿיל פֿון ביטערער הנאה, ווען זי האָט זיך אינערלעך אָפּגעטיילט פֿון איר אייגענעם איך און באַטראַכט יאַלאַנטעס מפּלה מיט שנאה'דיקער שאָדנפֿרייד..."צי איז דען ניט בעסער - האָט זי געטראַכט - שלום צו מאַכן מיטן געשעענעם פֿאַקט, אוידער אויפֿהאַלטן די אָנגעשטרענגטקײַט פֿון פּיין דורך ניט וועלן אים אָנערקענען?" דורך אַנטשיידענעם פֿאַרטיליקן זיך - די באַזיגטע - איז זי ענדלעך דערגאַנגען צו אַ צושטאַנד פֿון אזא הכנעה, אין וועלכן זי האָט אויך מסכים געווען צו סטעפֿעס צונג אין ראָבערטס מויל - צו דער פֿרעמדער צונג אין מויל. און ערשט דעמאָלט האָט נאָכגעלאָזט די אומדערטרעגלעכע טרוקעניש אין איר אייגן מויל; נאָך אַנדערטהאַלבן מעת-לעת איז זי ענדלעך פֿעיק געוואָרן צו שטילן דעם הונגער.

עסן און שלאָפֿן - דאָס זענען פֿון איצט אָן געוואָרן די הויפּט-פֿונקציעס פֿון איר לעבן; עסן און שלאָפֿן און... טרוימען. זי האָט אויף פֿאַרשידענסטע אופֿנים איבערגעטראַכט איר מפּלה אין קאַמף מיט סטעפֿען פֿאַר ראָבערטס ליבע; זיך פֿאַרטיפֿט אין אירע אייגענע ליַידן, זיי בכיוון אויפֿגערייצט דורך פּרטימדיקע פֿאַרשטעלונגען פֿון סטעפֿעס און ראָבערטס ליבע-סצענעס, און מיט וואַקסנדער ליַידנשאַפֿט געזעטיקט איר אכזריות לגבי זיך אַליין. איר ליבע צו דעם מאַן וועלכער האָט זי אָפּגעשטויסן, האָט אויפֿגעפֿלאַקערט און זיך דערהויבן צו א הויך, צו וועלכער זי האָט במשך פֿון די פֿאַרגאַנגענע צען יאָר פֿון זייער צוזאַמענלעבן קיין מאָל ניט דערגרייכט אויף איין מאָמענט אפֿילו. "צי האָט זי דען ראָבערטן פֿריער באמת געליבט?" - האָט זי רעטאָריש געפֿרעגט. -"וואָס איז דען בכלל קעגנזײַטיקע ליבע? א לעקעכל פֿאַר א גראָשן. אמתדיקע ליבע איז נאָר די ניט אָפּגעענטפֿערטע. נאָר בענקען נאָך דעם וואָס האָט דיך אָוועקגעוואָרפֿן, פֿאַרגעטערן דעם וואָס האָט דיך פֿאַראַכטעט - ערשט דאָס הייסט ליבע".

פֿאַרטאָן אין פֿראַגמענטאַרישע געדאַנקען, וועלכע זי האָט פֿון שרײַבערישער געוווינהייט אומווילנדיק סינטעטיזירט (און פֿאַראַלגעמיינט אירע אייגענע אינטימע איבערלעבונגען), פֿלעגט זי שעהען לאַנג אַרומשפּאַצירן איבער דער ניט אויפֿגערוימטער שטוב, אומפֿעיִק ניט נאָר צו נעמען א בוך אין האַנט, נאָר אפֿילו איבערצוקוקן די פּרעסע. פֿאַרטיפֿט אין אירע פֿאַרפֿלאָנטערטע געפֿילן, אין וועלכע זי האָט זיך שוין אויפֿגעהערט פֿונאַנדערצוקלײַבן זײַענדיק גלײַכ-צײַטיק דער תּלין און קרבן פֿון דער מאָראַלישער אכזריות, האָט זי כּמעט ניט געלייענט די אָנקומענדע קאָרעספּאָנדענץ און זי געלאָזט אָן אָן ענטפֿער אויפֿן טיש אין פֿאָדערצימער.

זי האָט פֿריער ווי געוויינלעך באַקומען די חודש-בלוטונג. עטלעכע טעג שפּעטער, ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט זי זיך, פֿון געוווינהײַט, האַלב אויטאָמאַטיש, אויסגעבאָדן און צוריק אַרײַן אין בעט. "איצט וואָלט גוט געווען אַרומנעמען ראָבערטן, זיך אײַנטוליען אין אים. איז ער אָבער ניטאָ. אָן אַנדערע, א מער רייציקע האָט אים צו זיך גענומען. טאָ ווי אַזוי, אין קעגנזאַץ צו דער ווירקלעכקײַט, אויסטרוימען אז מ'איז צוזאַמען מיט אים? די ווירקלעכקײַט מוז מען אָננעמען און גיין מיט איר האַנט בײַ האַנט. נאָר אַזוי אַרום קאָן מען זי אָפּנאַרן, אַוועקגנבענען זיך אין א זײַט... מ'דאַרף נאָך מער הכנעהדיק אָנערקענען סטעפֿעס זיג, אײַנבויגן פֿאַר איר די קניען. ...זי שרײַבט

צו איר זיגרײַכער קאָנקורענטין א בריוו, אין וועלכן זי דערקלערט איר אונטערטעניקייט. זי לייגט פֿאַר צו ווערן סטעפֿעס דינסט. יענע גייט אײַן דערויף און נעמט זי צו זיך. זי באדינט זיי ביידן, סטעפֿען און ראָבערטן, מיט איבערגעגעבנקייט און טרײַהייט. איר יראת-הכבוד און געטרײַשאַפֿט פֿאַר דער הארין זענען אזוי *אמתדיק*, אז יענע, זיכער אינעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון, דערלויבט זיך אויף א שוואכקייט, און אויס פֿאַראכטנדיקער רחמנות גייט זי אײַן דערויף, אז ראָבערט זאָל איין מאָל, אן איין און איינציק מאָל - - -"

זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון האלבן שלאָף, מיט דער קישן לײַדנשאַפֿטלעך צוגעדרוקט צו דער ברוסט. זי האָט פֿארשטאנען וואָס מיט איר איז פֿאָרגעקומען, באנומען אז זי האָט אָפּגענארט... די ווירקלעכקייט און זיך אליין. און דאָך איז דער טרוים פֿון געפינען זיך אין ראָבערטס אָרעמס געווען אזוי זיס, אז זי האָט באדויערט וואָס ער איז פֿארשוואונדן. זי האָט זיך א ריס געטאָן פֿון בעט, כדי ארויסצונעמען פֿון שופֿלאָד זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע און זי קושן. זי האָט אָבער דערפֿילט, אז איבערטראָגן אָט די צווייטע אילוזיע וועט שוין זײַן אי־בער אירע כוחות. פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן ראָבערטס "באמערקונגען וועגן קאָלערס טעאָריע", וועלכע ער האָט איר איבערגעלאָזט צום פֿארוויסטן. זי איז צוגעגאנגען צום שרײַבטיש מיטן ציל ארויסצונעמען דעם העפֿט, אויפֿ־צודרייען דאָס ליכט און זען ראָבערטס האנדשריפֿט. "איך האָב זי אָבער אָפּגע־שטויסן! זאָלסט ניט וואגן אָנצורירן זײַן געשריפֿטס מיט דײַנע שמוציקע פֿינגער! און זי איז א פֿארשעמטע און נידערגעשלאָגענע צוריק ארײַן אין בעט". און דעמאָלט - דורך אן אומפֿארשטענדלעכע אסאָציאציע - האָט זי פֿאר זיך דערזען... א שמייכל, א קרומען, זיס-אכזריותדיקן שמייכל פֿון אן אלט צעקנייטשט מויל.

"ווער און ווען האָט אזוי צו מיר געשמייכלט?" - זי האָט ניט געפֿונען קיין ענטפֿער.

ערשט אויף דער צווייטער נאכט, אין דער לעצטער רגע פֿארן אײַנשלאָפֿן, האָט זיך אין איר דמיון באוויזן - ווידער ניט צו וויסן פֿארוואָס דווקא איצט - די מאָדנע געשטאלט, צו וועלכער יענער שמייכל האָט געהערט.

דאָס איז געווען אן אלטע, הויקערדיקע בעטלערין, וואָס איז געזיצן אויף דער גאס אָנגעשפארט אָן א מויער. יאָלאנטע, געאָרעמט מיט ראָבערטן, איז

פֿארבײַגעגאנגען און איר געשענקט א נדבה. יענע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אָפּגעענטפֿערט מיט אַט דעם קרומען, זיס-אכזריותדיקן שמייכעלע. יאַלאנטען האָט א שטאָך געטאָן אין הארצן: דער שמייכל האָט אויסגעדרוקט פֿאַרבאַרגענע, אײַנגעבאקענע שנאה.

די ווייסט? - האָט זי זיך געווענדט צום מאן - בעטלער האסן די, פֿון וועמען זיי באקומען נדבות. זיי ווייסן, אז די נדבה איז אן אָפּצאָל כדי מיר זאָלן קאָנען רויק זעטיקן זיך מיט אונדזער גוטס. זי הייבט אויף דעם געבער און דערנידעריקט דעם באשאָנקענעם. זיי האסן אונדז דערפֿאַר. ווער ווייסט וויפֿל קללות עס זענען פֿאַרבאַרגן אין זייערע ברכות און וואָס פֿאַר א דורשט נאָך נקמה פֿארטײַעט זיך צווישן זייערע דאנקווערטער!

אַט דעם קליינעם עפּיזאָד האָט זי איבערגעלעבט פֿאַר עטלעכע יאָר און ביז איצט קיין מאָל וועגן אים ניט געטראכט. איצט איז ער איר אומגעריכט געקו- מען אויפֿן געדאנק. פֿאַרוואָס?...

די נאָענטסטע טעג האָט זי איינגנטלעך ניט געלעבט, נאָר וועגעטירט. זי האָט ניט פֿאַרלאָזט די שטוב, מורא האָבנדיק צו באווײַזן זיך פֿאַר מענטשן; ווײַל פֿארבײַגייענדיק פֿארן שפּיגל האָט זי פֿון יעגער זײַט געזען דעם פּרצוף פֿון א משוגענער. ערשט ווען אין בופעט האָט פֿאַרפֿעלט שפּײַז, איז זי אין אָוונט ארויסגעגאנגען אײַנקויפֿן און בײַ דער געלעגנהײַט ארויסוואַרפֿן דאָס אָנגעזאמלטע מיסט.

אין א פּאָר טעג שפּעטער האָט זי זיך געכאפּט, אז זי האָט ווינציק געלט. זי האָט זיך אזש ביטער צעלאכט בײַם געדאנק, אז זי פֿאַרמאָגט אין שרײַבטיש עטלעכע זאכן, וואָס וואַרטן אויסגעפֿארטיקט און אָפּגעטראָגן צו ווערן צום פֿארלעגער. שעפֿערישע ארבעט? זי איז אַפֿילו ניט מסוגל געווען איצט צו קלערן וועגן דעם. ס'האָט א נײַער געדאנק אויפֿגעבליצט אין איר מוח. זי האָט אָנגעשריבן אין די רעדאקציעס פֿון צוויי ליטערארישע צײַטשריפֿטן, פֿאַרלייי- גנדיק צו מאכן פֿאַר זיי איבערזעצונגען. ס'איז אומגעריכט שנעל אָנגעקומען א פּאָזיטיווער ענטפֿער פֿון בײדע ערטער; מ'האָט שוין דאָרט, ווײַזט אויס, גע- ווּסט פֿון איר אומגליק און געוואָלט איר העלפֿן. אזויארום האָט זי זיך פֿאַר- זיכערט א מאטעריעלע עקסיסטענץ, ניט דאַרפֿנדיק דערבײַ קומען מיט קיינעם אין פּערזענלעכן קאָנטאקט; די פּאָסט האָט איר געברענגט פֿון די רעדאקציעס מאטעריאלן און דעם שכר און פֿון איר אָפּגעליפֿערט די איבערזעצונגען.

פֿון איצט אָן האָט זי געפֿירט א דאָפּלטע עקסיסטענץ. איר קאָנטאקט מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט זיך באַגרענעצט צו דער מינימאַלער און מאָנאָטאָנער פּראָפֿעסיאָנעלער טעטיקייט. פֿיל אינטענסיווער איז אָנגעגאַנגען דאָס לעבן אין איר אינערלעכער וועלט. אירע געשפּרעכן מיט זיך אַליין (דערביי האָט זי, אפֿשר פֿון שרייבערישער געוווינהייט, גערעדט ניט מיט נאָר וועגן זיך) זענען געוואָרן א סיסטעם פֿון אויסלאָדן איר פֿאַרביטערטקייט און גלייכצייטיק א מקור פֿון נייע ליידן, וועלכע ס'האָבן איר פֿאַרשאַפֿט אירע אייגענע אכזריות-דיקע פֿאַנטאַזיעס. אָט דער אינערלעכער געשפּרעך איז אָנגעגאַנגען אָן אויפֿהער, אָבער געוויסע טיילן זיינע - צוליב עפּעס סודותפֿולע ביאָלאָגישע געזעצן - זענען פֿאַרהוילט געווען פֿאַר איר באַוווּסטזיין. דעריבער האָבן זיך איר אירע מחשבות אויסגעוויזן פֿראַגמענטאַרישע, און ענצעלנע איינפֿאַלן פֿלעגן קומען אומגעריכט.

..."וואָס פֿאַר אן אומזיניקער טרוים; - האָט זי זיך פּלוצלינג דערמאָנט יענע נאַכט נאָך איר לעצטער בלוטונג - זיך פֿאָרשטעלן אז סטעפֿע, פֿון רחמנות איבער איר, דער דערנידעריקטער דינסט, שענקט איר א שעה אין ראָבערטס אָרעמס! ווי האָט א שרייבערין גאָר געקאָנט ארייַנלאָזן צו זיך אין דמיון אזא אומ-וואַרשיינלעכקייט! דאָס קאָן מען נאָר פֿאַרענטפֿערן מיט איר אָפּגעשוואַכטער זעלבסטקריטיק אונטערן איינפֿלוס פֿון דער סעקסועלער אויפֿגערייצטקייט נאָכן פּעריאָד. ווייל צי איז דען ניט קלאָר, אז סטעפֿע וואָלט זי קיין מאָל צו זיך איבער דער שוועל ניט געלאָזט? אויב שוין זיין א דינסט, איז... יאָ, ביי יענער הויקערדיקער בעטלערקע, וואָס האָט א מאָל אזוי אכזריותדיק-זיס גע-שמייכלט צו איר".

...זי איז א דינסט ביי דער זקנה. דעם גאַנצן טאָג, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, שטייט זי צוזאַמען מיט איר אויף דער גאַס. אין אָוונט גיט זי איר אָפּ דאָס אָנגעזאַמלטע געלט און זיי קערן זיך אום אין זייער קעלערשטוב. דאָרט פֿאַרוואַנדלט זיך די בעטלערין אין א ציכטיקע בעל-הביתטע. זי טוט אויס די שנאָררערישע קליידער און ציט אויף זיך ארויף אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט אָנטועכץ. האַלטן עס אין אָרדענונג, קאָכן די וועטשערע, קערן די שטוב, פֿאָלגן אויפֿן וווּנק ווי א גוט דרעסירטע צויג - דאָס איז די פֿליכט פֿון דער דינסט יאַלאַנטע. און ווי איז צו איר, אויב זי פֿאַרזינדיקט זיך! די אַלטע נעמט אוועק פֿון איר דאָס עסן, לאָזט איר ניט צודעקן זיך מיט דער ראָגאָזשע ווען

זי לייגט זיך שלאָפן אין דער קאלטער נאכט אויפן שטרויזאק ביי דער וואנד, שלאָגט זי שוידערלער, לאנג, מיט א שטיק האָלץ וואָס הילכט אָפּ אָנטרעפנדיק אויף א ביין, און טוט דאָס אלץ מיט יענעם האסנדיקן, קרומען, זיס-אכזר-יותדיקן שמייכעלע.

"...זי שטייט אנומלט, יאָלאנטע, אָנגעשפארט אָנעם מויער ביי דער זייט פון דער זקנה, א צעשלאָגענע, ניט אויסגעשלאָפענע, ציטערנדיק אויפן ווינט אין אירע שמאטעס, ווען זי דערזעט זיי ביידן: סטעפען און ראָבערטן. זיי גייען געאָרעמט, אזוי ווי דאמאָלט, מיט יאָרן צוריק, זענען געגאנגען גע-אָרעמט ראָבערט מיט יאָלאנטען ווען זיי האָבן דערזען די הויקערדיקע אלטע; איצט זעט יאָלאנטע ווי סטעפע טוליעט זיך צו איר, יאָלאנטעס, מאן, ווי זי פרעסט צו אים איר פולן, ווייבערישן קערפער - - -"

וווהין פירן זי אָט די פאנטאזיעס? וואָס איז זייער צוועק? זי איז פארזונקען אין אָפּגעלאָזטקייט. זי האָט אָפּגעזאָגט דער געהילף און פירט איצט אליין די ווירטשאפט. נאָכן אָפּפארטיקן זיך מיט די איבערזעצונגען קאָכט זי און וואשט פאר זיך. אָבער אויסער דער פראָפעסיאָנעלער ארבעט, וועלכע זי פילט אויס געווויסנדיק כדי ניט צו ווערן פון איר באזאָרקט, טוט זי אלץ זאָרגלאָז, פון יוצא וועגן. אין דער פרייער צייט דרייט זי זיך ארום אָן א ציל איבער דער שטוב, מיט א שטיק טרוקן ברויט אין האנט, פון וועלכן זי נעמט פון צייט צו צייט א ביסן און קייעט מעכאניש, ווי א מעלה גרה.

זי האָט אנומלט דערזען זיך אין אָט דעם צושטאנד אין שפיגל און אנט-קעגן אים שטיין געבליבן. פלוצלינג האָט זי אויסגעצויגן די לינקע האנט מיט פינגער פארקרומטע ווי חיה'שע נעגל - און אָנגעטאפּט דאָס קאלטע גלאָז. זי האָט צוריקגעצויגן די האנט, ארויפגעלייגט די פינגער אויפן האלדז און אים ווייטיקדיק פארדרוקט. -

זי איז ממשיך אין איר אָפּגעלאָזטקייט, האָט אין גאנצן אויפגעהערט רוימען די שטוב און אָפּגעשטעלט דאָס וואשן. די לעצטנס אויסגעוואשענע וועש איז לאנג שוין אויסגעטרוקנט און דאָך הענגט זי ווייטער אָן א ציל אויף דער שטריק אין קיך.

מיט א ספעציעלער פארביסנקייט פארנאָכלעסיקט זי איר אייגענע פערזאָן. און ווען זי לייגט זיך אין בעט מיטן פון לאנג ניט אָפּגעפרישטן איבערצוג

און דערפילט דעם אומאָנגענעמען גערוך פון איר לײַב, טראַכט זי וועגן זיך: "די פּאַרעיפּושטע".

"אָ, ווי איך האַס זי, די פּאַרעיפּושטע, ווען איך זע ווי זי שלײַכט זיך פון יענער זײַט שפּיגל מיט אירע צעשויבערטע האָר און וואַסעריקע אויגן! ווי נמאס איז מיר שוין געוואָרן דער אָנבליק פון איר דאַרן גוף, וואָס דער־מאָנט אָן אַן אויסגעמאָגערטער צויג! צו וואָס דרייט זי זיך דאָרט אַרום אינעם לאַבירינט פון אירע לײַדן, פון וועלכן ס'איז קײַן אויסוועג ניט פאַראַן?" זי האָט דערזען זיך אין דמיון ווי זי שטייט מיט דער האַנט פאַרדרוקט אויפן האַלדז... "אַ סוף מאַכן צו איר האָפנונגסלאָזן לעבן, אויסווישן זי פון שפּיגל אַזוי ווי מען ווישט אויס אַ נבזה'דיקן פלעק!" זי האָט זיך דערמאָנט אָן די וועש, וואָס טרוקנט נאָך אַלץ אויף דער שטריק אין קיך. זי האָט דערזען זיך אַליין ווי זי נעמט אַראָפּ שטיקלעכווײַז די וועש פון שטריק, בינדט אָפּ איין עק שטריק פון דער וואַנט...

שטילערהייט, ווי גנבֿנענדיק זיך, איז זי אַרויס פון בעט און טריט בײַ טריט, ווי פאַרטיפט אין אַ לונאַטישן שלאָף, האָט זי זיך געווענדט צום אַרײַנ־גאַנג אין קיך...

אַ שטילער קלאַפּ. זי האָט אויפגעציטערט. דאָס איז דורכן שפּאַלט אין פאָדערטיר אַרײַנגעפאַלן אין פאָסטקעסטל אַ בריוו. זי איז צוגעגאַנגען, אים אַרויסגענומען און געעפנט. אַ בריוו פון אים! איר בליק איז געפאַלן אויף די ערשטע ווערטער: "טײַערע יאָלאַנטע". איר פּנימלעך פאַרדרוקט האַרץ האָט ווי אויפגעטרײַעט. זי האָט גענומען לייענען. ראָבערט האָט אָנגעגעבן זײַן נײַעם אַדרעס און געבעטן שיקן אים די פאַר אים אָנגעקומענע קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט אויך געבעטן שיקן אים זײַנע "באַמערקונגען וועגן קאָלערס טעאָריע", וועלכע האָט - ווי ער האָט מיטגעטיילט - אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָנגאָבן פון די לעצטע חלל־פליען באַקומען אַ נײַעם אַספּעקט. דער בריוו האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: "דײַן ראָבערט".

זי איז געשטאַנען אַ באַוועסע אין פאָדערהויז, געלייענט דעם בריוו נאָך און נאָך אַ מאָל, ניט פעיק זיך מיט אים צו שיידן. אָ, ז'האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ לאַקאָנישער, זאַכלעכער בריוו. זי האָט ריכטיק באַנומען די אויס־דרוקן "טײַערע יאָלאַנטע" און "דײַן ראָבערט" אַלס ניט מער ווי אַ העפלעכ־

קײַט. אָבער אַפֿילו א העפֿלעכקײַט פֿון אים איז גענוג געווען, כדי זי ארויס-
צורײַסן פֿון איר אוממענטשלעכער סטאגנאציע.

זי האָט זיך ארומגעקוקט אויף דער פֿארלאָזטקײַט פֿון דער שטוב און פֿון
איר אייגענער פערזאָן און זיך א נעם געטאָן ברענגען זיך אליין און אלץ
ארום אין אָרדענונג. דערנאָך האָט זי צוגעגרייט דעם כתב-יד צום אָפּשיקן, זי
האָט זיך אויך דערלויבט - דאָס ערשטע מאָל נאָך ראָבערטס אוועקפֿאָר - ארויס-
נעמען פֿון שופֿלאָד זײַן פֿאָטאָגראפֿיע. ס'האָט אן עקשנותדיקער געדאנק געעג-
בערט אין איר מוח: ער איז איבערצײַגט, אז זי האָט זײַן ארבעט ניט ארויס-
געוואָרפֿן; הייסט עס, ער האָט זי איר איבערגעלאָזט אלס אן אָנדענק, און
געווען זיכער, אז זי וועט אזוי עס פֿארשטיין. איצט פֿאָדערט ער זי צוריק -
פֿארשטייט זיך, נאָר צוליב וויסנשאפֿטלעכע טעמים. און אויב אזוי, וועט ער
אפֿשר, באקומענדיק זי פֿון זײַן יאָלאנטען, דערפֿילן עפעס ענלעכעס צו דעם,
וואָס זי האָט דערפֿילט, דערזעענדיק זײַן בריוו? איז אפֿשר דער דאָזיקער
בריוו זײַנער נאָך ניט דער לעצטער?...

א דערשעפטע פֿון דער אָנשטרענגונג און פֿון ברויזנדיקע געפֿילן האָט זי
זיך געלייגט אין בעט און שנעל אײַנגעשלאָפֿן. און אָט איז איר חלום:

...זי איז א קליין מיידעלע און געפֿינט זיך מיטן פֿאָטער אויף א שפּא-
ציר הינטער דער שטאָט. זיי פארברענגען דעם גאנצן טאָג צוזאמען, שפילן זיך
און טאנצן, לויפֿן האלטנדיק זיך בײַ די הענט און לאכן. ס'איז אזוי גוט
אויפֿן גרינעם פֿעלד, ס'איזווארעם, די לופט - ווי דורכגעוועבט מיט בלויע
זײַדענע פֿעדים. אָבער ווי אן אונטערשלאק פֿון דער לויטערער שטימונג פֿילט
זיך א פֿארבאָרגענער טרויער. זי ווייסט, אז ווען די זון וועט פֿארגיין,
וועט מיט איר געשען עפעס מוראדיקס. זי באמיט זיך ניט טראכטן וועגן דעם.
דערווײַל איז דאָך נאָך ליכטיק, די זון שײַנט אזוי פֿריילעך, דעם טאטנס
האנט איז מעכטיק און מילד. זיי לויפֿן צוזאמען אונטערשפרינגענדיק, נעמען
זיך אָן פֿאר די געקרייצטע הענט און טאנצן אין א ראָד.

אָבער אָט הייבט אָן פֿארגיין די זון. ס'ווערט קאלט און טונקל. און דאָן
גייט ארויס פֿון וואלד און דערנענטערט זיך צו זיי... זי אליין, די אנדערע
יאָלאנטע מיט א שטריק אין האנט.

דאָס קינד טוליעט זיך צום פֿאָטער. - טאטעלע, גיי ניט אוועק, לאָז מיך ניט איבער אליין מיט איר, כ'האָב מורא! אָבער דעם פֿאָטערס האנט גליטשט זיך ארויס פֿון איר ספאזמאטיש פֿארדרוקטע פֿינגער, זי קאָן אים ניט פֿארהאלטן. ער דערוויַטערט זיך און יענע מיט דער שטריק קומט צו אלץ נענטער.

- טאטעלע, גיי ניט, פֿארבליַיב מיט מיר! - א כליפ ריַיסט זיך ארויס פֿון איר פארשטיקטן האלדז. - לאָז מיך ניט איבער אליין מיט איר. טאטעלע, טאטעלע! - -

זי האָט געעפֿנט די אויגן; טרערן האָבן זיך געקיַיקלט איבערן אויסגע-מאטערטן געזיכט, די ליפן אָנמעכטיק געצוקט: "...אט...אט..." זי האָט אויפֿ-געמאכט די פֿארדרוקטע האנט, פֿון וועלכער ס'איז ארויסגעפֿאלן ראָבערטס פֿאָטאָ-גראפֿיע. זי האָט זיך אומגעקוקט: דורכן פֿענצטער האָט אריַינגעטריפֿט דאָס טריבע ליכט פֿון פֿרימאָרגן.

זי איז ארויס פֿון בעט און זיך דערנענטערט צום שפיגל.

- קיין מאָל מער - האָט זי געזאָגט - קיין מאָל מער ניט קלערן וועגן דעם. אויסדויערן אין דער בענקשאפֿט און ווארטן געדולדיק. זיי וועלן קומען אליין: די אויסלייזונג און די רו.

דער פֿאַרשאָלטענער איוב

"דער עיקר אונטערשייד צווישן מײַן איוב און דעם תנכישן איז באַשטאַ-נען אין דעם", האָט אָנגעפֿאַנגען דער דערציילער, "וואָס מײַנער איז געווען גאָטס דינער און יענער גאָטס קנעכט. דעריבער איז דער תנכישער איוב געוואָרן געבענטשט און מײַנער פֿאַרשאָלטן".

דער דערציילער איז געווען א מאַן פֿון 50 יאָר, א גרויער מיט א דאַר געזיכט. דאָס איז געווען א באַפֿרײַטער פּאַציענט פֿונעם אַנשטאַלט פֿאַר גײַסטיק קראַנקע אונטער מײַן אָנפֿירונג, אין וועלכן ער האָט פֿאַרבראַכט קרוב א יאָר. געשטאַמט האָט ער פֿון פּוילן, וווּ ער האָט אין א שטעטל אויף מערב פֿון וואַרשע געהאַט א געווועלב. אין אָנפֿאַנג מלחמה איז ער אַרויס פֿון שטוב און זיך גע-וואַנדערט אויף מזרח מיטן ציל צו דינגען א וווינונג אין דער אומגעגנט פֿון לובלין, און דאָרט אַריבערפֿירן זײַן משפּחה, כדי דאָרט איבערצוּוואַרטן דעם קריג. זײַן וועג האָט אים אָבער אַוועקגעפֿירט ווײַטער ווי קײַן לובלין, הײַנו: קײַן סיביר. און ווען ער האָט זיך אין 1946 צוריקגעקערט קײַן פּוילן, האָט ער פֿון זײַנע אייגענע ניט געפֿונען שוין קײַן שפּור.

ער האָט אַלזאָ, אין עלטער פֿון 36 יאָר, אָנגעהויבן א לעבן פֿון דאָס נײַ: חתונה געהאַט און אין 1947 געקומען קײַן ישראל. דאָ זענען אים געבוירן געוואָרן אַנדערע קינדער, ער האָט געעפֿנט א געוועלב און געלעבט פֿיל בעסער ווי אין געוועזענעם שטיף-פֿאָטערלאַנד.

זײַן טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן אומגעריכט. ער האָט אָנגעהויבן, ניט צו וויסן פֿאַרוואָס איצט דווקא, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, בענקען נאָך זײַן אַמאָ-ליקער משפּחה, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין א צושטאַנד פֿון דעפּרעסיע און לסוף אָנ-געקומען אין אונדזער אַנשטאַלט.

מ'האָט אים אָפּט געזען א וויינענדיקן. די סיבה פֿון געוויין האָט ער פֿאַרענטפֿערט מיט כלומרשט אומדערטרעגלעכע ווייטיקן אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון קערפּער. נאָך עטלעכע וואָכן האָט ער ערשט אַנטפּלעקט פֿאַר מיר די אמתע סיבה פֿון זײַן טרויער און אָנגעהויבן צו באַקומען פֿאַרמאַקאָלאָגישע מיטלען צו שטאַרקן זײַן נערוון-צושטאַנד. אויסער דעם האָט ער אָנטייל גענומען אין דער פּסיכאָלאָגישער גרופּן-באַהאַנדלונג פֿון אונדזערע קראַנקע. איך האָב אויך דורכ-געפֿירט מיט אים א קורס פֿון אינדיווידועלע געשפּרעכן. אין פֿאַרלויף פֿון אָט

די געשפּרעכן האָט זיך פאַר מיר באַוויזן גאָר א באַזונדערע זײַט פון זײַן פּערזענלעכקײַט.

אָט דער סוחר, וועלכער, ווי ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, איז אײַנגעטונקען ביז איבערן קאָפּ אין עולם-הזהדיקע ענינים, האָט זײַן אומגליק באַטראַכט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, פון אַן אַלגעמיינעם פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט. ס'האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז אין זײַן (און ניט נאָר זײַן) ביזאַיצטיקן געיעג נאָך הנאה - די לוסט-רײַזעס קײַן אויסלאַנד, דאָס פאַרברענגען לענגערע צײַט-אָפּשניטן אין לוקסוס-פּענסיאָנאַטן אאַז"וו - שטעקט אַן אַליין-דערנידערונג, אַן אויפגעבן פון דעם גורלס "פאַרגיטיקונק" פאַרן שוידערלעכן אומקום פון די ליבסטע...

דאָך, ניט געקוקט אויף זײַן מרה-שחורה, האָט זיך זײַן צושטאַנד מיט דער צײַט פאַרבעסערט. ער האָט אָנגעהויבן לייענען די פּרעסע, זיך אינטערעסירט מיטן געשעפט, וואָס זײַן פרוי האָט געפירט אין זײַן אומוועזן, מיט איין וואָרט: געפירט זיך נאָרמאַל. דעריבער, ווען ער האָט געבעטן אורלויב אויף צוויי וואָכן צו פאָרן אהיים, האָב איך זײַן בקשה דערפילט. אַז דאָס איז פון זײַן זײַט נאָר געווען אַ *דעמאָנסטראַציע* פון אָפּגעפונענעם גײַסטיקן גלײַכגעוויכט, אַ מאַנעווער פון אַ דעפּרעסיוון קראַנקן, דאָס האָב איך לײַדער פאַרשטאַנען שפּעטער, צו שפּעט...

ער האָט זיך אומגעקערט אין שפּיטאָל פונעם אורלויב ווי מאָראַליש אָפּגעפרישט, ווי אויפגעלעבט. כ'האָב באַשלאָסן אויסשרײַבן אים פון שפּיטאָל אַלס אויסגעהיילטן. און גראָד דעמאָלט, ווען איך האָב זיך שוין אויף דעם געהאַט דעציִדירט, האָט מיר שלמה, דער עלטערער וועכטער, אַרײַנגעבערנקט אין קאַבינעט אַ שאַכטעלע סם, וואָס ער האָט געפונען, בעת אַ קאָנטראָל, אין דער קעשענע פון דעם קראַנקנס זשאַקעט. דער קראַנקער האָט אָבער די זאַך פאַרענטפערט גאַנץ איבערצײַגענד: ער האָט ווירקלעך פאַרן אָנקומען אין אונדזער שפּיטאָל אַרומגעטראָגן זיך מיטן געדאַנק צו באַגיין זעלבסטמאָרד. בעתן אורלויב האָט ער געפונען אין שופלאָד פונעם שרײַבטיש אין זײַן וווינונג דאָס שאַכטעלע סם און עס מעכאַניש אַרײַנגערוקט אין קעשענע, כדי עס צו פאַרניכטן. ער האָט דערנאָך פּשוט פאַרגעסן צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט באַשלאָסן: אַרײַנוואַרפן עס אין מיסטקאַסטן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט פאַרלענגערט זײַן פאַרברענגען בײַ אונדז מיט אַ חודש. דורך דער צײַט איז ער געווען אינטענסיוו אָבסערווירט. ער האָט זיך

אָבער אויפֿגעפֿירט פֿולקום נאָרמאַל און איך האָב ענדלעך באַפֿוילן אים צו באַ-פֿרײַען. פֿאַרן פֿאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל האָט ער מיר זיך אָנפֿאַרטרויט, אַז ער האָט געשאַפֿן "אַ נײַע געשיכטע וועגן איובן", וועלכע ער וויל מיר דערציילן. "איך פֿיל", האָט ער געזאָגט, "אַז דאָס איבערגעבן אײַך מײַן שאַפֿונג וועט זײַן די פֿאַרפֿולקומונג פֿון מײַן היילונג". און אָט איז ער געזיצן אַנטקעגן מיר אין קאַבינעט, גרייט צום אָפּפֿאָר, אין אַ צעשפּיליעטן מאַנטל, מיט אַ וואַ-ליזקע בײַם פֿוס, און דערציילט זײַן אַפּאָקריף:

"דער אָנפֿאַנג פֿון מײַן געשיכטע אונטערשיידט זיך ניט פֿון דעם, וואָס מיר לייענען אין תנ"ך. ווען דער שטן האָט זיך געוועט מיט גאָט אַז ער וועט דעם פֿרומען איובן דערפֿירן צו חילול-השם און האָט אים פֿאַר דעם צוועק צו-גערויבט זײַן פֿאַרמעגן, זײַנע קינדער און זײַן געזונט, האָט זיך דער צדיק אָפּגעהאַלטן פֿון מרידה. ער, אין קעגנזאַץ צום תנכישן איוב, האָט אַפֿילו ניט געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער לײַדט, ווײַל ער האָט אויף אָט דער פֿראַגע געהאַט אַ גרייטן ענטפֿער.

ווי איר ווייסט, איז אין תנ"ך דערמאָנט איובס ווײַב, די איינציקע איבערגעבליבענע פֿון זײַן גאַנצער פֿאַמיליע. בײַ מיר איז אין דער געשטאַלט פֿון איובס ווײַב (וועלכע איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײַנע קינדער) פֿאַר-באָרגן דער שטן. ווען דאָס "ווײַב" העצט איובן קעגן גאָט, גיט ער איר צו פֿאַרשטיין:

"ס'איז אוממעגלעך, אַז מײַנע לײַדן זאָלן זײַן אַ שטראָף פֿון גאָט, ווײַל איך האָב אַזאַ שטראָף זיכער ניט פֿאַרדינט. ס'האָט מיך פּשוט געטראָפֿן אַן אומ-גליק, איינס פֿון יענע אומגליקן, וועלכע אין געלויף פֿון געשעענישן אין אונדזער גרויסער וועלט טרעפֿן אַמאָל, אָן גאָטס ווילן, מיט גאַנצע פֿעלקער אָדער מיט ענצלנע מענטשן".

"אָן גאָטס ווילן? דאָס קלינגט עפּעס מאָדנע אין די רייד פֿון דעם גאָטס-פֿאַרכטיקן קנעכט איוב..."

"איך בין ניט גאָטס קנעכט, איך בין גאָטס דינער. די מורא פֿון אַ קנעכט פֿאַרן האַר קאָן זײַן אַזוי גרויס, אַז זי זאָל דערגיין אַזש ביז ליבע. אָבער די ליבע פֿון אַ געטרײַען דינער וואָלט נאָר געקאָנט געמינערט ווערן דורך שרעק.

איך האָב ליב גאָט ניט פֿון מורא, כ'האָב אים ליב פֿון ליבשאַפֿט. איך האָב אים געליבט אין דער צײַט פֿון מײַן וווילזײַן און ליב אים נאָך א סך מער אין מײַנע יסורים".

"נו גוט", זאָגט איובס ווײַב - דער שטן. "דו ווייסט דאָך אָבער ניט פֿאַרלײקענען, אז גאָט, אויב ער זאָל נאָר וועלן, קאָן אין איין רגע איבער-רײַסן דײַנע שמאַרצן, וועןאַפֿילו ניט ער האָט זיי גורם געווען. און דו זעסט דאָך, אז ער טוט דאָס ניט".

"ניין", זאָגט איוב, "ער קאָן דאָס איצט ניט טאָן. איך בין זיכער, אז ער וועט אײַנשטילן מײַנע ווייטיקן, מיך אויפֿהויבן פֿון מײַן דערנידערונג. דערצו אָבער דאַרף ער האָבן צײַט".

"נו, דאָס איז שוין אפֿשר יאָ חילול-השם: זאָגן אז גאָט קאָן עפּעס ניט טאָן. איך זאָג 'אפֿשרי' נאָר דערפֿאַר ווײַל חילול-השם קאָן זיך דאָך ניט פֿאָרן מיט אזא לײַדנשאַפֿטלעכער ליבע צו גאָט ווי דײַנע".

"כ'האָב ניט געזאָגט, אז גאָט קאָן ניט איבעררײַסן מײַנע יסורים, כ'האָב געזאָגט אז ער קאָן דאָס ניט טאָן *איך דער רעגע*, אז ער מוז האָבן צײַט אויס-צופֿילן זײַן ווילן. דאָס איז טאקע דער אונטערשייד צווישן דער ליבע פֿון א קנעכט און דער ליבע פֿון א דינער: די ערשטע איז א ליבע אָן פֿאַרשטאַנד. יעדער טאט מוז דויערן, אויך די טאטן פֿון גאָט. זאָגן, אז גאָט קאָן אָפּטאָן אלץ אומאָפּהענגיק פֿון צײַט איז פּונקט אזא נארישקײַט, ווי זאָגן אז ער קאָן באשאַפֿן א 7-יעריקן קעמל".

איובס "ווײַב" האָט אָבער ניט אויפֿגעהערט צו לויערן נאָך זײַנס א מי-נוט פֿון שוואַכקײַט, כדי גורם צו זײַן ער זאָל ווידערשפעניקן גאָט.

"דו לײַדסט אזוי פֿיל", האָט זי געזאָגט, "און דו וואָלסט דאָך געקאָנט געפֿינען א באלדיקע אויסלייזונג פֿון דײַן פּײַן. פֿאַרשעלט גאָט און שטאַרב, און פֿאַרגעס דײַן יסורימדיקע ליבע צו אים און זיך אליין. גלויבסטו דען, אז עס איז מעגלעך אזא גליק, פֿאַר וועלכן ס'וואָלט געלוינט צו לײַדן אזוי, ווי דו לײַדסט?"

"ניין", האָט ער געענטפֿערט, "ניטאָ קיין פּרײַז צו באַצאָלן פֿאַר לײַד. ס'קאָנען העכסטנס געמינערט ווערן אירע דערמאָנונגען. דאָס אָפּגעליטענע אָבער

איז אוועק, אוועק אין דער אייביקייט און אפילו גאט קאן עס ניט אומקערן כדי עס צו פארווישן. ווערן באלוינט פאר לייד? אך, וואס פאר א דערנידע-רונג, ווען עס וואלט גאר מעגלעך געווען. ניין, איך קאן ניט פארשעלטן גאט, ווייל איך גלויב אין זיין אומשולדיקייט. איך טאר איצט ניט שטארבן פון מיין אייגענעם ווילן. איך מוז איבערטראגן מיינע יסורים און אויסנוצן זיי צו לייטערן מיין נשמה".

"און צו וואס זאלסטו זי לייטערן? וועט זי דען ניט אומקומען צוזאמען מיט דיין גוף?"

"ס'וואלט שווער געווען צו לעבן אפילו אין גליק", האט ער געענטפערט, "אן דעם גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה".

"האסט א טעות", זאגט דער שטן. "מען גלויבט אין דער אומשטערבלעכ-קייט פון דער נשמה, ניט ווייל מען וויל זי זאל וויטער לעבן, נאר ווייל מען באגערט א המשך פון אייגענעם לעבן אין אן אנדער געשטאלט".

"דאס איז דאך איינס און דאס זעלבע: מיין נשמה דאס בין איך".

"ניט אמת. דו ביסט ניט דיין נשמה, דו ביסט דיין זכרון. פאר דיר, דעם איצטיקן איוב, איז אלץ איינס, אויב דיין נשמה וועט אפשטארבן אדער זי וועט לעבן אין אן אנדער וועזן. דו ווייסט סיי ווי סיי וועגן דעם ניט וויסן, פונקט ווי דו ווייסט גארניט וועגן דיינע פריערדיקע גילגולים".

"האסט מיך איבערצייגט", זאגט איוב. "אויב אבער די אומשטערבלעכקייט פון מיין נשמה (אלזא איר פארפולקומונג אין די לעבנס פון אירע גלגולים) האט פאר מיר פערזענלעך ניט קיין באדייטונג, איז זי אבער וויכטיק פאר גאט. און דעריבער איז זי וויכטיק אויך פאר מיר, גאטס דינער".

אט אין אזעלכע ויכוחים געפירטע צווישן איובס זיפצן און אויסגעשריי-ען פון קוים דערטרעגלעכע ווייטיקן איז געפלאסן די צייט, ביז דער שטן האט געמוזט אנערקענען, אז איובס ליבע צו גאט קאן ניט געבראכן ווערן. ער האט מודה געווען, אז ער האט פארשפילט דעם געוועט, און גאט האט אין א קורצער צייט אויסגעהיילט איובס קראנקהייט. ער האט אים אויך שנעל צוריק רייך געמאכט און אים אומגעקערט דעם כבוד מצד זיינע שכנים, וועלכע האבן אים

געהאסט און פֿאראכטעט אין דער צײַט פֿון זײַן אומגליק. דעמאָלט האָט זיך דער שטן אנטפלעקט פֿאר איובן.

"איך", האָט ער געזאָגט, "די אלטע, פֿארוועלקטע פֿרוי, בין ניט דײַן ווײַב. איך בין דער שטן, וועלכער האָט אויסגענוצט די געשטאלט פֿון דײַן פֿארשטאָרבענער פֿרוי, כדי דיך צו העצן קעגן גאָט, אָבער אָן דערפֿאָלג. גאָט און ניט איך, האָט געוווּנען דעם געוועט. ער האָט דיך אויסגעפּרוווט און דו האָסט דעם פּרוּוו אויסגעהאלטן. נעם-זשע איצט דעם חלף, קלויב אויס א שעפּס, גיי אויפֿן מזבח-בארג און ברענג פֿאר גאָט א קרבן. און ווען דו וועסט זיך אומקערן אין געצעלט, וועסטו דאָ געפֿינען דײַן כלה, א יונגע פּראכטפֿולע פֿרוי; זי וועט דיר געבוירן נײַע צען קינדער. שטיי-זשע אויף, דו אויסדערווײַלטער, באליבטער פֿון גאָט! נעם די לוין פֿאר דײַן געטרײַשאפט!"

איוב איז געזיצן א פֿארשטיינערטער. "געוועט..." האָט ער געמורמלט, "אויספּרוּווּנג... לוין..." ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין טיפֿער פֿארקלערונג און ניט געזען ווי אין די אויגן פֿון דער אלטער פֿרוי - דעם שטן - האָבן אויפֿגעבליצט פֿונקען, און א שמייכל האָט אויסגעקרומט אירע פֿארוועלקטע ליפּן. ווען ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, איז ער געווען איינער אליין אין געצעלט.

ער איז אויפֿגעשטאנען, גענומען דעם חלף און אוועק אויפֿן מזבח-בארג. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צום לויטערן הימל און געזאָגט:

"פֿארלייקנט זאָל ווערן די געטרײַשאפט און אָפּגעווענדט איר לוין. מײַן ליבע צו דיר, גאָט, האָט מיך גענארט און דאָס לעבן האָט אָנגעווירן פֿאר מיר זײַן זין. הייליק זענען געווען מײַנע לײַדן, די לוין קאָן נאָר זייער הייליקײַט פֿארשווערן. ווען ווערעם האָבן געגעסן מײַן לײַב און איך האָב געזוכט א געניטנג שארף שערבל צו רײַבן מײַנע בײַסיקע ווונדן, או אײַטער געמישט מיט בלוט איז גערונען פֿון זיי און איך האָב געוויינט - האָב איך געוויינט פֿון רחמנות איבער דיר, וואָס דו מוזט אומבאהאָלפֿן צוזען די יסורים פֿון דײַן באליבטן דינער איוב, ביז דו וועסט אים קאָנען העלפֿן. אָבער דו האָסט מיך נאָר אויסגעפּרוווט. אין פּײַן האָב איך פֿאר דיר געלײַטערט מײַן נשמה. אָבער דו האָסט זיך מיט דײַן שונא נאָר געהאט געוועט איבער מיר. און איצט דארף איך דיר ברענגען א קרבן. טאָ אָט איז מײַן קרבן".

ער האָט טיף אריינגעשניטן דעם חלף אין זיין האלדז און איז געפאלן א טויטער אויף דער ערד". -

דער דערציילער איז אנטשוויגן געוואָרן. ער איז אויפגעשטאנען, האָט פארשפיליעט דעם מאנטל, אנגענומען די וואליזקע מיט דער לינקער האנט און די רעכטע אויסגעצויגן צו מיר. איך האָב זי מעכאניש א דרוק געטאָן, און, פארטראכט איבער זיין געשיכטע, כמעט ניט באמערקט ווי ער איז ארויס פון קאבינעט.

איך בין געבליבן זיצן ביים שרייבטיש, נאכפאלגנדיק אין מיין דמיון די לעצטע סצענעס פון דער דערציילונג: איובס לעצטן געשפרעך מיטן שטן, זיין אנטוישונג, זיין איינזאמען וועג אויפן מזבח-בארג, זיין פארצווייפלטן רוף צו גאָט, זיין קרבן...

און פלוצלינג! פלוצלינג האָט א שרעקלעכער געדאנק אויפגעבליצט אין מיין מוח. איך בין אויפגעשפרונגען, א קלונג געטאָן, און באלד האָבן זיך דערהערט האסטיקע טריט צו מיין קאבינעט; שלמה איז אריינגעקומען.

"שנעל!" האָב איך אויסגעשריען. "יאָגט אים נאָך! איך בין זיכער, אז ער האלט ביי זיך א מעסער. שנעל! דאָס מעסער! נעמט צו פון אים דאָס מעסער!!"

א פלאם האָט א זעץ געטאָן אין פנים פונעם וועכטער. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז ארויסגעלאָפן. כ'האָב דורכן פענצטער געזען, ווי ער שפרייזט אדורך דעם טויער, לויפט ארויף אויף די סטעזשקע וואָס פירט צום שאָסיי, און ער איז פארשוואונדן פון מיין בליק.

ער איז געלאָפן איבערן שאָסיי אין דער ריכטונג צום באנהויף. דער וועג האָט געפירט לעבן מארק. אָט דאָרט האָט ער געפונען דעם קראנקן, ס'איז שוין אָבער געווען צו שפעט.

דער פארשאָלטענער איוב איז געליגן אויף דער ערד מיטן קאָפ פארוואָרפן, פארזונקען אין שטויב, מיט אויגן ברייט צעעפנטע פארוסן צום הימל, און א העל-רויטער שטראָם האָט געשפריצט פון זיין האלדז. לעבן אים האָט זיך געוואלגערט א פארבלוטיקט מעסער מיטן אויסגעקריצטן צייכן פון שפיטאָל-מאגאזין.

ד"ר פֿארב

1

איבערגעבנדיק מײַנע מאטעריאלן בנוגע דעם פֿאל ד"ר פֿארב אין די הענט פֿונעם לייענער, קאָן איך לײַדער ניט אויסמײַדן אן הקדמה. ערשטנס, פֿארוואָס טו איך עס ערשט איצט, צוואָנציק יאָר נאָכן טויט פֿון זײַן פּאציענט? איז דער ענטפֿער: ווײַל איצט זענען שוין ד"ר פֿארב און דעם פּאציענטס פֿרוי אויך נישטאָ: זי איז אומגעקומען מיט פֿינף יאָר צוריק אין א פֿארקער-קאטאסטראָפֿע און ער איז געשטאָרבן פֿאראיאָרן. ניט געקוקט דערויף, וואָס אלע אָנטיילנעמער אין דער געשיכטע, דערונטער איך אליין, האָבן אין איר באקומען פֿיקטיווע נעמען, וואָלט מיר פֿון דעסטוועגן ניט אײַנגעגעבם געווען דער געדאנק, אז עמעצער פֿון זיי ביידן קאָן זיך אָנשטויסן אָן מײַן אנטפלעקונג פֿון זייער אינטימער באציונג.

אגב, וואָלטן אפֿשר די איינצלהײַטן, וועלכע מײַנע מאטעריאלן אנטהאלטן, ניט געווען פֿאר זיי אין גאנצן אָן געפֿאר אין אָנבליק פֿונעם פֿאקט, אז פֿרוי צימערמאן האָט זיך געפֿונען א געוויסע צײַט אונטער דער אויספֿארשונג אלס פארדעכטיקע אין האָבן גורם געווען איר מאנס טויט, און אויך ד"ר פֿארב איז געווען פארמישט אין דעם ענין. אמת, נאָך דעם ווי יורי צימערמאנס טויטער קערפער איז געוואָרן אונטערזוכט לויט דער פֿאראָרדענונג פֿון דער פּאָליציי, איז דער גאנצער פֿאל (אין וועלכן ד"ר פֿארב האָט, אגב, פֿיגורירט נאָר אלס עדות) געשלאָסן געוואָרן, ניט האָבנדיק אפֿילו דערגרייכט דאָס געריכט. אָבער שטיצנדיק זיך אויף דעם, וואָס מיר איז באקאנט אין דער זאך, דערלויב איך זיך צו האָבן אן עטוואָס אנדערע מיינונג ווי די פֿון דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי ענדלעך ביידן אָנערקענט פֿאר אומשולדיק.

יאָ, אומשולדיק און דעריבער באפֿרייט – אָבער נאָר דערפֿאר, ווײַל די פּאָליציי האָט ניט פֿארמאָגט קיין פֿאקטן, וועלכע וואָלטן מיט זיך פֿארגעשטעלט א גענוג פֿעסטן גרונט צו דערלאנגען א באשולדיקונג אין געריכט. די מעדיצינישע "פּאָסט-מאָרטעם" אונטערזוכונג האָט ניט באוויזן פֿעסטצושטעלן, אז עס האָט זיך געהאנדלט אין א געוואלד-טויט, זי האָט אָבער אויך ניט אויפֿגעוויזן, אז צימערמאנס טויט איז געווען א נאטירלעכער. צי וואָלט מײַן אינפֿאָרמאציע געקאָנט דינען אלס באווײַז פֿון די פֿארליבטעס שולד? ניט

זייענדיק קיין יוריסט, פֿיל איך זיך ניט באַפֿולמעכטיקט אַרויסצוזאָגן וועגן דעם מיין מיינונג. אָבער דאָס וואָס מיר איז געווען... באַוווּסט? אָ, ניין - וויל אין אַזאַ פֿאַל וואָלט מסתמא געווען מיין פֿליכט מיטצוטיילן מיינע מאַטעריאַלן דער פּאָליציי *באַצייטנס* - נאָר דאָס, וואָס איז מיר געווען פֿאַרדעכטיק, וואָלט אפֿשר געווען געגנוג, כדי אַנצופֿאַנגען קעגן זיי אַ געריכטלעכן פּראָצעס. איצט, צוואַנציק יאָר נאָך דעם טויט פֿונעם דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר יורי צימערמאַן קאָן איך - אָפּהיטנדיק דערביי מיין פּערזענלעכע זיכערקייט - אַנטפּלעקן מיינע מאַטעריאַלן אין דער פֿאָרם פֿון אַ ליטעראַרישער שאַפֿונג.

גוט; דאָס אַלץ איז אַן ענטפֿער אויף דער ערשטער פֿראַגע: פֿאַרוואָס פֿאַרעפֿנטלעך איך מיינע מאַטעריאַלן *ערשט איצט*. עס קאָן אָבער געשטעלט ווערן אַ צווייטע פֿראַגע: פֿאַרוואָס טו איך עס בכלל? איך טו עס, וויל מיין געשיכטע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אילוסטראַציע פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעך וויכטיקן פּראָבלעם: דאָס פּראָבלעם פֿון אַ מענטשנס מאָראַלער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זיינע ניט מאָראַלע פֿאַרלאַנגען...

די זאַך איז, אין קורצן, באַשטאַנען אין פֿאָלגנדעם: ד"ר פֿאַרב האָט געהאַט אין זיין באַהאַנדלונג אַ שווער קראַנקן פּאַציענט, וועמענס קראַנקייט האָט ענדלעך באַקומען דעם אָנבליק פֿון אַן אומהיילבאַרע, און דערביי איז ער געווען אינטים פֿאַרבונדן מיטן קראַנקנס פֿרוי. אין די געגעבענע אומשטענדן, וועגן וועלכע איך וועל דערציילן שפּעטער, האָט פֿרוי צימערמאַן ניט געקאָנט זיך דעצידירן אויף אַ גט און דעריבער האָט איר פֿאַראייניקונג מיטן יונגן דאָקטער געקאָנט פֿאָרקומען נאָר נאָך איר מאַנס טויט. די צוויי פֿאַרליבטע האָבן אַלזאָ געוואַרט אויף זיין טויט מיט אומגעדולד. בשעת אָבער די פֿרוי האָט געהאַלטן איר פֿאַרלאַנג פֿאַר פֿולקום באַרעכטיקט (וויל "מיט וואָס", האָט זי געפֿרעגט, "האָב איך עס פֿאַרדינט צו זיין צוגעבונדן, גאָט ווייסט אויף ווי לאַנג, צו אַ לעבעדיקן מת?"), האָט דער דאָקטער געליטן פֿון געוויסן-ביסן. ער האָט געוווּסט, אַז זיין פֿאַרלאַנג פֿון דעם פּאַציענטס טויט, ווי אַבסטראַקט ער זאָל ניט זיין, איז זינדיק.

זיכער, איז עס געווען אַן אַבסטראַקטער פֿאַרלאַנג. יעקב האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, כדי צו באַפֿרייען זיין באַוווּסטזיין פֿונעם פֿאַרעקשנטן באַגער און, פֿון דער צווייטער זייט, זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו העלפֿן דעם קראַנקן. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געענדערט זיין איבערצייגונג, אַז

דער מאטערנדיקער פֿארלאנג, פֿון וועלכן ער האָט אָן דערפֿאַלג געפּרוּווט זיך באַפֿרײַען, איז עברהדיק.

דאס באוווּסטזײַן פֿון זײַן שווערער מאָראלישער לאגע האָט אים ניט נאָר באַצווּנגען ער זאָל, נאָך דעם קראנקנס טויט, איבעררײַסן מיט זײַן געליבטער און אפילו זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן פּאָסטן אלס רעזידענט-דאָקטער פֿון דער נוירָאלאָגישער אָפּטיילונג אין אונדזער שפּיטאָל, נאָר אויך אין גאנצן אויפֿגעבן יעדע טעראפּעווטישע אקטיוויטעט אויף שטענדיק. נאָכן פֿאַרלאָזן אונדזער שפּיטאָל האָט ער זיך אָפּגעגעבן מעדיצינישער עקספּערימענטאלער ארבעט, אין וועלכער ער האָט זיך אָבער ספּעציעל ניט אויסגעצייכנט און פֿון איר צו קיין גרויסער פּראָפֿעסיאָנעלער צופֿרידנקײַט, ווי עס ווײַזט אויס, אויך ניט זוכה געווען. ווײַל טראָץ זײַן נייגונג צו אנאליטישער געדאנק-טעטיקײַט און צו שאפֿן אייגענע דרייסטע מעדיצינישע טעאָריעס (אין וועמענס וויסנשאפֿטלעכן ווערט איך האָב א געוויסע צײַט געגלויבט), איז ער פֿאַקטיש געווען א געבוירענער קליניציסט.

אגב, זײַן נייגונג צו טעאָרעטיזירונג האָט זיך אויסגעדרוקט ניט נאָר אין מעדעצין, נאָר אויך אין מוזיק - זײַן צווייטע לײַדנשאפֿט, ווי ער האָט זי באצייכנט אין זײַנע געשפּרעכן מיט מיר. ער האָט זיך ניט געוואקלט פֿאַרצושטעלן - ניט נאָר פֿאַר מיר, דעם איגנאָראנט אויפֿן געביט פֿון מוזיק, נאָר אויך פֿאַר זײַן פּאציענט צימערמאן, א פּראָפֿעסיאָנעלן מוזיקער - דרייסטע טעאָריעס, אפֿשר אָריגענעלע, אָבער לײַדנדיקע פֿון מאנגל אין מוזיקאָלאָגישער באגרינדונג. פֿון דעסטוועגן, ניט געקוקט אויף זײַן איבערפֿלעכלעכן וויסן סײַ אויפֿן געביט פֿון מוזיק און סײַ אין מעדיצין, קאָן איך זיך ניט באַפֿרײַען פֿון דעם אײַנדרוק (אפֿשר אויך אן אומבאגרינדעטן), אז ער האָט געהאט עפּעס אייגנס צו זאָגן אין ביידע תחומים.

איך האָב אים געקענט א ביסל ווינציקער ווי א יאָר. ער איז געקומען קיין ישראל, נאָך אן איין-יאָריקן סטאזש צו פֿאַרפֿולקומען זײַן מעדיצינישע אויסשולונג, אלס א 26-יעריקער בחור, אן עולה פֿון פּוילן. נאָכן אָנפֿאַנג פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָט ער אין דער עלטער פֿון זיבן יאָר צוזאמען מיט זײַן עלטערן ברודער געהאט פֿאַרלאָזט זײַן געבורט-לאנד אלס פּליט און זיך געווענדט קײַן רוסלאנד. דאָרט האָט ער זיך אויפֿגעצויגן אין א יתומים-הויז, געענדיקט א מיטל-שול און אנגעהויבן שטודירן מעדיצין. נאָך דער מלחמה

האט ער זיך צוריקגעקערט קיין פוילן, וווּ ער האָט פֿאַרענדיקט דעם מעדיצי-נישן פֿאַקולטעט.

אלס סטודענט פֿון די עלטערע יאָרן האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט גײַסטיקע און נערוון-קראַנקײַטן און באַשלאָסן צו ווערן א נוירָאלאָג-פּסיכי-אַטער. דעריבער האָט ער אָפּגעגעבן זעקס מאָנאַט פֿון זײַן אײן-יאָריקן סטאַזש דעם שטודיום פֿון נוירָאלאָגיע.

ער איז אָנגעקומען אין אונדזער אָפּטײלונג, ווען איר אָנפירער פּראָפֿ. איזאַקסאָן האָט צײַטווײַליק פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד. ער איז אלזאָ געוואָרן אויפֿגענומען צו דער ארבעט און ספּעציאַליזאַציע דורך דעם פּראָפֿעסאָרס אדיונקט און מײַן איצטיקע פרוי ד"ר עריקא וואַכזאַם. אויסער איר און א יונגער רע-זידענטין ד"ר קלאַרא קעשעט, וועלכע האָט פֿאַרלאָזט די אָפּטײלונג א זיבן חדשים נאָך פֿאַרבס אָנקום, האָט דאָרט געאַרבעט נאָך אײן דאָקטער - דער ערשטער אַסיסטענט ד"ר ראובן האַדאַס, ד.ה. איך אַלײן (איך חזר איבער: אַלע נעמען דאָ זענען פֿיקטיווע).

די באַציונגען צווישן דעם פּראָפֿעסאָרס אַדיונקט און דעם נײַ-אָנגעקו-מענעם יונגן דאָקטער האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿון סאַמען אָנהויב ניט איבעריק אײַנגענעם פֿאַר אָט דעם לעצטן. ערשטנס, האָט ער ניט געקענט קיין העברעיש און דעריבער גערעדט מיט איר דײַטש (מיט מיר האָט ער גערעדט איבערהויפּט רוסיש). אָבער אויך די שפּראַך האָט ער ניט גוט באַזיצט און זיך באַנוצט מיט א געמיש פֿון דײַטשמעריש און ריין יִדיש. זײַן אויפֿפֿירן, די דעמאָלט פֿינף און דרײַסיק-יעריקע פֿרײַלין, א דיקלעכע, מיט גרינלעכע אויגן און א קײַלעכיק געזיכט ארומגענומען מיט געלבלעכע האָר, איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד און זיך אויך דאָרט אויפֿגעצויגן. זי איז געווען און פֿאַרבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג אן אויסערלעך הארבע אין אירע באַציונגען מיט מענטשן און איר באַציונג צו פֿאַרבן איז געווען ספּעציעל קיל (זי האָט זיך באַדײַטנט פֿאַרבעסערט אין דער לעצטער פֿאַזע פֿון זײַן צוזאַמענאַרבעט מיט אונדז). דאָס האָט, פֿאַרשטײט זיך, געהאַט זײַן סיבה, אָבער זי איז געווען אן אנדערע ווי איך האָב לכתחילה געמײנט...

אין יענער צײַט, אינעם נאָך-מלחמהדיקן פעריאָד, האָט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד און אונטער זײַן אײַנפֿלוס אויך אין אנדערע סאָציאַליסטישע לענדער אין מזרח

אייראָפּע, געהערשט א קולט פאַר פּאוולאָווס טעאָריע וועגן די אזוי גערופענע "באדינגטע רעפלעקסן". ניט נאָר יונגע מעדיקער, וואָס האָבן נאָר-וואָס פאַרענ- דיקט דעם אוניווערסיטעט, נאָר אויך געניטע קליניציסטן, האָבן זיך אָפּט באנוצט מיט אָט דער געניאלער טעאָריע אויף א גרײַזיקן אופן, באמיענדיק זיך אָנצו-ווענדן די פאַר ליידן מעדיציניש פּראָבלעמען, צו וועלכע זי האָט קיין שום שײַכות ניט געהאט. אין די דאָזיקע לענדער אין יענער צײַט, ווען דאָס אָפּשטויסן א פּאוולאָוויסטישן ארגומענט אין א דיסקוסיע האָט אויסגעזען פּאָלי- טיש פאַרדעכטיק, איז דאָס באנוצן זיך מיט "פּאוולאָוויסטישער" פראזעאָלאָגיע געווען גענוג, כדי צו פאַרזיכערן זיך דערפאָלג. לײַדער האָט ד"ר פאַרב, שוין אין זײַן ערשטן געשפרעך מיט דער אקטועלער דירעקטאָרין פון אונדזער אָפּטײל- לונג, געפונען א געלעגנהײַט צו האלטן א קורצן פאָרטראָג וועגן באדינגטע רעפלעקסן, וועלכער האָט געקלונגען מער פילאָסאָפיש איידער וויסנשאַפטלער. ד"ר וואכזאם האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געפילט דעם איבערגעטריבענעם רעספעקט פאַר פּאוולאָוויזם, וועלכער האָט געהערשט אין די סאָציאליסטישע לענדער, ווו- מען האָט אים באטראכט ניט נאָר אלס א מעדיציניש טעאָריע, נאָר כמעט ווי אן אידעאָלאָגיע. זי האָט איבערגעריסן דעם עטוואָס כאאָטישן, כאָטש לײַדנשאַפטלעכן, ווערטער-שטראָם פון דעם יונגן מעדיקער מיט עטלעכע פראגן פון פּראקטיש- וויסנשאַפטלעכן כאראקטער, אויף וועלכע ער איז אומפעיק געווען צו ענטפערן. זי האָט אלזאָ פאַרטוישט איר פּאָזיציע פון א צווישנרעדנערין אויף א צוגאנג פון א לערערין, שארף קריטיקירנדיק דעם "רעפערענט" פאַר דאָס ארויסזאָגן פּסעוודאָ-וויסנשאַפטלעכע פעסטשטעלונגען. ער האָט באמיט זיך ווערן, אָבער זײַן צעקאליעטשעטע שפּראך האָט אים ניט געדינט...

ער האָט גרײַזיק אויסגעטײַטשט פאַר זיך אליין איר שאַרפקײַט אלס אן אויסדרוק פון קעגנערשאַפט צו פּאוולאָוויזם ווי צו א "באָלשעוויסטישער טעאָריע", טרייסטנדיק זיך דערמיט פאַר זײַן דורכפאַל. ער האָט אָבער שנעל פאַרשטאנען זײַן פעלער. ער האָט אלזאָ אָנערקענט - און דאָ דארף מען אים צו- טיילן גערעכטיקײַט - אז זײַן "פּאוולאָוויזם" איז געווען ניט מער ווי א שירעם פאַר מאנגל אין פּראָפעסיאָנעלע קענטעניש - א געוויינלעכע זאך פאַר א נאָר-וואָס ארויסגעלאָזטן דאָקטער, אָבער ניט אזוי לײַכט פאַרצײַבארער שטריך אין דער אויפפירונג פון א מעדיקער, וועלכער טרעט ארײַן אין א וויכוח מיט זײַן וועג-ווײַזערין און באנוצט זיך דערבײַ מיט פּרעטענציעזער פראזעאָ- לאָגיע.

ער האָט שנעל פֿארשטאנען, אז דעם פּראָפֿעסאָרס פֿארטרעטערין ווערט ניט ניתפעל פֿון זײַנע נייגונגען צו טעאָרעטיזירן און זי דערוואַרט פֿון אים ענדער א סאָלידע קענטעניש פֿון אנאטאָמיע און פֿיזיאָלאָגיע פֿונעם נערוון-סיסטעם, ווי אויך געוויסנדיקע ארבעט אין דער אָפּטיילונג, ארײַנגערעכנט זאָרגפֿול צוגעגרייטע קראנקן-געשיכטעס און גענויע אונטערזוכונגען פֿון די פאציענטן.

ער האָט באשלאָסן צו זײַן איר געהארכזאם און געארבעט ערלעך, כדי זי צופֿרידנשטעלן מיט זײַן פֿלײַס. איר שטרענגקײַט האָט אין אים דערוועקט דעם פֿארלאנג צו הערן פֿון איר א גוט וואָרט. אָבער ער איז געוואָרן אנטוישט. ער האָט זיך געריכט, אז זי וועט אים לויבן פֿאר א זאָרגפֿול אויסגעפֿילטן קרענק-רעקאָרד, פונקט אזוי ווי זי האָט אים געשטראָפֿט פֿאר ניט גענוג באגרינדעטע דיאגנאָזעס. אָבער זי האָט אנדערש געהאנדלט. ווען דער רעקאָרד איז באמת געווען אָנגעגרײַזיק - א זאך, וואָס האָט, אגב, ניט אָפֿט פאסירט - האָט זי דאָס באשטעטיגט מיט א לאקאָנישן "גוט" און זיך ווידער גענומען צום לייענען דאָס בוך אָדער די צײַטשריפֿט, וואָס איז געליגן פֿאר איר אויפֿן שרײַבטיש. ער האָט באקומען דעם אײַנדרוק - ווי ער האָט זיך פֿאר מיר ביטער באקלאָגט - אז זי איז דווקא צופֿרידן, ווען זי האָט א געלעגנהײַט אים "אָפּצושנײַדן" און איז בייז, ווען זי האָט ניט קיין גרונט דאָס צו טאָן.

איך האָב געפּרוּווט זיך פֿארזיכטיק ארײַנמישן. איך מוז דאָ באמערקן, אז מײַנע אייגענע באציונגען מיט איר ביז נאָענט צו אונדזער חתונה זענען גע-ווען גאנץ פֿארמעלע. ווי איז עס דאָך געקומען דערצו מיר זאָלן ווערן מאן און ווײַב - דאָס איז א פֿראגע, אויף וועלכע איך האָב ניט בדעה צו ענטפֿערן. איך מוז נאָר פֿעסטשטעלן, אז מײַנע באמיונגען עטוואָס צו דערלײַכטערן יעקבס פּאָזיציע אין אונדזער אָפּטיילונג זענען מיר ניט געלונגען. איך מיין, אז ד"ר וואכזאם האָט אים באמת ניט ליב געהאט - אלנפֿאלס ביזן לעצטן צײַט-אָפּשניט פֿון אונדזער צוזאמענארבעט מיט אים, ווען זי האָט אָנגעהויבן גלייבן (אפֿשר אויפֿן גרונד פון זײַן איבערגעגעבנקײַט צו זײַן פאציענט צימערמאן) אין זײַן אויפֿריכטיק-ערנסטער באציונג צו מעדיצין. אָבער פֿארוואָס האָט זי אים ניט ליב געהאט? צו איז דאָס געווען באמת פֿאראורזאכט דורך זײַן געדענ-קלעכן פאוולאָוויסטישן "אויפֿטריט"? איך צווייפל אין דעם. דער ניט געלונ-גענער אויפֿטריט זײַנער איז, סוף כל סוף, געווען ניט מער ווי אן עפּיזאָד אָן ספּעציעלע וויכטיקײַט. ניין, איך גלויב, אז איר אנטיפּאטיע צו אים האָט

געהאט א טיפֿערע סיבה. דאָס, וואָס האָט פֿאקטיש גורם געווען איר אנטאגאָניזם צו אים, איז געווען זיין ראָמאנטישער - איך וואָלט געזאָגט, אינטימער - צוגאנג צו מעדיצין, זיינע רייכע וויסנשאפֿטלעכע פֿאָרשטעלונגס-קראפֿט, וועלכע, כאָטש צייטנווייז פֿארפֿירעריש, וואָלט אים דערמעגלעכט צו אנטוויקלען אין זיך יענע ספעציפֿישע אינטואיציע, וועלכע איז אזוי כאראקטעריסטיש פֿאר גרויסע דאָקטוירים-פּראקטיקער.

אזא צוגאנג צו מעדיצין ווי יעקבס פֿלעגט ד"ר וואכזאם שפּאָטיש באצייכענען אלס "פּאָעטישן". פֿון דעסטוועגן, כאָטש איר באציונג צו דעם יונגן דאָקטער איז געווען אומפֿריינדלעך, איז דאָך ניט געווען אין איר קיין אכזריות, קיין סאדיסם. און דערפֿאר איז פֿארבס באציונג צו איר, אין א געוויסער מאָס א מאזאָכיסטישע, ניט געוואָרן אָפּגעענטפֿערט אזוי, ווי ער האָט עס אונטערבאוווּסטזיניק פֿארלאנגט - נאָך א סיבה פֿאר זיין אנטוישונג...

און אָט אין דעם זעלבן יאָר, א וועלכע אכט מאָנאט נאָך זיין אָנקום אין די נעוראָלאָגישע אָפּטיילונג - צו יענער צייט האָט ער שוין געהאט זיך אויסגעלערנט העברעיש - האָט אָנגעפֿאנגען ד"ר פֿארבס ראָמאן מיט זיין פּאציענטס ווייב, פֿרוי אָלגא צימערמאן ("די שיינע אומבאקאנטע", ווי ער פֿלעגט זי רופֿן אין זיין דמיון). אָבער איידער איך וועל צוטרעטן צו דער רעלאציע וועגן דעם דאָזיקן ראָמאן, דארף איך פֿריער קלאָר מאכן, פֿון וואנען זענען מיר באקאנט די אלע ענצלהייטן פֿון מיין געשיכטע.

2

די ענצלהייטן פֿון דער געשיכטע האָב איך קודם-כל געשעפּט פֿון דעם רע-זיגנאציע-בריוו, וועלכן ד"ר פֿארב האָט צו מיר געשריבן אין דער נאכט פֿון דעם אויפֿנעם, וועלכן מיר - ד"ר וואכזאם און איך - האָבן אראנזשירט לכבוד אונדזער ווערן חתן-כלה. דער בריוו איז באשטאנען פֿון צוויי טיילן: א לאקאָנישע פֿאָרמעלע באקאנטמאכונג וועגן דער רעזיגנאציע, אדרעסירט צו דעם אָנפֿירער פֿון דער נעוראָלאָגישער אָפּטיילונג, פּראָפֿ. איזאקסאָן, און אן אויפֿקלערונג פֿון די סיבה פֿון דער רעזיגנאציע, אדרעסירט צו מיר פּערזענלעך. די אויפֿקלערונג האָט געטראָגן אן אינטימען כאראקטער און באהאנדלט דאָס פּראָבלעם פֿון א מענטשנס מאָראלער פֿאראנטוואָרטלעכקייט פֿאר זיינע ניט מאָראלע פֿאר-לאנגען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט דער מחבר פֿונעם בריוו אנאליזירט זײַן פֿארלאנג פֿון טויט פֿון זײַן פאציענט. די דיסקוסיע איבערן פּראָבלעם האָט זיך געענדיקט מיטן אויספֿיר, אז די אָנערקענונג דורך דעם זינדיקן פֿון זײַן מאָראלער פֿאראנטוואָרטלעכקײַט דארף געפֿינען איר אויסדרוק אין אליין-באשטראָפֿונג. אין דעם געגעבענעם פֿאל איז די שטראָף געווען דרײַפֿאכיק: פֿארב האָט באשלאָסן איבערצורײַסן מיט זײַן געליבטער, אָפּזאָגן זיך פֿונעם פֿארנומענעם פּאָסטן אין אונדזער שפּיטאָל און אויפֿגעבן אויף שטענדיק א וועלכע עס זאָל ניט זײַן היילערישע טעטיקײַט.

אזוי־ארום איז פֿארבס בריוו בנוגע זײַן אָנערקענונג פֿון זײַן מאָראלער פֿאראנטוואָרטלעכקײַט פֿאר דעם ניט מאָראלן באגער געווען אין גאנצן קלאָר. אין אָנבאלאנג אָבער צו דעם מעגלעכן *קרימינעלן* אספּעקט פֿונעם פאציענטס טויט, ד.ה. די מעגלעכע יורידישע פֿאראנטוואָרטלעכקײַט פֿאר אים מצד דעם קראנקנס ווײַב, זײַן דאָקטער, אדער זיי ביידן, זענען די אינפֿאָרמאציעס אינעם בריוו געווען קארגע און פֿארנעפּלטע. אין שײַכות דערמיט זענען דאָס ענדער געווען אלוזיעס איידער פֿעסטשטעלונגען. דער אונטערשייד צווישן די צוויי טיילן פֿונעם בריוו איז וויכטיק,נעמענדיק אין באטראכט, אז ד"ר פֿארב האָט זיך געפֿונען אין דעם פאציענטס ווױנונג און אפֿילו אין זײַן פּער-זענלעכער באָענטקײַט כמעט ביז זײַן טויט. דערמיט וויל איך ניט געבן צו פֿארשטיין, אז יעקבס בריוו צו מיר איז געווען בכיוונדיק אומקלאָר אין אָנבאלאנג צו דעם מעגלעך קרימינעלן אספּעקט פֿון זײַן עבירה. עס איז גאנץ מעגלעך, אז אין דער פֿארהעלטעניש איז ער געווען אומקלאָר לגבי זיך אליין. איך האָב אים געזען אין אָוונט פֿון אונדזער אויפֿנעם קורץ פֿאר זײַן אומקערן זיך אהיים, כדי צו שרײַבן דעם רעזיגנאציע-בריוו און דעם "אויפֿקלערונגס"-בריוו. זײַן אויפֿפֿירונג האָט אויסגעדרוקט א צושטאנד פֿון אויסערגעוויינ-לעכער שפּאנונג, וועלכע האָט אפֿילו געקאָנט, אין א געוויסער מאָס, פֿארנעפּלען זײַן באוווסטזײַן.

יאָ, מיר האָבן נאָך באוויזן (ניט אזוי פֿיל איך, ווי מײַן כלה, ד"ר וואכזאם) גורם צו זײַן ער זאָל זיך באטייליקן אין אונדזער שימחה - כאָטש ניט מער ווי במשך פֿון עטלעכע מינוט - ווען ער איז אומדערוואַרט אָנגעקומען אין די שפּיטאָל-געביידע. זײַן אָנקום איז געווען אומדערוואַרט, ווײַל אין יענער נאכט האָט דער דעזשור געהערט ניט צו אים נאָר צו איינעם פֿון די צוויי בײַ אנגאזשירטע סטאזשיסטן, בשעת ער אליין האָט געזאָלט אויספֿילן דעם

דערזשור די פֿאָלגנדיקע נאַכט. אין אָט דעם - לעצטן - פּעריאָד פֿון זײַן אַרבעט אין שפּיטאָל איז ער באַפֿרײַט געװוען פֿון אַלע פֿליכטן אין דער נעוראָלאָגישער אָפּטײלונג אויסער נאַכט-דינסט צוויי מאָל א וואָך. זײַן גאַנצע אַרבעט-צײַט האָט ער פֿאַרבראַכט מיטן פּראָפֿ. צימערמאַן אין זײַער וויכטיקע נאָך דעם ווי דער פּאַציענט איז געוואָרן אויסגעשריבן פֿון אונדזער אָפּטײלונג. ד"ר וואַכ-זאַם האָט אים געהאַט באַשטימט צו אָבסערווירן דעם קראַנקנס צושטאַנד און געבן אים מעדיצינישע הילף בײַ אים אין שטוב. נישט די צימערמאַנס, נישט ד"ר פֿאַרב אין זײַן פּריוואַטער וווינונג האָבן געהאַט א טעלעפֿאָנישן אַפּאַראַט - א ניט זעלטענע דערשײַנונג אין ישראל אין די פֿופֿציקער יאָרן; מיר האָבן אַלזאָ ניט באַוויזן אים צו אינפֿאָרמירן וועגן דאָס איבעררוקן אונדזער געפּלאַנטן אויפֿנעם מיט א טאָג פֿריער אין צוזאַמענהאַנג מיט פּראָפֿעסאָר איזאַקסאָנס צוריק-קער פֿון אויסלאַנד. אגב, לויטן ווילן פֿון מײַן כּלה האָט קיינער פֿון די אײַנגעלאַדענע געסט ניט געזאָלט וויסן וועגן דעם אויפֿנעם ביזן אָוונט ווען ער האָט געזאָלט פֿאָרקומען, כּדי ניט האָבן די מעגלעכקײַט צו קויפֿן אונדז מתּנות.

אַזוי אַרום האָט יעקב געהאַט די געלעגנהײַט צו באַקענען זיך מיטן אָנפֿי-רער פֿון אונדזער אָפּטײלונג. פֿאַרוואָס אַלזאָ, פֿרעגט זיך, האָט ער איבערגע-געבן זײַן רעזיגנאַציע-בריוו צו מאָרגנס נאָכן טויט פֿון זײַן פּאַציענט ניט פּערזענלעך פּראָפֿ. איזאַקסאָנען און ניט זײַן הויפּט-געהילף ד"ר וואַכזאַם, נאָר דווקא מיר? סוף כּל סוף בין איך דאָך נאָר געווען זײַן אַרבעטס-חבר - עלטער פֿון אים און מיט א לענגערן פּראָפֿעסיאָנעלן סטאַזש, אָבער נאָר א חבר, ניט א פֿאָרמעל העכערער איבער אים. איך מיין, אַז ער האָט עס געטאָן, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט, אַז זײַן רעזיגנאַציע און איר באַגרינדונג זאָלן אָנקומען צו צוויי פֿאַרשידענע פּערזאָנען. איבערגעבנדיק זיי ביידע מיר האָט ער מיך שווײַגנדיק באַפֿולמעכטיקט צו טאָן מיט זיי לויט מײַן אייגענעם אײַנזען: דערלאַנגען זיי פּראָפֿ. איזאַקסאָנען (וועלכער וואָלט זיי זיכער גלײַך איבער-געשיקט צו דער פּאָליציי צוליבן אינהאַלט פֿונעם בריוו מיט דער "באַגרינ-דונג"), אָדער געבן אים נאָר די רעזיגנאַציע, האַלטנדיק די "באַגרינדונג" פֿאַר זיך. אַזוי אַרום האָט ער געוואָלט לײַכטער מאַכן זײַן געוויסן, איבערלאָזנדיק פֿאַר מיר צו דעצידירן: טראָגט ער נאָר א מאָראַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר פֿאַרלאַנגען זײַן קראַנקנס טויט? אָדער אויך א יורידישע שולד פֿאַר האָבן זײַן טויט טיילווײַז גורם געווען?

דעריבער האלט איך פֿאַרבס ברירו צו מיר ניט פשוט פֿאַר א באַגריבדרונג פֿון זײַן באשלוס אָפּצוזאָגן זיך פֿונעם פּאָסטן, נאָר פֿאַר א וידוי. און מתוודה זײַן זיך - פֿון צווישן די דרײַ פּערזאָנען: פּראָפּ. איזאַקסאָן, ד"ר וואַכזאַם און איך - האָט ער געקאָנט נאָר פֿאַר מיר.

*

דעם פּראָפֿעסאָר איזאַקסאָן האָט ער אייגנטלעך ניט געקענט. און ד"ר וואַכזאַם, וועלכע ער האָט יאָ געהאַט די מעגלעכקײַט צו דערקענען נענטער, האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט מאַכן פֿאַר זײַן פֿאַרטרויטער.

איך קענגזאָץ צו די ביז ניט לאַנג אָנגעשטרענגטע, אָבער אויך נאָך זייער פֿאַרבעסערונג ניט מער ווי פֿאָרמעלע, באַציונגען צווישן דער אַדיונקטין און דעם יונגן אַסיסטענט, איז דאָס צוזאַמענלעבן צווישן אים און מיר געווען אויסגעשפּראָכן גוט פֿון סאַמען אָנהויב. עס האָט זיך באַזירט אויף האַרמאָנישער פּראָפֿעסיאָנעלער צוזאַמענאַרבעט און געמיינזאַמע וויסנשאַפֿטלעכע אינטערעסן, א קאָלעגיאַליטעט וואָס האָט זיך שנעל פֿאַרוואַנדלט אין א פֿרײַנדשאַפֿט. איך בין אים מוחל געווען זײַן איבערגעטריבענע אַליין-זיכערקײַט, וועלכע האָט זיך אויסגעדרוקט אין צומאָל צו האַסטיק געשטעלטע דיאַגנאָזן און אויך אין זײַן ניט שטענדיק אָפּגעהיטער העפֿלעכקײַט לגבי די פּאַציענטן. מײַן סימפּאַטיע פֿאַר אים האָט געשטאַמט פֿון מײַן הויך אָפּשאַצן גראָד יענע כאַראַקטער-שטריכן זײַנע, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן ד"ר וואַכזאַמס אַנטיפּאַטיע: זײַן אינטעלעקטועלן אומרו, די שעפּערישע אַקטיוויטעט פֿון זײַן געדאַנקענלויף, און מער פֿון אַלץ זײַן התלהבותדיקן, עטוואָס קינדערישן, נאָר פֿאַר מיר ליבלעכן צוגאַנג צו מע-דיצין. זײַן לעבהאַפֿטער אינטערעס פֿאַר טעאָרעטישע פּראָבלעמען און זײַן רײַכע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרשטעלונגס-קראַפֿט האָבן מיך פֿאַסצינירט אַפֿשר דערפֿאַר, ווײַל איך האָב זיך אַמאָל אַליין איבערגעגעבן וויסנשאַפֿטלעכע חלומות - א לײַדנ-שאַפֿט, פֿון וועלכער איך האָב זיך "אויסגעהיילט", ווערנדיק א ניכטערער פֿאַכמאַן... איך מוז אָבער מודה זײַן, אַז ער האָט מיך אַנטוישט: זײַן ריין טעאָרעטישע, עקספּערימענטעלע טעטיקײַט, וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן נאָכן פֿאַרלאָזן אונדזער שפּיטאָל, האָט ניט באַשטעטיקט די האָפֿענונגען, וועלכע איך האָב אויף אים געלייגט. איך בין איבערצײַגט, אַז ער וואָלט געקאָנט זײַן א פּראָמינענטער קליניציסט, ער איז אָבער ניט געווען קיין באַגאַבטער פֿאָרשער. ער האָט זיך שטענדיק געגוויטיקט אין א שנעלער פּראַקטישער אָנווענדונג פֿון עקספּערימענטעלע דערגרייכונגען. ער האָט עס, מיין איך, אַליין ניט געוווּסט

און דעריבער דערלויבט זיך צו מאכן לאנגע געדאנקלעכע עקסקורסיעס אויפֿן געביט פֿון טעאָרעטישער מעדיצין, וועלכע זענען, אין זיך אליין, געווען צו־מאָל גאנץ אינטערעסאנט. במשך פֿון אונדזער בשותפֿותדיקער ארבעט פֿלעגט מיר אויסקומען צו הערן פֿון אים היפּאָטעזן, וועלכע האָבן געקלונגען וויסנשאפֿט־לעך איבערצײַגנדיק.

אזא איז, צום בײַשפּיל, געווען זײַן היפּאָטעזע וועגן דעם צוזאמענ־האנג צווישן געוויסע גײַסטיקע און נערוון־קראנקײַטן. ער האָט געהאלטן, אז א גײַסטיקע שטערונג שטעלט מיט זיך אָפּט פֿאָר א ביאָלאָגישן שירעם קעגן א גע־פֿערלעכן צוזאמענשטויס צווישן צוויי פֿונקציאָנעל קעגנזײַטיקע נערוון־סיסטעמען. דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר אין אזעלכע פֿאלן, דערמאָנט א קורצשלוס וואָס צעשיידט צוויי פֿארשידן אָנגעלאָדענע עלעקטרישע דראָטן, פֿארמײַדנדיק דערמיט דאָס צעשטערן פֿון דער גאנצער אײַנריכטונג. דאָס הייסט, אז די אזוי גערופֿענע משוגעת קאָן אמאָל פֿארקומען אנשטאָט א בלוט־אויסגוס אין מוח מיט א באלדיקער לעמונג און נאָכפֿאָלגנדיקן טויט. אנדערש גערעדט, דארף א גײַס־טיקע קראנקײַט - פֿון ביאָלאָגישן שטאנדפּונקט - באטראכט ווערן ענדער אלס א ברכה איידער אן אומגליק. אין גאנצן אנדערש זעט אָבער די זאך אויס, אויב מיר קוקן אויף מענטשן ניט ווי אויף ביאָלאָגישע איינהײַטן, נאָר ווי אויף מיטגלידער פֿון דער געזעלשאפֿט. פֿון דעם שטאנדפּונקט וואָלט אפֿשר בעסער גע־ווען פֿאר דעם קראנקן צו ווערן געלעמט, אָדער אפֿילו שטארבן, איידער שלעפּן א געקלאָגטע עקסיסטענץ אין א משוגעים־הויז. -

איך האָב זיך צוגעהערט מיט א שמייכל פֿון צופֿרידנקײַט צו די ווערטער פֿונעם יונגן מעדיקער. זײַן ענטוזיאזם איז פֿאר מיר געווען ניט ווייניקער וויכטיק ווי די רעאליטעט פֿון זײַנע וויסנשאפֿטלעכע השערות. "גאָט!" האָב איך געטראכט, "האָבן מיר דען ווירקלעך אזוי פֿיל דענקנדיקע יונגע מעדיקער, אז מיר זאָלן גרינגשעצן זייערע טעאָרעטישע אײַנפֿאלן? צי האָבן מיר דאָס מאָראלע רעכט אראָפּצורײַסן, ווי דאָס טוט ד"ר וואכזאם, די וויסנשאפֿטלעכע התלהבות פֿון אן אָנפֿאנגנדיקן דאָקטער, אויב זײַנע אײַנפֿאלן קלינגען אפֿילו צומאָל פֿאנטאסטיש? יעקב איז נאָך יונג, ער האָט נאָך צײַט צו ווערן געזעצט, אליין־קריטיש. אגב, אויך גרײַזיקע קאָנצעפּציעס פֿירן אמאָל צו פּאָזיטיווע רעזולטאטן. קאָלומבוס האָט אנטדעקט אמעריקע דורך א טעות; און אזעלכע בײַ־שפּילן זענען פֿאראן א סך".

אזוי האָב איך גערעדט הויפּטזעכלעך צו זיך אליין, זעלטן צו ד״ר וואַק-זאַם. ווײַל איין מאָל, ווען איך האָב אָנגעפאַנגען מיט איר א געשפּרעך וועגן אונדזער יונגן רעזידענט און זײַן וויסנשאַפטלעכער התלהבות, האָט זי מיר איבערגעריסן מיט אן אומגעריכטן ארגומענט, וועלכן ס׳איז שווער געווען אָפּצושטויסן.

״יאָ!״ האָט זי געזאָגט. ״איך האק אים אָפּ די פליגל און וועל דאָס ווײַ-טער טאָן. דו פאַרגעסט, דאַכט זיך, אז מיר זענען אלע דרײַ פּראקטישע ארבעטער וואָס קעמפן פאַרן געזונט פון מענטשן. אין אונדזער פאַל גייט עס ניט וועגן וועלן געפינען א נײַעם וועג צו עפּעס א לאַנד און אנשטאָט דעם אנטדעקן א נײַעם קאָנטינענט, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט קאָלומבוסן. אונדז איז פאַרבאָטן ארײַנצולאָזן זיך אין טעאָרעטישע טרוימערײַ מיט דער איבערצײַגונג, אז אין דער וויסנשאַפט קאָן אמאָל אויך א גרײַז ברענגען נוצלעכע פרוכט. פאַר אונדזערס א גרײַז קאָן א מענטש באַצאָלן מיט זײַן געזונט אָדער אפילו לעבן. פאַרשטאַנען?״

איך האָב פאַרשטאַנען. איר גרינגשאַצן טעאָרעטישע מעדיטאַציעס איז געווען א פועל-יוצא פון איר איבערגעגעבנקײַט דער פליכט פון א היילנדיקן דאָקטער. זי האָט געהיילט מענטשן — דאָס איז געווען איר לײַדנשאַפט, איר רו־קער, פאַרעקשנטער אייפער. פלײַס, געדולד און אָפּגעהיטקײַט, מיט וועלכע עס ווערט דערגרייכט דערפאָלג אינעם תחום פון פּראקטישער מעדיצין, זענען פאַר איר וויכטיקער ווי אינטערעסאַנטע היפּאָטעזן. אגב, ס׳איז ניט לײַכט מיט איר צו דיסקוטירן. זי האָט פײַנט דיסקוסיעס. איך מיין ניט באַראַטונגען וועגן א פּראקטישן מעדיצינישן ענין, ווי א דיאגנאָז אָדער א היילונגס-מעטאָד. פאַר-קערט, אין אזא מיינונגס-אויסטויש באַטייליקט זי זיך גערן, ארויסווײַזנדיק דערבײַ אָביעקטיווקײַט און אויפריכטיקן ווילן געהעריק צו פאַרשטיין די ארגומענטאַציע פונעם צווישנרעדנער. אָבער אבסטראַקטע דיסקוסיעס מיט פילאָ-סאָפישע אויסקלאַנגען, היפּאָטעזן וואָס פאַרמאָגן אפשר אן אלגעמיין-וויסנ-שאַפטלעכן ווערט, אָבער זענען ניט נוצבאַר בנוגע פּאַציענטן אָן דעם לײַכסטן אָפּנויג פון מעדיצינישער עטיק — אָט אזעלכע ויכוחים קאָן זי פּשוט ניט פאַר-טראָגן, און זײַענדיק ארײַנגעצויגן אין זיי אָן איר ווילן, האקט זי זיי איבער בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט.

"גוט", האָב איך אבומלט געזאָגט, אָנבינדנדיק צו א פֿריערדיקן געשפּרעך מיט איר. "דו באטראכסט פּלײַס און זאָרג מצד דעם דאָקטער אלס וויכטיקערע פֿון דרייסטע היפּאָטעזן; דעריבער פֿאַראורטיילסטו עקספּערימענטן אויף מענטשן, אפֿילו דורכגעפֿירטע מיט זייער פֿולער הסכמה. פֿון דער צווייטער זײַט ווייסטו דאָך אבער זייער גוט, אז דאָס אויספּרוּוון פֿון געוויסע נײַע היילונגס-מיטלען אויף פּאציענטן איז אומפֿאַרמײַדלעך פֿארן פּראָגרעס פֿון דער וויסנשאַפֿט און דעריבער עטיש בארעכטיקט; טאָ פֿארוואָס-זשע..."

איך האָב איבערגעריסן, דערשטוינט פֿון דער פּלוצעמדיקער פֿארענדערונג אין איר אויסזען. אירע גרינלעכע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפֿנט, זי האָט פֿארפּרעסט די ליפּן און בלייך געוואָרן.

"ס'איז נישט אמת", האָט זי געזאָגט. "ס'איז ניט אמת, אז איך ווייס כלומרשט וועגן עקספּערימענטן וואָס זייער אויספֿירונג אויף מענטשן, מיט אָדער אָן זייער הסכמה, איז בארעכטיקט ווײַל זיי דינען דעם פּראָגרעס אדער עפּעס אנדערש. דאָס, וואָס דו זאָגסט איז פֿארברעכן", האָט זי פֿארענדיקט דעם געשפּרעך און זיך דערווײַטערט פֿון מיר.

אָט אזא - א שטרענגע אין אירע פּרינציפּן - איז געווען און פֿארבליבן ביז הײַנט מײַן ארבעטס-חברטע און ווײַב ד"ר עריקא וואכזאם. איר אנט-שלאָסנקײַט אין אָפּהיטן היילערישע עטיק האָט ניט אָנערקענט קיין פּשרות און ניט איבערגעלאָזט קיין אָרט פֿאר ליבעראליזם. עס וואָלט געווען אבסורדאל זיך פֿאָרשטעלן, אז פֿארב זאָל זיך ווענדן צו איר מיט זײַן מאָראלן פּראָבלעם.

3

אלזאָ דער הויבט-קוואל פֿון מײַן געשיכטע איז געווען פֿארבס בריוו צו מיר. אויסער דעם אָבער האָב איך נאָך געהאט אנדערע מקורות פֿון אינפֿאָרמאציע. כ'האָב געהאט די געלעגנהײַט צו אָבסערווירן זיי אלע דרײַ - דעם דיריגענט יורי צימערמאן, זײַן פֿרוי אָלגא און זײַן היילער ד"ר פֿארב, ווען דער קראנקער האָט זיך געפֿונען אין אונדזער אָפּטיילונג במשך פֿון צוויי חדשים. מײַנע אָבסערוואציעס האָבן מיך איבערצײַגט, אז פֿרוי צימערמאן האָט אויסגע-פֿירט איבערן יונגן מעדיקער א פֿײַן שטיקל פֿארפֿירערישע ארבעט. איך ציל איז געווען ארײַנצובאקומען אים אין איר פֿרויען-נעץ.

איך האָב שוין פֿון לאַנג באַמערקט, אַז ווען אַ פֿרוי פֿאַרפֿירט אַ מאַן (איך מיין דאָ ניט די כסדרדיקע קאָקעטעריע, מיט וועלכער די מערהייט פֿרויען פֿאַרנעמען זיך האַלב-וויסיק אָן אַ קלאָרן ציל אין הסכּם מיט זייער ביאָלאָגישער ראָל, נאָר די אויספֿירונג פֿון אַ פֿרוי, וואָס צילט אַרײַנצוציען אָן אָפּגעקלייבענעם מאַן אין אַ ליבע-שפּיל), טוט זי עס אויף אַן אופֿן וואָס איז פֿאַרהוילט נאָר פֿאַרן "קרבן" אַליין, און זי איז אַ סך וויי ניקער אָפּגעהיטן בנוגע זײַטיקע אָבסערוואַטאָרן. די לעצטע, אויב זיי קוקן זיך נאָר אויפֿמערקזאַם צו, קאָנען לײַכט באַמערקן איר טאַקטיק: ווי זי פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס אַזוי אַז זי באַווײַזט אַ רייצנדן אויסשניט פֿון דער אָפּגעדעקטער היפֿט; ווי זי שיקט דעם אויסדערוויילטן לאַנגע, צוזאָגנדיקע בליקן, אאַז"וו. דער פֿרוי צימערמאַנס טאַקטיק אָנגעווענדט צו פֿאַרפֿירן אונדזער יונגן קאָלעגע איז אויך ניט אַנטרונען פֿון מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. איך האָב קלאָר באַמערקט ווי ווייך עס ווערט איר קול יעדעס מאָל ווען זי ווענדט זיך צו אים אין דער בײַזײַנקייט פֿון אַנדערע מיטגלידער פֿונעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל, וועלכע זענען געזיצן בײַ דער זײַט פֿון איר מאַנס בעט. בײַהעלפֿנדיק זײַן אָפּגעשוואַכטן זכּרון צו ליווערן אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם פֿאַרלויף פֿון זײַן קראַנקײַט, האָט זי זיך געווענדט נאָר צו יעקבן. זי האָט עס אַפֿילו געטאָן ענטפֿערנדיק אויף אַ פֿראַגע פֿון אַן אַנדערן דאָקטער, אַזוי ווי לויט איר מיינונג וואָלט דווקא דער יונגסטער צווישן אונדז אַלע, דער רעזידענט, געוועזן דער וויכטיקסטער - וויכטיקער פֿון מיר, ד"ר וואַכס און אַפֿילו פּראָפֿ. בראַוער, דעם אָנפֿירער פֿון דער נוירא-כירורגישער אָפּטיילונג, וועלכער איז געווען פֿאַרבעטן צו דעם פּאַציענט פֿאַר אַ באַראַטונג. הערנדיק אירע ווענדונגען צו אים אַליין, האָט זיך ד"ר פֿאַרב געריוטלט, און אין פֿאַרלעגנהייט אָנגעוויזן אויף די אַנדערע דאָקטוירים. די פֿרוי צימערמאַן האָט זיך אַלזאָ געווענדט צו איינעם פֿון אונדז; אָבער נאָך אַ קורצער ווײַלע, אַזוי ווי פֿאַרגעסנדיק זיך, האָט זי שוין ווידער גערעדט נאָר צו אים. און אויב זי האָט זיך אַזוי פֿאַרהאַלטן פֿאַר די אויגן פֿון אַנדערע פּערזאָנען, טאָ קאָן מען זיך דאָך שוין פֿאָרשטעלן וויפֿל זיסע, פֿאַרפֿירערישע אונטערטעניקײַט און פֿאַרערונג האָט זי אים אַרויסגעוויזן ווען קיינער איז דערבײַ ניט געווען. זי האָט זיך זיכער אויפֿגעפֿירט אויף אַזאַ חניפֿהדיקן שטייגער אויך דעמאָלט, ווען, אויספֿילנדיק איר "אומדרייסטע" בקשה, האָט ער אונטערזוכט זי אַליין הינטער דער פֿאַרשלאָסענער טיר פֿון דעם דאָקטוירים-צימער אין אונדזער אָפּטיילונג...

איר פֿרויערישע סטראַטעגיע האָט אָן צווייפֿל געמאַכט אַן אײַנדרוק אויפֿן נאַיִוון בחור, באַזונדערס - דער רעספּעקט, וועלכן זי האָט אים אַזוי בולט אַרויסגעוויזן און וועלכער האָט קאָנטראַסטירט מיט דער שטרענגקײַט פֿון זײַן פֿאַכמענערישער אויפֿזעערין ד"ר וואַכזאַם. די באַציִונג פֿון אָט דער לעצטער צו אים, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט עטוואָס פֿאַרבעסערט, האָט זיך ווידער פֿאַרשאַרפֿט צוליב זײַן נאָכלעסיקער אונטערזוכונג און גרײַזיקן דיאַגנאָז פֿון יורי צימערמאַן. צי איז דאָס געווען בלויז אַ צופֿאַל, אַז ס'האָט זיך אין דעם פֿאַל געהאַנדלט גראַד אין דעם פּאַציענט, וועמענס ווײַב האָט יעקבן געזאָלט "קאָמפּענסירן" מיט איר אויפֿפֿירונג פֿאַר דער האַרבקײַט פֿון דער אַנדערער?... איך מיין, אַז עס איז ניט געווען צופֿעליק. -

אַלזאָ יעקבס בריוו, מײַנע פֿילצאָליקע געשפּרעכן מיט אים - מעדיצינישע, מוזיקאָלאָגישע, פֿילאָסאָפֿישע, אָבער אויך פּערזענלעך-אינטימע - און דערבײַ מײַנע אָבסערוואַציעס פֿון פֿרוי אָלגאַ צימערמאַנס האַלטונג לגבי אים, האָבן מיך באַזאָרגט מיט מאַטעריאַל פֿאַר מײַן געשיכטע. איך קאָן אָבער ניט פֿאַרלייקענען, אַז שרײַבנדיק זי האָב איך זיך אויך באַנוצט מיט מײַן אייגענער אימאַגינאַציע און מיט מײַנע באַשיידענע קענטענישן אין תחום פֿון פּסיכאָלאָגיע, וועלכע איך באַזיץ אַלס נוראָלאָג. איך האָב דאָס געמוזט טאָן, כדי צונויפֿצושטעלן אַ גאַנצקײַט פֿון די פֿראַגמענטן אָנגעזאַמלט דורך מײַנע אויגן און אויערן. איך וואָלט אָנגערופֿן די דערציילונג "די שיינע אומבאַקאַנטע" (ווײַל אַזוי האָט פֿאַרב אַליין באַצייכנט דאָס דאָזיקע פֿרויענצימער), ווען ניט דאָס, וואָס אָט דער טיטל קלינגט אַ ביסל צו שרײַעריש. דער אָפּשטאַם אָבער פֿון דער דאָזיקער באַצייכענונג זעט מיר אויס גענוג אינטערעסאַנט, כדי אים צוטיילן עטלעכע ווערטער.

ס'איז עפּעס געווען אין פֿאַרבס באַציִונג צו אָלגאַ צימערמאַן - אַ באַציִונג, וועלכע האָט אָנגעפֿאַנגען נאָך פֿאַר זײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט איר - וואָס דערמאָנט מיר מײַנע אייגענע דערפֿאַרונגען מיט פֿרויען. אויך מיט מיר האָט פּאַסירט עטלעכע מאָל אין לעבן צו האָבן אַ געוויסן אינערלעכן צוגאַנג צו אַ פֿרוי, וועלכע איך האָב נאָר געקענט פֿון זען. פֿאַר דער אויספֿאָרמירונג פֿון מײַן באַציִונג צו איר איז גענוג געווען דאָס אויפֿכאַפּן אירס אַ צופֿעליקן בליק, אַ דערמאָנונג פֿון איר שמייכל (אפֿשר גאָר ניט געווענדט צו מיר), איר פֿאַרנעפּלטער סילועט געזען ערגעץ-ווו אין בין השמשות... דאָס זעלבע האָט פּאַסירט

מיט יעקבן. ווען ער האָט זי פּלוצלינג דערזען לעבן דעם ארײַנגאנג אין שפּיטאָל קורץ פֿאר זייער שליסן פֿאָרמעלע באקאנטשאפֿט, האָט ער שוין געהאט געגעבן איר יענעם נאָמען "די שיינע אומבאקאנטע".

אינעם מאָמענט פֿון אָט דער אומגעריכטער באגעגענונג איז ער ניט געווען פֿעיק צו דערמאָנען זיך וו.ה. האָט ער זי פֿריער געזען: ער האָט זיך געפֿונען אין דעם מאָמענט אין א צושטאנד פֿון אָנגעשטרענגטקייט און איררי טאציע נאָך אן עקסטרעם אומאײַנגענעמען געשפּרעך מיט דעם פּראָפֿעסאָרס פֿארטרעטערין. איך מיין אָבער, אז דאָס האָט געמוזט פֿאָרקומען אינעם בשותּפֿותדיקן גאָרטן פֿון אונדזער שפּיטאָל און דער אזוי גערופֿענער פּסיכאָלאָגישער קליניק.

יורי צימערמאן איז געשיקט געוואָרן אין יענע קליניק דורך זײַן פֿא-מיליע-דאָקטער פֿאר זײַן אָנקום אין אונדזער אָפּטיילונג. פֿרוי צימערמאן פֿלעגט זיצן אויף א באנק בײַם אנדערן עק פֿונעם גאָרטן, ווארטנדיק אויף איר מאן בעת זײַן וועכנטלעכע פּסיכאָ-טעראפּעווטישע באהאנדלונג. פֿארב האָט ליב געהאט צו שפּאצירן אינעם גאָרטן אין פֿרײַער צײַט. דאָרט האָט ער עס געמוזט זי זען צום ערשטן מאָל און זי באשאָנקען האלב-וויסיק מיט דעם אויבן דער-מאָנטן נאָמען.

צימערמאן איז געשיקט געוואָרן אין די "פּסיכאָלאָגישע קליניק", ווײַל זײַן פֿאמיליע-דאָקטער האָט באטראכט זײַנע באקלאָגונגען אלס פּסיכאָגענע. מען האָט אים דאָרט באהאנדלט במשך פֿון א מאָנאט, און דערנאָך איבערגעשיקט צו אונדז לויט דער עיצה פֿון פּראָפֿ. בראווער, דעם אָנפֿירער פֿון דער נוירא-כירורגישער אָפּטיילונג פֿון אונדזער שפּיטאָל. פּראָפֿ. בראווער איז געקומען אין די "פּסיכאָלאָגישע קליניק", כדי אונטערצוזוכן אן אנדערן פּאציענט, צו וועלכן ער איז פֿארבעטן געוואָרן פֿאר א באראטונג. ער האָט צופֿעליק געטראָפֿן צימערמאנען אין קאָרידאָר און דערנאָך אויפֿמערקזאם געמאכט די דאָקטוירים אויף זײַן כאראקטעריסטישן גאנג, וועלכער האָט דערוועקט א חשד פֿון א שטערונג אינעם קליין-מוח.

די "פּסיכאָלאָגישע קליניק" איז אייגנטלעך געווען אן אָפֿענער פּסיכי-אטרישער אנשטאלט. די באצייכענונג "פּסיכאָלאָגישע" אנשטאָט "פּסיכיאטרישע" איז באנוצט געוואָרן, כדי ניט אָפּצושרעקן פּערזאָנען לײַדנדע פֿון לײַכטע גײַסטיקע שטערונגען, וואָס וואָלטן זיך אפֿשר געשעמט צו באקומען היילונג אין אן אויסגעשפּראָכן פּסיכיאטרישער קליניק. אָבער אויסער איין פּסיכאָלאָג

האָבן דאָרט געאַרבעט נאָר פּסיכיאַטערס. נ.ב., איך באַשרײַב דאָ א צושטאַנד פֿון צוואַנציק יאָר צוריק. היינט, אין אַלגעמיין, שעמען זיך מענטשן נישט צו דערציילן זייערע באַקאַנטע, אַז זיי באַזוכן פּערי‍אָדיש א פּסיכיאַטער; אייניקע באַרימען זיך אַפֿילו דערמיט.

דער פֿאַקט, אַז סײַ צימערמאַנס פֿאַמיליען-דאָקטער, סײַ די דאָקטוירים פֿון דער "פּסיכאָלאָגישער קליניק" האָבן באַטראַכט דעם פּאַציענטס קראַנקײַט אַלס פּסיכאָגענע, באַווײַזט, אַז פֿאַרבס דיאַגנאָז "היסטעריע", וועלכער האָט אַזוי אויפֿגעבראַכט ד"ר וואַכזאַם, האָט געקאָנט געשטעלט ווערן ניט נאָר דורך אַן אומגעניטן מעדיקער. ס'האָט געקאָנט פּאַסירן אויך מיט עלטערע דאָקטוירים - ניט נאָר ניט-ספּעציאַליסטן, נאָר אויך ניט גענוג טרענירטע נוירּאָלאָגן - צוליב די אומסטאַבילע סימפּטאָמען פֿון דער קרענק, פֿון וועלכער צימערמאַן האָט גע-ליטן, אין איר נאָך ניט פֿולקום ענטוויקלטער סטאַדיע. ווען ער איז אָנגעקומען אין אונדזער אָפּטיילונג, איז ד"ר פֿאַרב געווען דער איינציקער רעזידענט באַרופֿן אויסצופֿירן די אויפֿנעם-אונטערזוכונג. אונדזער צווייטע רעזידענטין ד"ר קעשעט האָט אונדז געהאַט פֿאַרלאָזט מיט דרײַ וואָכן פֿריער.

איך מוז באַמערקן, אַז פֿאַרבס אונטערזוכונג פֿון דעם דאָזיקן פּאַציענט איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט באַשײַמפּערלעכער רשלנות. ער האָט זי אויך דורכ-געפֿירט מיט עפּעס א פּערזענלעכן אומווילן, פֿון וועלכן ער האָט זיך אָפּגעגעבן א פֿולן רעכענונג ערשט עטלעכע שעה שפּעטער, ווען ער האָט זיך מיט אומאַנגע-נעמלעכקײַט דערוווּסט, אַז די "שיינע אומבאַקאַנטע" איז דעם פּאַציענטס פֿרוי. אָבער אויך דעמאָלט האָט ער נאָך ניט פֿאַרשטאַנען (און ניט געוואָלט דערפֿון טראַכטן) די סיבה פֿון זײַן אומווילן לגבי דעם קראַנקן און פֿון דער נאָכ-לעסיקײַט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעפֿירט זײַן אונטערזוכונג. די איינציקע זאַך, וועלכע ער האָט יאָ באַמערקט און דערנאָך געדענקט, איז געווען, אַז אַזוי ווי ער האָט דערזען צימערמאַנען דאָס ערשטע מאָל, האָט א שוועב געטאָן פֿאַר זײַן דמיון דאָס אומקלאָר בילד פֿון דער "שיינער אומבאַקאַנטער". ווײַזט אויס, ער האָט זיי אַמאָל געזען צוזאַמען אין גאָרטן בײַ דער "פּסיכאָלאָגישער קליניק", אָבער ניט געלייגט קיין אַכט דערויף.

פֿון סאַמען אָנהויב פֿון דער אונטערזוכונג האָט פֿאַרב באַקומען א נעגאַ-טיוון אײַנדרוק וועגן דעם פּאַציענטס פּערזענלעכקײַט. ער האָט באַטראַכט זײַן עטוואָס פֿאַרווישטע אויסשפּראַך (וועלכע איז אין אים פֿאַרלויף פֿון דער קראַנקײַט געוואָרן אַלץ מער אומקלאָר) אַלס אַן אויסדרוק פֿון גרינגשעצונג לגבי דעם

אונטערזוכער. זײַן קרומען שמיכל פֿאַראורזאַכט דורך דעם אָנהויב פֿון א לעמונג פֿון דעם רעכטן געזיכט-נערוו האָט ער באַנומען אַלס א גרימאַסע. אָבער וואָס עס האָט באַזונדערס ארויסגערופֿן זײַן כעס, איז געווען עפּעס, וואָס האָט אויפֿן ערשטן אויגנבליק גאָרניט געהאַט צו טאָן מיטן פּאַציענטס לײַדן. אין דער מיטן פֿון זייער זאַכלעכן געשפּרעך האָט הער צימערמאַן פּלוצלינג דערמאָנט דעם באַקאַנטן פֿאַקט פֿון בעטהאָווענס פּראָגרעסיווער טויבקײַט. "ווי קומט דאָ בעטהאָווען צו דער טעמע פֿון אונדזער שמועס?" האָט יעקב איררעטירט א טראַכט געטאָן. פֿאַר דעם פּאַציענט אָבער איז דער נאָמען פֿונעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר געווען אַן אָנרעגונגס-פּונקט פֿאַר א קורצן פֿאָרטראָג וועגן יענעמס שעפֿעריש ווערק. יעקב, אַליין א לײַדנשאַפֿטלעכער ליבהאָבער פֿון מוזיק, האָט זיך גע-לאָזט ארײַנציען אינעם געשפּרעך. ער האָט אים אָבער איבערגעריסן נאָך א קורצן מיינונגס-אויסטויש און זיך אומגעקערט צום אויספֿרעגן דעם קראַנקן וועגן זײַנע סימפּטאָמען: דעם לעצטנס צוגאַנג צו בעטהאָווענס נײַנטער סימפֿאָניע, געשריבן, ווי באַקאַנט, ווען ער איז שוין געווען פֿולקום טויב, האָט זיך אים אויסגעוויזן ניט-קאָמפּעטענט און פּרעטענציעז. "ער רעדט אויף אזא 'פֿאַכ-מענערישן' שטייגער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן פֿאַר א קוואַליפֿיצירטן מבין פֿון מוזיק", האָט פֿאַרב בייז-שפּאָטיש צו זיך געזאָגט אין געדאַנק.

ס'איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז פֿאַרבס צוגאַנג צו זײַנע פּאַציענטן האָט זיך אין אַלגעמיין אויסגעצייכנט מיט איבערגעגעבנקײַט זײַן אַרבעט, אָבער ניט מיט באַזונדערער העפֿלעכקײַט. אָבער זײַן באַציונג גראָד צו דעם קראַנקן איז געווען פֿון סאַמען אָנהויב ניט ריכטיק - ער האָט אים פֿאַלש דיאַגנאָזירט אין שייכות סײַ צו זײַן קראַנקײַט, סײַ צו זײַן פּערזענלעכקײַט. ער האָט זיך זייער שנעל געזאָלט איבערצײַגן אַזוי אין זײַן מעדיצינישן ווי אויך פּסיכאָלאָגישן טעות.

4

ווי נאָר ער איז ארײַנגעקומען אין ד"ר וואַכזאַמס קאַבינעט און איר גע-וויזן די קראַנקײַטס-קאַרטע מיטן דיאַגנאָז "היסטעריע", האָט ער פֿונעם אויס-דרוק פֿון איר געזיכט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט א גרײַז, און א זייער ערנסטן.

ד"ר וואַכזאַם האָט דעם פּאַציענט ניט געקענט; אָבער דער עצם פֿאַקט, אַז ער איז איבערגעשיקט געוואָרן צו אונדז פֿון דער "פּסיכאָלאָגישער קליניק" לויט

דער רעקאָמענדאַציע פֿון פּראָפֿ. בראַווער, דעם אָנפֿירער פֿון דער נוירא-כירורגי-שער אָפּטיילונג, איז פֿאַר איר געווען גענוג צו זײַן איבערצײַגט, אַז צימער-מאַנס לײַד האָט אַן אָרגאַנישן הינטערגרונט. יעקב האָט איצט געזאָלט באַקומען פֿון איר איינע פֿון יענע "אויפֿמונטערנדיקע לעקציעס", וועלכע זי האָט אים שוין ניט געהאַט צוגעטיילט זײַט אַ לענגערער צײַט.

"אַלזאָ, היסטעריע?" האָט זי געפֿרעגט וואַרפֿנדיק אַ בליק אויפֿן קעפּל פֿון דער קאַרטע. "און ווי זעט אויס דער הינטערגרונט פֿון זײַנע אויגן?"

"כ'האָב אים ניט אונטערזוכט".

"פֿאַרוואָס?"

"ווײַל זײַנע פּופּילען זענען געווען צו שמאָל צו זען דורך זיי קלאָר דעם הינטערגרונט, און פֿאַרברייטערן זיי פֿאַרמאַקאָלאָגיש האָב איך מורא געהאַט, ניט זײַענדיק זיכער, צי ער האָט ניט אַ פֿאַרגרעסערטן אויגנדרוק. דעריבער האָב איך אים פֿאַרשריבן אַ ווענדונג אין די אויגן-אָפּטיילונג".

"און וואָס איז שײַך זײַן זע-פֿעלד?"

"כ'האָב אים ניט אויסגעמאָסטן. אַזוי ווי ער דאַרף סײַ ווי ווערן באַ-טראַכט אין דער אויגן-אָפּטיילונג, האָב איך אויך דאָס אויסמעסטן דעם זע-פֿעלד איבערגעלאָזט פֿאַר די אָפֿטאַלמאָלאָגן. אַגב, זיי באַגנוגענען זיך קיין מאָל ניט מיט אונדזער קאַמפּימעטריע, און מאַכן איבער די אונטערזוכונג אַליין; אַלזאָ צו-וואָס..."

"...צו-וואָס זיך סתם אָנשטרענגען, אמת?"

ער איז רויט געוואָרן און פֿאַרביסן די ליפּן.

"צי האָט איר געמאַכט אַ סקיצע פֿון זײַן געפֿיל-פֿעיקייט?"

"געוויס!" ער האָט זיך דערפֿרייט מיט דער פֿראַגע. מיט עטוואָס ציטערנ-דיקע הענט האָט ער איר געוויזן די סכעמע. "אָט האָט איר", האָט ער גערעדט, אָנווײַזנדיק הײַליק די ענצלהײַטן פֿון דער צייכענונג: "אויספֿאַלן פֿון שפּירעוודיקײַט טיפּישע פֿאַר היסטעריע".

זי האָט באַטראַכט די סקיצע מיט פֿאַראינטערעסירונג. "צי ווייסט איר, אז היסטעריע איז באַזירט אויף אויטאָסוגעסטיע?" האָט זי א פֿרעג געטאָן.

"געוויס ווייס איך".

"און צי ווייסט איר, אז אויך א דאָקטער קאָן פֿאַלן א קרבן פֿון אויטאָ-סוגעסטיע? אז ער קאָן אמאָל אויספֿירן אַן אונטערזוכונג אזוי, אז ער באַקומט די דורך אים פֿאַרלאַנגטע רעזולטאַטן?"

פויזע.

"צי האָט איר פֿעסטגעשטעלט פֿולקומע איבעררייַסן אין זייַן שפּירעוודי-קייַט, אָדער נאָר איר אָפּגעשוואַכטקייַט, דורך דאָס פֿאַרגלייַכן פֿון סימעטרישע קערפּער-טיילן?"

"כ'האָב געמאַכט סימעטרישע פֿאַרגלייַכונגען".

"אויב אזוי, טאָ פֿון וואַנען קאָנט איר זייַן זיכער, אז איר האָט בעת דער פֿאַרגלייַכונג באַנוצט סטימולן פֿון דער זעלבער קראַפֿט?"

ער האָט ניט געענטפֿערט. "זי העקלט זיך צו מיר", האָט ער א טראַכט געטאָן.

ער האָט פּלוצלינג באַמערקט א פֿאַרענדערונג אין איר בליק.

"איין מאָמענט", האָט זי אויסגעמורמלט, איבערדרייענדיק די קאַרטע צוריק אויף די פֿריערדיקע זייַט. "איר האָט פֿאַרנאָטירט, אז דער קראַנקער באַקלאָגט זיך אויף א גערויש אין די אויערן און אויף א טיילווייַזער טויבקייַט".

"יאָ".

"טאָ ווי איז עס מעגלעך", האָט זי געפֿרעגט מיט פֿאַרוווּנדערונג, "ווי איז עס מעגלעך, אז איר זאָלט ניט האָבן אונטערזוכט די שפּירעוודיקייַט פֿון זייַנע אויגן?"

ער איז געווען אזוי צעטומלט, אז ער האָט פֿון אָנפֿאַנג גאָר ניט פֿאַרשטאַ-נען דעם באַטייַט פֿון איר פֿראַגע. "וואָס טוט עס זיך דאָ?" האָט ער א צעמישטער

געטראכט. "דער פּאַציענט האָט זיך באַקלאָגט אויף זײַנע אויערן; סאָ פֿאַרוואָס-זשע פֿרעגט זי וועגן זײַנע אויגן?" פּלוצעם האָט א געדאַנק אויפֿגעבליצט אין זײַן מוח: "אַן אַקוסטישע נעווראָס!" און ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען - ניט נאָר די לעצטע פֿראַגע אירע, נאָר איר בײַזע אַנטוישונג מיטן אופֿן פֿון זײַן אויס-פֿירן די גאַנצע אונטערזוכונג פֿאַרענדיקט מיט א פֿאַלשן דיאַגנאָז.

וואָס האָט ער איצט געדאַרפֿט טאָן? וואָס וואָלט געטאָן אויף זײַן אָרט יעדער מיושבדיקער מענטש? - אויפֿגעשטאַנען, אַרויסגענומען די קראַנקײַטס-קאַרטע פֿון זײַן אויפֿזעעריבנס האַנט, דערקלערט אַז ער וועט די אונטערזוכונג איבערמאַכן, און פֿאַרלאָזט דאָס צימער. אַז ער האָט זי סײַ ווי געדאַרפֿט איבער-מאַכן, איז דאָך געווען קלאָר. סאָ פֿאַרוואָס-זשע איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען? איז עס געווען דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געוואָלט הערן פֿון איר ווײַטערע פֿאַר-וואַרפֿן פֿאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן שלעכט און פֿאַר דעם וואָס ער האָט אין גאַנצן ניט געטאָן? אָדער אפֿשר האָט ער געוואַרט זי זאָל אים הײסן איבערמאַכן די אונטערזוכונג? ער האָט געוואַרט אויף אירע באַליידיקנדיקע ווערטער, זײ אונטער-באַוווּסטזיניק באַגערט...

ד"ר וואַכזאַם האָט נאָך אַלץ שטודירט די קראַנקײַטס-קאַרטע.

"ס'איז דאָ פֿאַרהאַנדן איין זאַך, וואָס איך קאָן בשום אופֿן ניט פֿאַר-שטיין", האָט זי געזאָגט אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ. "דער פּאַציענט איז געווען אומקלאָר אין זײַן באַקלאָגונג אויף דער פֿאַרערגערונג פֿון זײַן שמיעה..."

"יאָ, כ'האָב עס פֿאַרשריבן", האָט ער אויסגעשטאַמלט זיַיענדיק גלײַכ-צײַטיק וויסיק, ווי נאַריש עס איז פֿון זײַן זײַט דאָס צו זאָגן.

"געוויס האָט איר דאָס פֿאַרשריבן", האָט זי אָפּגעענטפֿערט מיט א שנעלן פֿאַרווּנדערטן בליק אויף אים. "אַנדערש וואָלט איך דאָך דערפֿון ניט געוווּסט! אָבער וואָס עס איז מיר שווער צו פֿאַרשטיין, איז דאָס, וואָס איר האָט זיך באַגנוגנט מיט זײַן אומקלאָרער באַקלאָגונג אַנשטאָט פּשוט אונטערזוכן זײַן שמיעה".

"ער וועט ווערן באַטראַכט אין דער האַלדז-נאָז-אויערן אָפּטיילונג. כ'האָב פֿאַרשריבן א ווענדונג".

"און איר אליין?" ס'איז געווען ניט נאָר פֿאָרוווּרף נאָר אויך אומעט אין איר בליק, ווען זי האָט אים דאָס געפֿרעגט. "איר זענט ניט געווען פֿאַר-אינטערעסירט? איר האָט איינפֿאַך ניט פֿאַרלאַנגט צו וויסן?"

"איך האָב געפּרוּווט", האָט ער געענטפֿערט, "אָבער זײַן רעאַקציע איז געווען ניט דעצידירט; כ'האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער דרייט בכיוון איבער די ווערטער, וועלכע איך האָב צו אים געליספּערט".

"'געהאַט דעם אײַנדרוק'", האָט זי איראָניש איבערגעחזרט און פֿאַרפּרעסט די ליפּן. זי האָט צום צווייטן מאָל איבערגעקוקט די באַשרײַבונג פֿון דעם פּאַציענטס רעפֿלעקסן. זי האָט איבערגעבליקט די קאַרטע פֿון אָנהויב ביזן סוף, דערנאָך גענומען א בלײַשטיפֿט און זי פֿאַרשטראָכן מיט צוויי רויטע שטריכן.

"ניט גוט", האָט זי רואיק געזאָגט. "איר וועט דאָס דאַרפֿן איבערמאַכן". און זי האָט זיך צוריק גענומען לייענען דאָס בוך, וואָס איז געליגן געעפֿנט אויף איר שרײַבטיש.

א געדיכטע רויטקײַט האָט זיך צעגאָסן אויף יעקבס געזיכט. ער האָט א כאַפּ געטאָן די אנולירטע קראַנקנ־סט-קאַרטע, זי צעקנוילט, ארײַנגעשטופּט אין דער קעשענע פֿון זײַן דאָקטערישן פֿאַרטעך און פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

ער האָט געשוויצט. ער האָט געהערט דאָס פּולסירן פֿון זײַן בלוט אין די שלייפֿן. ער איז געווען אומפֿעיִק ווידער אונטערצוזוכן אין זײַן איצטיקן צושטאַנד דעם פּאַציענט. פֿריער האָט ער זיך געמוזט בארויקן.

ער איז אראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגן און ארײַן אין גאָרטן, דעם בשות-פֿותדיקן גאָרטן פֿון אונדזער שפּיטאָל און דער "פּסיכאָלאָגישער קליניק".

און דאָ האָט ער זי ווידער דערזען - די "שיינע אומבאַקאַנטע".

5

זי איז געזיצן אויף א באַנק בײַ די שטיגן פֿון שפּיטאָל. פֿאַרב האָט אויף איר געכאַפּט א בליק, אָבער ערשט ווען ער האָט זי אויסגעמיטן האָט ער זיך דערפֿילט באַאײַנפֿלוסט פֿון איר שמייכל, אין וועלכן א דרייסטער רוף האָט זיך צעגויפֿגעמישט מיט פֿרויערישער הכנעה. דער אײַנדרוק האָט אָבער געדויערט ניט מער ווי א מינוט און זײַן אָרט האָט פֿאַרנומען די דערמאָנונג פֿון ד"ר

וואכזאמס קאלטן און גלײַכגילטיקן בליק, וואָס האָט אים באלײדיקט און דער-נידעריקט, אָבער גלײַכצײַטיק, אויף א סודספּולן און איראַציאָנעלן אופן, אים אויך פּאסצינירט. ווי פּײַנלעך האָט ער געווירקט אויף אים! ער איז גע-ווען קאלט און רויק אין סתירה צו אירע קורצע סרפּנדיקע זאצן, און דאָך ניט זיי, נאָר דווקא איר קוק האָט ווי געטאָן. ווײַל פֿון איר קוק האָט צו אים געשטראָמט אינדיפֿערענץ, פֿאר וועלכער ער האָט ניט געקאָנט אָפּצאָלן מיט האס. ניין, ער איז אומפֿעיק געווען צו האסן זײַן שטרענגע אויפֿזעערין. ער איז געווען "אויפֿגערעגט און אָנגעשטרענגט", ווי ער האָט זיך מיר שפּעטער מודה געווען. ער איז ווײַזט אויס געווען אומוויסיק, אין וואָס איז באמת באשטאנען זײַן באציונג צו איר...

ער איז ארומגעגאנגען האסטיק איבערן גאָרטן אין זײַן אָפּענעם דאָקטער-פֿארטעך וואָס האָט געפּלאטערט אויפֿן ווינט, טראכטנדיק וועגן דעם באלײדקנ-דיקן טאָן, מיט וועלכן ד"ר וואכזאם האָט אים געמוסרט, ווי א שול-לערערין מוסערט אָפּ איר שילער. פֿון דעסטוועגן, ווען זײַן אויפֿרעגונג האָט עטוואָס נאכגעלאָזט, האָט זיך זײַן שטורמישער אינערלעכער מאָנאלאָג פֿארוואנדלט אין א מער ניכטערן דיאלאָג. "געוויס", האָט ער צו זיך געזאָגט, "די פֿאָרם פֿון אירע פֿאָרוורפֿן איז ווירקלעך געווען אומדערלאָזבאר; הייסט עס דען אָבער, אז זיי זענען אויך געווען אומבארעכטיקט?" אן אינערלעכער ווידערשטאנד האָט אים נאָך אלץ ניט דערלויבט אָנערקענען זייער פֿולע בארעכטיקטקײַט, אָפּזאָגן זיך פֿון זײַן מיינונג, אז דעם פּאציענטס לײַד האָט ניט געשטאמט פֿון אן אָרגא-נישער נערוון-שטערונג - אלנפאלס ניט אויסשליסלעך פֿון אזא סיבה; אז א געוויסער צוגאָב פֿון היסטעריע איז דאָך געליגן אין גרונט פון זײַנע באקלאָ-גונגען. יעקב האָט זיך אין יענעם מאָמענט געפֿונען אין א צושטאנד, וועלכער האָט אים ניט דערלויבט צו אנאליזירן זײַנע געפֿילן און צו באשליסן: שטאמט זײַן דעה וועגן צימערמאנס קרענק פֿון אן אינטואיטיווער איבערצײַגונג, אָדער זי איז אפֿשר א רעזולטאט פֿון זײַן באלײדיקטן "איך", וועלכער הייסט אים באגערן, אז דעם פּאציענטס קראנקײַט זאָל זיך ענדלעך ארויסווײַזן - אפֿילו נאָר טיילווײַז - פּסיכאָגען. "יעדן פֿאלס", האָט ער געמאכט א סך-הכל פֿון זײַן אינערלעכן שמועס, "זי איז דײַן וועגווײַזערין און דו ביסט מחויב זי צו פֿאָלגן". ער האָט זיך דערמאָנט, אז בעת זייער געשפּרעך - אזוי פיינלעכן פֿאר אים - איז זי ניט געווען די גאנצע צײַט גלײַכגילטיק. ווען זי האָט

אים פֿאָרגעוואָרפֿן זײַן ניט געהעריקן אויספֿירן די אונטערזוכונג פֿונעם פּאַציענטס געהער, האָט זיך אין איר בליק געמאָלט אומעט. "מײַן זאָרגלאָזיקײַט האָט די אומעטיק געמאַכט", האָט ער א טראַכט געטאָן. "זי וויל איך זאָל זײַן א גוטער דאָקטער. אפֿשר נאָר דערפֿאַר איז זי אַזוי שטרענג צו מיר... און באמת", האָט אין אים פּלוצלינג אויפֿגעשײַנט א מחשבה, "פֿאַרוואָס בין איך באמת געווען אַזוי זאָרגלאָז לגבי דעם פּאַציענט?" ער איז אויף א ווײַלע שטיין געבליבן, זוכנדיק אין געדאַנק אן ענטפֿער אויף זײַן פֿראַגע, און דער ענטפֿער איז אויפֿגעשווומען אין דער פֿאָרם פֿון א באַשלוס: "מײַן צווייטע אונטערזוכונג מוז ווערן אויסגעפֿירט מיט פֿולקומער אָביעקטיווקײַט". אַלזאָ דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן: זײַן גרײַזיקער דיאַגנאָז - א סך-הכל פֿון א זאָרגלאָזער אונטערזוכונג - האָט געשטאַמט פֿון מאַנגל אין אָביעקטיווקײַט לגבי דעם דאָזיקן פּאַציענט... ער האָט איבערגעריסן דעם שפּאַציר און זיך געווענדט אין דער ריכטונג פֿון דער שפּיטאָל-געבײַדע.

די "שיינע אומבאַקאַנטע" איז נאָך אַלץ געזיצן אויף דער באַנק בײַם אַרײַנגאַנג. זי האָט געטראָגן א דינן קלייד, וואָס האָט ענג אַרומגענומען איר פֿולן קערפּער, איבערלאָזנדיק אומבאַדעקט נאָר אירע אָרעמס. אירע רונדיקע בריסטן האָבן זיך געבײַלט פֿון הינטערן קלייד-שטאָף. זי האָט געהאַט א הויכן האַלדז און א ניט גרויסן קאָפּ, און אירע געדיכטע שוואַרצע לאָקן האָבן אַרומגערינגלט איר טונקל געזיכט. אירע ברוינע אויגן האָבן פֿײַכטלעך געגלאַנצט און איר קליין רונדיק מויל האָט געשמייכלט באַווײַזנדיק בלאַנקענדיקע ציין. ווי נאָר ער האָט באַמערקט דעם צו אים געווענדטן שמייכל, האָט ער גלײַך דערזען אין זײַן דמיון דעם פּאַציענט, וועלכער איז געווען די סיבה פֿון זײַן איצטיקער זאָרג.

ער איז אַרויף אויף די שטיגן פֿון ערשטן שטאָק. ס'איז געווען איינס א זייגער - מיטאָגצײַט. אויף זײַן וועג צו דער נעוראָלאָגישער אָפּטיילונג האָט ער געהערט א שטילן גערויש פֿון דעם עסצימער, ווײַזט אויס שוין פֿול מיט קאָנסומענטן. ער האָט פּלוצלינג דערפֿילט א שטאַרקן הונגער און באַשלאָסן פֿריער אָפּצועסן איידער ער גייט אַרײַן אין דאָקטוירים-צימער, כדי צו נעמען דאָרט א פֿרישע קאַרטע פֿאַר א קראַנקײַטס-געשיכטע. אַרײַנגייענדיק אין עסצימער האָט ער דערזען ד"ר וואַכזאַם און ד"ר האַדאַס זיצנדיק בײַ א קליין טישל לעבן דעם אַרײַנגאַנג. זי האָט אים באַגריסט מיט א העפֿלעכן קאָפּשאָקל, ניט וואַרטנדיק ער

זאָל זי פֿריער באַגריסן. ד״ר האדאס, ווי געוויינלעך, האָט דערזעענדיק אים געשמייכלט און אויפֿגעהויבן זײַן רעכטן אָרעם אלס צייכן פֿון באַגריסונג. ד״ר וואכזאמס איידעלע אויפֿפֿירונג לגבי אים נאָך דעם וואָס האָט פּאסירט צווישן זיי אין איר קאבינעט האָט ארויסגערופֿן זײַן געריוטקײַט, כאָטש ער האָט זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג, אז דאָס האָט געקאָנט זײַן פֿון איר זײַט ניט מער ווי גוט-דערצויגנקײַט כאראקטעריסטיש פֿאר ישראל-אײַנוווינער אָפּשטאמי-קע פֿון דײַטשלאנד. אָפּגעגעסן דעם מיטאָג אין געהײַל און אָן אפעטיט ניט געקוקט אויף זײַן פֿריעריקן הונגער (ווײַזט אויס ארויסגערופֿן דורך זײַן אויפֿרעגונג), איז ער אויפֿגעשטאנען און זיך געווענדט צום דאָקטוירים-צימער. ער האָט איבערגעקוקט אין א נויראָלאָגישן לערנבוך דאָס קאפּיטל פֿון שפּיר-שטערונגען און ארײַנגעגאנגען אין קראנקן-צימער, ווו ס׳האָט זיך גע-פֿונען יורי צימערמאן. זי איז דאָרט אויך געווען, זיצנדיק בײַם פּאציענטס בעט. ״זײַן פֿרוי״ האָט יעקב א טראכט געטאָן מיט אומאנגענעמלעכקײַט. זי האָט צו אים געשמייכלט.

״אָן אונטערזוכונג?״ האָט זי געפֿרעגט אין רוסיש, מסתמא אינפֿאָרמירט דורך איר מאן, אז דער יונגער דאָקטער באזיצט די שפּראך. ״איך דארף פֿארלאָזן דאָס צימער, אמת?״ ער האָט עס שווייגנדיק באשטעטיקט. ״געוויס, איך גיי, הער דאָקטער״, האָט זי הכנעהדיק געזאָגט. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און, אויסמײַדנדיק אים אין דעם שמאָלן דורכגאנג צווישן צוויי רייען בעטן, האָט זי צו אים צוגעדרוקט איר פֿולן קערפּער אין זײַן גאנצער לענג. ער האָט דער-פֿילט א פֿארשטארקטן הארצקלאפּן. זי איז ארויסגעגאנגען. ער האָט זיך אנידער-געזעצט אויף איר אָרט, באמיענדיק זיך אָפּצוגעפֿינען זײַן גײַסטיק גלײַכ-געוויכט.

איין איבערראשונג נאָך דער צווייטער! בעת דער ערשטער אונטערזוכונג האָט ער גאָר פֿארגעסן צו פֿרעגן דעם פּאציענט וועגן זײַן פּראָפֿעסיע. אייגנ-טלעך איז עס געווען די פֿליכט פֿון דעם אויפֿנעם-באאמטן אויסצופֿילן די רוב-ריק ״באשעפֿטיקונג״; היות אָבער דער פּאציענט האָט שוין ניט געארבעט זײַט א לאנגע צײַט, האָט ער פּשוט פֿארשריבן ״ניט באשעפֿטיקט״. איצט האָט ד״ר פֿארב געשטעלט די פֿראגע. ״פּיאניסט און דיריגענט״, איז געווען דער ענטפֿער. ״אָט האָסטו! און איך האָב באטראכט זײַנע ארויסזאָגונגען וועגן מוזיק אלס פּרע-טענציעז און *כלומרשט* פֿאכמענעריש!״ האָט יעקב צו זיך געזאָגט אין געדאנק אליין – איראָניש. דאָס מאָל האָט די אונטערזוכונג געדויערט א גאנצע שעה.

אייגנטלעך האָבן די פּאַציענטן אין דער צײַט געזאָלט רוען נאָכן מיטאָג און ניט זײַן אונטערזוכט. איבעריקנס האָט אַן אונטערזוכונג, וואָס האָט געדויערט ניט עטלעכע מינוט נאָר אַ שעה צײַט, געדאַרפֿט ענדער אויסגעפֿירט ווערן אין דאָקטוירים-צימער אײדער אין דער בײַזײַיקײַט פֿון אַנדערע קראַנקע, בפרט אַז דער פּאַציענט האָט געמוזט אַרויסגײן פֿון הינטער דעם פּאַראַוואַן, כדי עס זאָל קאָנען באַטראַכט ווערן זײַן גאַנג. אָבער פּראָפֿ. איזאַקסאָן איז ניט געווען זײער שטרענג אין שײכות צו אַזעלכע אָפּנויגן פֿונעם שפּיטאָל-רעגולאַמין, און דײַר וואַכזאַם האָט ניט געוואָלט, בעת זײַן אומוועזנקײַט, אים איבערשטײַגן איוף דעם געביט. אגב, עס איז אויך ניט געווען די צײַט פֿון באַזוכן און פֿון דעסטוועגן האָט זיך אין קראַנקן-צימער געפֿונען אַ געוויסע צאָל קרובים און פֿרײַנט, וועלכע האָבן געמוזט אַרויסגײן יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך באַווײַזן אַ דאָקטער אָדער אַ קראַנקן-שוועסטער.

יעקב האָט פֿאַרענדיקט די אונטערזוכונג. אירע אויספֿירן האָבן זיך אונטערשײדט פֿון די פֿריערדיקע אויף אַזוי פֿיל, אַז איצט האָט ער פֿעסטגעשטעלט געוויסע שטערונגען אינעם צענטראַלן נערוון-סיסטעם. און דאָך, כאָטש ער האָט אונטערזוכט דעם פּאַציענט דאָס מאָל מיט פֿולן אָביעקטיוויזם (ווי אים האָט זיך געדאַכט...), איז ער ניט געוואָרן איבערצײַגט, אַז זײַן לײַד האָט געשטאַמט פֿון אַן אויסשליסלעך אָרגאַנישן דעפֿעקט. לויט זײַן מײנונג האָט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ געמיש פֿון אָרגאַנישע און פּסיכאָגענע עלעמענטן - אַנדערש גערעדט, זײַן דיאַגנאָז "היסטעריע", כאָטש ניט אין גאַנצן גענוי, איז אָבער אויך ניט געווען גרונטלאָז. ספּעציעל האָט אים אין דעם איבערצײַגט דער פֿאַקט, וואָס דער שפּיר-פּרווו פֿון די האָרן-הײַטלעך פֿון די אויגן איז אויסגעפֿאַלן ניט אײַנדײַטיק און דעריבער ניט געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס אַ באַווײַז פֿון אַן אָרגאַנישער שטערונג. לײַדער האָט מײַן יונגער פֿרײַנד געהאַט אַ טעות.

די אונטערזוכונג פֿון די אויגן, אַרײַנגערעכנט די האָרן-הײַטלעך, איז וויכטיק אין יעדן פֿאַל, ווען ס׳איז פֿאַראַן אַ חשד אויף אַ קראַנקײַטס-פּראָצעס פֿונעם געהער-נערוו. די טעכניק פֿון דעם פּרווו איז גאַנץ אײַנפֿאַך: די האָרן-הויט ווערט באַרירט מיט אַ שטיקל וואַטע, כדי פֿעסטצושטעלן דאָס פֿונקציאָנירן פֿון אירע נערוון-פֿיבערס. די טעכניק איז ענלעך צו דעם אויספֿרווון די שפּירעוודיקײַט פֿון דער הויט מיט דעם אונטערשײד, וואָס פֿאַר דער הויט ווענדט מען אָן אַ שטעקנאָדל און פֿאַר דער האָרן-הויט אַ צויט וואַטע. אָבער

אויסער דעם, זענען אויך די אויספירן פוןביידע פרווון אנדערש. ביים אויספרווון די הויט פרעגט מען דעם פאציענט צי ער פילט דעם אנריר, און אין שייכות צו דעם הארן-הייטל - צוליב זיין איידלקייט - דארף מען ניט פרעגן נאר אבסערווירן דעם קראנקנס רעאקציה, וועלכע באשטייט אין פינטלען אויב דער פרווו איז א נעגאטיווער, און אין א ניטאזיקייט פון יעדער רע-אקציע אויב ער איז פאזיטיוו; דאס פינטלען אלס אן אביעקטיווער צייכן איז ווערטפולער פון א ווערטלעכער אינפארמאציע. אבער ד"ר פארב, צי צוליב קאפער געניטקייט, אדער צוליב זיין אונטער-באוווסטזיניקן באגער זיך ארויסצווייזן געדעכט פאר יעדן פרייז, האט ניט אבסערווירט דעם פינטל-רעפלעקס, נאר געפרעגט דעם פאציענט,צי ער פילט דעם אנריר. דער ענטפער איז געווען אומדעצידירט און דעריבער האט דער דאקטער באטראכט דעם פרווו אלס ניט זיכערן. אין אלגעמיין אבער האט די נייע אונטערזוכונג יא געגעבן געוויסע באווייזן פון א סאמאטישער אומארדענונג.

פארלאזנדיק דאס קראנקן-צימער האט יעקב געטראפן די פרוי צימערמאן הינטער דער טיר.

"ווי לאנג!" האט זי שטיל אויסגערופן אין א טאן פון מילדן פארוווּרף. איר קול איז געווען ווייך און צערטלדיק און אירע ווערטער זענען באגלייט געווען מיט א שמייכל. פלוצלינג איז ער פארשוווּנדן.

"באמת א לאנגע אונטערזוכונג", האט זי פעסטגעשטעלט. "צי מיינט עס,אז מיין מאנס צושטאנד איז ערנסט?" איר קול האט אזוי ווי געבייגט דעם דאקטער ער זאל דאס באשטעטיקן.

ער האט געשוויגן, צוקלייבנדיק אין געדאנק ווערטער פאר אן ענטפער.

"זיי זאגן", איז פרוי צימערמאן ממשיך געווען, "כ'מיין אונדזער פאמיליע-דאקטער און די היילערס פון דער פסיכאלאגישער קליניק, אז זיין קראנקייט איז נאר פסיכאגען, ניט ארגאניש; מ'האט מיר אויסגעטייטשט דעם באטייט פון די דאזיקע טערמינען. נאר פראפ. בראווער קוקט אויף דער זאך אנדערש. און וואס איז אייער מיינונג? דעם אמת געזאגט, האב איך דעם גרעסטן צוטרוי טאקע צו אייך. איך האב צוטרוי צו יונגע, ענערגיש אויסזע-ענדיקע מענער. פון דער צווייטער זייט פארשטיי איך, אז פראפ. בראווערס מיינונג דארף ווערן ערנסט באטראכט, ווייל ער איז דאך א נויראכירורג

געוווינט צו זען מענטשלעכע מוחות ליגנדיקע נאקעט פֿאר זײַנע אויגן. דאָס אלץ איז אָן ספק ריכטיק, נאָר איין זאך בלײַבט פֿאר מיר אומקלאָר. אויב מײַן מאן לײַדט פֿון אן אָרגאנישער שטערונג אין דעם מוח און פּראָפֿ. בראווער האָט דאָס אנטדעקט, טאָ פֿארוואָס האָט ער ניט באפֿוילן מען זאָל אים אריבערשיקן גלײַך אין די נוירא-כירורגישע אָפּטיילונג פֿאר אן אָפּעראציע? פֿארוואָס איז ער, אנשטאָט דעם, געשיקט געוואָרן צו אײַך? אויב אזוי, טאָ אפֿשר איז זײַן צושטאנד נישט אזוי שווער, ווי איך האָב געגלויבט... איך מיין צו זאָגן", האָט זי זיך שנעל פֿארבעסערט, "ווי איך האָב געמיינט". זי האָט ווידער, א ביסל נערוועז, געשמייכלט.

אירע ווערטער זענען געווען באגלייט מיט א לײַכטן צוקן פֿון די געזיכט-מוסקלען - א בעשײַמפּערלעכער צייכן פֿון אויפֿרעגונג. מ'האָט זי געקאָנט פֿארשטיין אלס אן אויסדרוק פֿון באזאָרגטקײַט וועגן איר מאנס צוקונ-פֿטיקן געזונט-צושטאנד, אָבער אויך פֿארקערט - אלס א סימן פֿון דערוואַרטן אן אומגינסטיקן פּראָגנאָז... אויב אין רוסלאנד און אין נאָך-מלחמהדיקן פּוילן וואָלט פֿרוידס טעאָריע געווען אזוי פּאָפּולער ווי פּאוולאָווס, וואָלט יעקב מסתמא גלײַך געוואָרן אויפֿמערקזאם אויף זײַן צווישנרעדנערינס "טעות", ווען זי האָט דערקלערט איר גלויבן אין דער שווערקײַט פֿון יוריס קרענק און עס שנעל צוריקגעכאפּט, פֿארטוישנדיק דאָס וואָרט "געגלויבט" מיטן וואָרט "געמיינט".

"זעט", האָט ער געענטפֿערט אויף פֿרוי צימערמאנס פֿראגע, "יעדע קרענק איז ערנסט; קײַן ניט ערנסטע קרענק זענען אייגנטלעך ניטאָ. אויב עס האנדלט זיך אין אײַער מאנס קראנקײַט, קאָן איך נאָר אויסדריקן מײַן גלויבן, אז זי איז ניט געפֿערלעך. איר דארפֿט אָבער פֿארשטיין, אז כמעט יעדער פּאציענט וואָס לײַדט פֿון א שטערונג אינעם נערוון-סיסטעם ווערט קודם-כל אָנגענומען אין דער נוירא-לאָגישער אָפּטיילונג, ווו ער ווערט באטראכט און באקומט היי-לונג, און ערשט פֿון דאנען, אויב עס איז נויטיק, שיקט מען אים אויף אן אָפּעראציע אין די נוירא-כירורגישע אָפּטיילונג".

"אָבער אין דעם פֿאל פֿון מײַן מאן וועט עס ניט זײַן נויטיק, אמת? איר האָט מיך פֿולקום בארויִקט, הער דאָקטער, און איך האָב צו אײַך דעם העכסטן צוטרוי. איך וויל נישט קײַן אָפּעראציעס".

ער האָט די "פֿולקום באַרוזקט?" ער האָט איר עפּעס צוגעזאָגט? זי פֿאַר־זיכערט? ער האָט, דאַכט זיך, נאָר אויסגעדרוקט זײַן גלויבן, אַז איר מאַנס צושטאַנד באַדראָט ניט זײַן לעבן. פֿאַקטיש איז עס געווען פֿון זײַן זײַט ניט מער ווי פּראָפֿעסיאָנעלע העפֿלעכקײַט. ס'איז, נאָך אַלעם, אָנגענומען, אַז אַ דאָקטער דאַרף ווי ווײַט מעגלעך דערמוטיקן די משפּחה פֿונעם קראַנקן; אָבער די דאַמע האָט אים, אַזוי צו זאָגן, געכאַפּט פֿאַרן וואָרט. נו מילה, ס'וואָלט אַלן פֿאַלס געווען נאַריש, אויב ער זאָל עס איצט נעמען צוריק.

מיט אַ שמייכל אויף איר לײַכט ציטערנדיקע ליפּן האָט זי געקוקט אויף אים מיט אַ בײַעס, אומפֿאַרשטענדלעכן אויסדרוק אין די אויגן. זי האָט ווײַזט אויס געוואָלט אים עפּעס זאָגן, אָבער זיך געוואַקלט. דערווײַל האָבן נאָר געערדט צו אים אירע גלאַנצנדיקע אויגן. איר בליק איז פֿלינק איבערגעשפּרונגען פֿון איין שוואַרצאַפּל זײַנעם צום צווייטן, אַרײַנגעדרונגען אין זייער טיפֿקייט, עפּעס דאָרט געזוכט, אפֿשר אַ באַשטעטיקונג פֿון דעם וואָס איר האָט זיך געדאַכט... צום סוף, אין געהײַל, אַזוי ווי ניט וועלנדיק זיך איבער־לאָזן קײַן צײַט צו ענדערן איר באַשלוס, האָט זי שטיל געזאָגט:

"כ'וואָלט געוואָלט בײַ אײַך בעטן אַ געפֿעליקײַט, אָבער איך ווייס ניט צי איך דאַרף עס טאָן". זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק, אָבער אים גלײַך צוריק אויפֿגעהויבן, קוקנדיק אויף אים דורכדרינגענד. "וועט עס ניט זײַן צו דרייסט פֿון מײַן זײַט צו בעטן איר זאָלט זײַן אַזוי גוט און באַוויליקן אויך אונטערצוזוכן מיך?" אירע אויגן האָבן געפֿינקלט.

יעקב האָט פֿאַרביסן די ליפּן.

"אייגנטלעך", האָט זי שוין רויקער צוגעגעבן, "איז עס ענדער מײַן מאַנס ביטע ווי מײַנע. ער איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל זיך צו אײַך ווענדן. ער האָט אפֿילו געוואָלט אַליין רעדן מיט אײַך וועגן דעם, אָבער ניט געוואַגט. ער שעצט אײַך זייער הויך, הער דאָקטער, אײַער העפֿלעכקײַט, אײַער פֿאַכמענערישע קאָמפּעטענץ..."

אירע לעצטע ווערטער האָבן אים איבערצײַגט, אַז זי האָט געלײַגט; ווײַל גראַד דער פּאַציענט האָט ניט געהאַט קײַן סיבה צו זײַן אַנטציקט מיט זײַן "העפֿלעכקײַט"; און וואָס איז נוגע זײַן קאָמפּעטענץ... ער האָט זיך מיט כּעס און בושה דערמאָנט וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן אים און ד"ר וואַכזאַם מיט

עטלעכע שעה צוריק. דאָס ליגן-זאָגן פֿון דער שיינער דאמע האָט אים אָבער ניט באאומרויקט. איר געמאכט וואקלעניש און כלומרשטע אומדרייסטקייט ביים בעטן און אונטערזוכונג איז אויך געווען ניט וויכטיק. וויכטיק איז געווען עפּעס אנדערש, היינו, אז איר בקשה האָט אויסגעצייכנט געפּאסט צו זיין אייגענעם פֿארלאנג...

"און וואָס געגנוי האנדלט עס זיך?" ער האָט זיך באמיט צו רעדן גלייכ-גילטיק און רויק.

"זעט איר, הער דאָקטער, איך לייד שוין א לענגערע צייט פֿון קאָפּווייטאָג, לייכטן שווינדל, שמארץ אין געזיכט, און ס'טרעפֿט אויך, אז מיין אויסשפּראך ווערט אומקלאָר און מיין קול הייזעריק".

ער האָט אויף איר געקוקט,אומפֿעיִק אונטערצודריקן זיין פֿארוווּנדערונג. דאָס וואָס זי האָט נאָר-וואָס געזאָגט, איז געווען כמעט א געטרייע קאָפּיע פֿון איר מאנס באקלאָגונגען אויסער די באקלאָגונג אויך א גערויש אין די אויערן. יעקב האָט זיך אפֿילו געוווּנדערט, וואָס זי שפּילט איר ראָל אזוי זאָרגלאָז, ניט באמיענדיק זיך אויסצוטראכטן עפּעס אייגנס. פֿאקטיש איז ער געווען פֿון דעם צופֿרידן, ווייל עס האָט אים נאָך באפעסטיקט אין דער איבערצייגונג, אז זי שפּילט א קאָמעדיע און איר ביטע צו ווערן באטראכט האָט אן אנדערן, ניט מעדיצינישן, ציל. אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען ער האָט זיך קלאָר געמאכט וועגן אָט דעם ציל אירן (וועגן וועלכן ער האָט זיך שוין פֿריער אנגעשטויסן, ניט זייענדיק אָבער זיכער), איז אין זיין געדאנק פֿארגעקומען א מאָדנע דער-שיינונג: ער האָט איבערגעטראָגן די פֿאלשקייט פֿון דער פֿרויס באקלאָגונגען אויף די באקלאָגונגען פֿון איר מאן - טאקע צוליב זייער אידענטישקייט. דאָס איז, פֿארשטייט זיך, געווען לאָגיש פֿאלש, אָבער פּסיכאָלאָגיש גאנץ נאטורעל אלס א קורץ דויערנדע אילוזיע: ער איז באהערשט געוואָרן דורך א פֿריידיקן איינדרוק, אז דעם פאציענטס באקלאָגונגען זענען נישט רעאל, ווייל ניט רעאל זענען געווען די זעלבע באקלאָגונגען ארויסגעזאָגט דורך דעם פאציענטס פֿרוי; הייסט עס, אז זיין, יעקבס, פֿריערדיקער דיאגנאָז פֿון יורי צימערמאנס קראנקייט, דער דיאגנאָז "היסטעריע", קאָן זיך צום סוף ארויסווייזן א ריכטיקער. די אילוזיע איז מאָמענטאל פֿארשוווּנדן און דער דיאגנאָז האָט זיך ארויסגעוויזן ניט ריכטיק, ניט נאָר לויט דער קריטיק פֿון ד"ר וואכזאם, נאָר אויך אין ליכט פֿון יעקבס אייגענער צווייטער אונטערזוכונג פֿונעם קראנקן; ניט געקוקט אויף זיין עקשנות האָט ער ניט געקאָנט ניט אָנערקענען, אז ער

האָט נאָר-וואָס אליין אויסגעפֿונען בײַם פּאציענט געוויסע אָרגאנישע פֿארענדע-רונגען - ניט נאָר צווייפֿלהאפֿטע, נאָר אויך פֿולקום זיכערע.

ער האָט געכאפּט א קוק אויף די "שיינע אומבאקאנטע". אן אינערלעך קול האָט אים אויפֿגעפֿאָדערט גלײַך אָפּצו־וואַרפֿן איר ביטע אָן שום תּירוצים. ער האָט געהאט א קלאָר באוווּסטזײַן, אז אין די געגעבענע אומשטענדן וועט זײַן פֿי-זישע דערנענטערונג צו איר אין צוזאמענהאנג מיט דער אזוי גערופֿענער "אונטערזוכונג" שטיין אין סתּירה צו מעדיצינישער עטיק. אָבער ער איז גע-ווען צו שוואך קעגנצושטעלן זיך דעם נסיון. ער האָט זי צוגעפֿירט צום דאָקטוירים-צימער, איבערגעלאָזט זי הינטער דער טיר און ארײַנגעגאנגען זען צי דער צימער איז פֿרײַ.

אין דאָקטוירים-צימער איז געזיצן בײַם שרײַבטיש ד״ר ראובן האדאס, פֿארנומען מיט באארבעטן זײַנע קראנקײַטס-געשיכטעס.

"אן אונטערזוכונג?" האָט ער איבערגעפֿרעגט. "געוויס פֿארשווינד איך. אָבער וווּהין?" האָט ער אויף א קול געטראכט. "אין קאבינעט פֿון ד״ר וואַכ-זאם? און פֿארוואָס ניט אין פּראָפֿ. איזאקזאָנס קאבינעט? ער איז דאָך פּוסט!" ער איז ארויס.

יעקב פֿארב איז אלט געווען זעקס און צוואָנציק יאָר. נעמענדיק אין אכט זײַן עלטער און זײַן טעמפּעראמענט, קאָן מען זאָגן, אז ער איז ניט געווען צופֿיל פֿארנומען מיט סעקס. ער האָט געהאט ביז דעמאָלט נאָר צוויי איבערלע-בונגען אויף דעם געביט. ביידע זענען געווען צופֿעליקע. די ערשטע איז פֿאָר-געקומען אין א קאָלכאָז אין רוסלאנד, ווו ער האָט אָפּגעארבעט א חודש פֿון די זומערפֿעריען; די צווייטע איז געווען, נאָך זײַן צוריקקום, אין פּוילן מיט א חברטע פֿון אוניווערסיטעט. ער איז נאָך קיין מאָל ניט געווען פֿארליבט. פֿארנומען מיט זײַן שטודיום און פֿארזונקען אין טרוימערײַ וועגן זײַן צו-קונפֿטיקער וויסנשאפֿטלעכער קאריערע, האָט ער ווייניק אויפֿמערק געשאָנקען "יענע זאכן". איצט האָבן אים "יענע זאכן" דערגרייכט. יענעם טאָג איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט פֿארזאָרגטקײַט צוליב זײַן דיאגנאָסטישן פֿעלער און מיט א געפֿיל פֿון דערנידערונג צוליבן געשפּרעך מיט זײַן שטרענגער אויפֿ-זעערין. און אָט האָט ער צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן געטראָפֿן א שיינע פֿרוי, וועלכע האָט אים ארויסגעוויזן סימפּאטיע און כּבוד. אָן שום צווייפֿל -

זי וויל אים. אָט שטייט זי דאָרט ווארטנדיק הינטער דער טיר... ער האָט געעפֿנט, זי אריַנגעבעטן און אָנגעהויבן די אונטערזוכונג.

אלזאָ וויאזוי באטראכט מען א פֿרוי, וועלכע באקלאָגט זיך אויף נערוון-שטערונגען? יעקב האָט דאָס געוווּסט. אָבער דאָס וואָס ער האָט אויסגעפֿירט מיט אָט דער "פאציענטין" איז ענלעכער געווען צו א פעדאגאגישער אינטערניסטישער אונטערזוכונג איידער צו א נוירא‌לאָגישער. זי איז געליגן אויף דער סאָפע אנטקעגנאיבער דער פֿארשלאָסענער טיר און ער האָט זי "באטראכט" מיט אזא גע-נויקיַט, אז ווען זי איז ענדלעך אויפֿגעשטאנען, זיך אָנגעטאָן און ארויס-געקומען צו אים פֿון הינטער דעם פאראוואן כדי זיך צוצוהערן צו זיַינע "געלערנטע" אויפֿקלערונגען, האָט ער געהאסט און פֿאראכטעט אי זי, אי זיך אליין פֿאר דער באליידיקונג פֿון מעדיצין, וואָס ער איז באגאנגען מיט איר הילף.

זי האָט אויסגעזען גליקלעך; געשמייכלט צו אים נאָכן אויסהערן זיַינע "טעראפעווטישע אָנוויַיזונגען", אויסגעדרוקט איר טיפֿע דאנקבארקיַיט און שטארק געדרוקט זיַין האנט. און ער האָט ניט געוווּסט: דארף ער זי איצט פאטשן פֿאר דעם צו וואָס זי האָט אים דערפֿירט, אָדער זי ענג ארומרינגלען מיט זיַינע אָרעמס און אריַינגראָבן זיַינע ליפן אין איר קליין זאפֿטיק מויל.

ער האָט, פֿארשטייט זיך, ניט געטאָן ניט דאָס און ניט יענץ. ער האָט זיך שארף אויסגעדרייט און אָן א וואָרט ארויס פֿון צימער.

6

די קראנקיַיט, פֿון וועלכער יורי צימערמאן האָט געליטן, איז באשטאנען אין א געשווילעכץ פֿון דעם רעכטן געהער-נערוו, די אזוי גערופֿענע אקוסטישע נעוורא‌ם. דאָס איז א מילדע ניַיבילדונג, ד.ה. אזעלכע וואָס האָט ניט די נייַ-גונג צו שיקן אירע קעמערלעך מיטן בלוטשטראָם צו וויַיטערע טיילן פֿון גוף, ווי זיי וואָלטן אויסגעוואקסן אין ניַיע געשווילעכצן. די צרה איז אָבער, וואָס די אקוסטישע נעוורא‌ם, צעשפרייטנדיק זיך פֿונעם אָרט פֿון איר אנט-שטייונג, פֿארנעמט שטופֿנוויַיז שכנותדיקע נערוו-צענטערן, שטעלנדיק דערמיט אין געפֿאר ניט נאָר דאָס געזונט פֿונעם פאציענט, נאָר אויך זיַין לעבן. די קראנקיַיט פֿאנגט אָן מיט א פֿייפֿנדיקן גערויש אין דעם באטראָפֿענעם אויער, וועמענס געהער ווערט שטופֿנוויַיז אָפּגעשוואכט, ביז עס ווערט פֿולקום טויב.

נאָך א געוויסן צײַט-אָפּשניט הייבט דער קראנקער אָן צו פֿילן שטערונגען אין אנדערע אָנגעגריפֿענע טיילן פֿון מוח, און דער פּאטאָלאָגישער פּראָצעס, אויב ער ווערט ניט איבערגעריסן דורך כירורגישער אינטערווענץ, פֿירט געוועלנלעך צום טויט.

די אקוסטישע נעווראָם קאָן זײַן איין - אָדער צווייזײַטיק. אין דעם לעצטן פֿאל שטעלט זי מיט זיך אָפּט פֿאָר א טייל פֿון אן אלגעמיינע באשעדיקונג באקאנט אונטערן נאָמען פֿון רעקלינגהאוזענס קראנקײַט, אין וועלכער ווארצן און פֿלעקן פֿון ברוינלעכער פֿארב ענלעך צו קאווע מיט מילך זענען צעזייט איבער דער הויט.

צימערמאנס לײַד האָט אנגעפֿאנגען צוועלף יאָר פֿאר זײַן אָנקום אין אונדזער אָפּטיילונג, ווען ער איז אלט געווען אכט און דרײַסיק יאָר. דער ערשטער דאָקטער, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדט האָט אויסגערייניקט דאָס אויער, אין וועלכן ס'האָט זיך געפֿונען א געוויסער קוואנטום אויער-וואקס, דער פּאציענט האָט אָבער ניט געפֿילט קײַן דערלײַכטערונג. ער האָט אלזאָ באקו-מען פֿארשיידענע בארוז̇יקונגס-מיטלען, וועלכע האָבן אים אין א געוויסער מאָס געהאָלפֿן, אָבער נאָר צײַטווײַליק.

עס לוינט דאָ צו באטאָנען, אז אין א פֿאלשן דיאגנאָז פֿון א זיך לאנגזאם אנטוויקלענדיקער קראנקײַט איז א מאָל שולדיק ניט נאָר דער דאָקטער, נאָר אויך דער פּאציענט אליין. דעם נוצלעכן פּרינציפּ, אז דער קראנקער דארף האָבן, בשעת דער אונטערזוכונג, די מעגלעכקײַט פֿרײַ צו דערציילן וועגן זיך, דארף מען פֿארשטיין אין דעם זין, אז ער דארף קאָנען זאָגן אלץ וואָס ער וויל, *ניט אנשטאָט, נאָר אדיטער* דאָס פֿארענטפֿערן די פֿראגעס פֿון דעם דאָקטער. אין קעגנפֿאל קאָן דער פּאציענט ארײַנפֿירן דעם דאָקטער אין א טעות, באזונדערס אויב ער איז בארעדעוודיק און געבילדעט. צימערמאן האָט גערעדט א סך און טיף. אין זײַנע געשפּרעכן מיט די דאָקטוירים פֿלעגט ער קיין מאָל ניט פֿאר-געסן צו דערמאָנאן, אז זײַן אָפּגאָט בעטהאָווען האָט אויך געליטן פֿון א גערויש אין די אויערן, ביז ער איז ענדלעך געוואָרן אין גאנצן טויב. די באטאָנונג פֿון זײַן בשותּפֿותדיקײַט, אין א פֿיזישער שטערונג, מיטן בארימטן קאָמפּאזיטאָר - אין וועלכער ס'האָט זיך ארויסגעפֿילט א געוויסער שטאָלץ - האָט לײַכט געקאָנט ארויסרופֿן דעם דאָקטערס סקעפּטיציזם אין שײַכות צו דער ממשות-דיקײַט פֿון דעם לײַדן, אויף וועלכן דער פּאציענט האָט זיך באקלאָגט.

צימערמאן האָט געליטן פֿון א גערויש אין זײַן רעכטן אויער אזוי לאנג, ביז עס איז געוואָרן פֿולקום טויב; דעמאָלט האָט ער זיך בארויקט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו לײַדן, ווען אנדערע ערטער פֿון זײַן מוח זענען גע-וואָרן ארײַנגעצויגן אין פאטאָלאָגישן פּראָצעס. שטערונגען זענען אנטשטאנען אין דעם רעכטן אפּפיר-נערוו - דער קראנקער האָט געשיקלט בײַם קוקן רעכטס - אין דעם מוח-אָפּשניט פֿאראנטוואָרטלעך פֿאר דער אויסשפּראך, און - אין א קלענערער מאָס - אין די מוח-געגנטן וואָס הערשן איבער דאָס שלינגען און דעם קערפּערלעכן גלײַכגעוויכט, ווי אויך איבער פֿארשידענע שפּיר-ראיאָנען. ער האָט געהאט אָנפֿאלן פֿון שמארץ אין געזיכט, האָט ניט געפֿילט דאָס ארײַנדריי-גען פֿון קליינע פֿרעמדקערפּערס אין זײַן רעכט אויג,אאא"וו. די אנטוויקלונג פֿונעם געשווילעכץ האָט פֿארמינערט דורך איר דרוק די פֿרײַע צירקולאציע פֿון דער מוח-רוקן פֿליסיקײַט, וואָס האָט געברענגט קאָפּשמארץ, א פֿארענגערונג פֿון דעם זע-פֿעלד און אן אָפּשוואכונג פֿון דער ראיה. די אלע שטערונגען זענען פֿארגעקומען שטופּנווײַז און לאנגזעם. ווען צימערמאן איז אָנגעקומען אין אונדזער אָפּטיילונג, זענען אייניקע פֿון זיי געווען גאנץ בולט,אנדערע קוים באמערקבאר. א ניט גענוג געניטער אונטערזוכער האָט געקאָנט ניט לייגן אויף זיי קיין געהעריקע אכט.

נאָך דעם ווי יעקב האָט צום צווייטן מאָל אונטערזוכט דעם פּאציענט, האָבן מיר ביידע, ד"ר וואכזאם און איך, אויך אים באטראכט. מיר האָבן, פֿארשטייט זיך, געלערנט פֿון אונדזער אויספֿאָרשונג מער ווי אונדזער יונגער קאָלעגע פֿון זײַנער. ספּעציעל וויכטיק איז אָבער געווען דער פֿאקט, אז ד"ר וואכזאם האָט אנטדעקט, אויסער א טיילווײַזע לעמונג פֿון דעם רעכטן געזיכט-נערוו, אויך א לײַכטע אָפּשוואכונג פֿון דער לינקער זײַט פּנים - אן אנטדע-קונג, וואָס האָט זיך אין די ווײַטערדיקע טעג אלץ מער באשטעטיקט. איר וויכטיקײַט איז באשטאנען אין דעם, אז צימערמאנס קרענק האָט זיך אָנגעהויבן צו מאניפֿעסטירן ווי א צווייזײַטיקער פּראָצעס, ד.ה. ווי רעקלינגהאוזענס אלגעמיינע קראנקײַט.

פֿארשטייט זיך, מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אנדערע אירע סימנים, און קודם-כל יענע כאראקטעריסטישע "קאווע מיט מילך" פֿלעקן אויף דער הויט, מיר האָבן זיי אָבער אויף זיכער ניט געפֿונען. געוויס, די הויט פֿונעם פֿופֿציק-יעריקן מאן איז ניט געווען אָן א פּגם; דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט זען אויף איר א ווארצל, א פֿלעקל פֿון ברוינלעכן קאָליר. זיי האָבן, וואָס אן

אמת, ניט געמאכט דעם איינדרוק פֿון א טיפּישן רעקלינגהאוזען-צייכן; היות אָבער מעדיצין איז ניט מאטעמאטיק ווו יעדער כלל איז איינדייטיק, נאָר א לערע ווו "א סך זאכן זענען מעגלעך און וויניק אבסאָלוט זיכער", האָבן מיר אָנגענומען, אז מיר האָבן דאָ יאָ צו טאָן מיט א צווייזייטיקער נעווראָם אלס א טייל פֿון אן אלגעמיינעם הויט-ביין-נערוו-פּראָצעס.

פּראקטיש גענומען, איז די וויכטיקייט פֿון דעם אונטערשייד צווישן אן איין - אָדער צווייזייטיקער אקוסטישער געשווילעכץ באשטאנען אין אונדזער פֿאל אין די אויסזיכטן פֿון אן אָפּעראציע: אן איינזייטיקע ניַיבילדונג האָט באטייַט א גרעסערן שאנץ פֿאר דערפֿאָלג; אָבער אן אָפּעראציע איז נויטיק געווען אין יעדן פֿאל. מיר האָבן זי פֿאַרגעלייגט, אָבער צימערמאן האָט נאָך א באראטונג מיט זיַין פֿרוי אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאג. מיר האָבן פּראָבירט זיי איבערציַיגן, מיר האָבן אָבער ניט געקאָנט פֿארהוילן אונדזער חשד וועגן א צווייזייטיקער געשווילעכץ און דאָס האָט נאָך באפֿעסטיקט זייער נעגאטיווע שטעלונג. מיר האָבן אלזאָ פּראָפּאָנירט אן עפֿענונג אין דעם שארבן, כדי איַינ-צוהאלטן דעם געפֿערלעכן דרוק אין מוח. אָבער אויך די פּראָפּאָזיציע איז ניט געוואָרן אָנגענומען.

איך וויל דאָ גלייַך מאכן קלאָר, אז אין אונדזער השערה וועגן דער צווייזייטיקייט פֿון דער געשווילעכץ האָבן מיר געהאט א טעות. די אויטאָפּסיע פֿון יורי צימערמאנס טויטן קערפּער האָט נאָר באוויזן א בלוט-אויסגוס אין מוח און א נעוראָם פֿונעם רעכטן געהער-נערוו. די קרענקלעכע לינק-זיַיטיקע סימנים האָבן געשטאמט פֿונעם צודרוקן דעם מוח דורך דער צעוואקסענער רעכט-זיַיטיקער ניַיבילדונג צו דער לינקער זיַיט שארבן.

דאָס פּאלמעסן צימערמאנס טויטן קערפּער איז אויסגעפֿירט געוואָרן לויט דער פֿאָראָרדענונג פֿון דער פּאָליציי אין צוזאמענהאנג מיטן פֿארדאכט, אז פֿרוי צימערמאן האָט גורם געווען איר מאנס טויט.

אזויארום זענען מיר געקומען צו דעם קרימינעלן אספּעקט פֿון מייַנע מאטעריאלן בנוגע ד"ר פֿארבס פֿארבינדונג מיט זיַין פּאציענטס פֿרוי. און אײדער איך בין ממשיך מיט מייַן געשיכטע, מוז איך זיך אָפּשטעלן אויף אַט דעם אספּעקט.

7

האָט זי אים טאַקע דערהרגעט? "דערהרגעט" איז דאָ ניט דער געהעריקער טער-מין. לאָמיר בעסער באַנוצן דעם פֿאָרזיכטיקן אויסדרוק פֿון דער פּאָליציי: האָט זי טאַקע גורם געווען דעם טויט פֿון איר מאַן? אויפֿן גרונט פֿון דעם וואָס איז מיר באַקאַנט וועגן די אומשטענדן פֿון יורי צימערמאַנס לעצטע מינוטן, מוז איך ליידער פֿעסטשטעלן, אַז דער פֿאַרדאַכט איז געווען באַרעכטיקט.

אזוי ווי יעדער פֿאָרשלאַג אונדזערער וועגן אַן אָפּעראַציע איז געוואָרן אָפּגעוואָרפֿן דורכן פּאַציענט אָדער, בעסער געזאָגט, דורך זיין פֿרוי, האָבן מיר ניט געזען קיין טעם פֿאַר האַלטן אים ווייטער אין שפּיטאָל. מיר האָבן אים אויסגעשריבן אַהיים פֿאַר אַ ווייטערע היילונג דאָרט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון ד"ר פֿאַרב, וועלכער האָט זיך מיט אים פֿאַרנומען בשעת זיין געפֿינען זיך אין דער אָפּטיילונג. מיר האָבן אים באַזאָרגט מיט מעדיקאַמענטן און רעקאָמענדירט דעם פּאָרפּאָלק איבערצוטראַכטן דאָס פּראָבלעם פֿון כירורגישער אינטערווענץ. זיי האָבן צוגעזאָגט דאָס צו טאָן. "מיר וועלן גרינלדעל דורכדיסקוטירן די זאַך מיט ד"ר פֿאַרב", האָט פֿרוי צימערמאַן געזאָגט מיט אַ חניפֿהדיקן שמייכל געווענדט צו דעם יונגן דאָקטער, וועלכער האָט נערוועז געביסן די ליפּן.

זיין פּלוצעמדיק איבערלאָזן זי אַליין אין דאָקטוירים-צימער נאָך דער ערשטער "אונטערזוכונג" האָט איר ניט געשטערט ווייטער אַרויסצוווייזן אים פֿאַרערונג און אָנהאַלטן דאָס באַקלאָגן זיך אויף כלומרשטע נערוון-דערשיינונגען, מיטן באַשיימפּערלעכן ציל ווידער צו קומען אין אינטימען קאָנטאַקט מיט אים. דער אמת איז אָבער, אַז זיין וויסיקייט דערפֿון האָט אים ניט געשטערט צו באַפֿרידיקן איר פֿאַרלאַנג, כאָטש ער האָט צוליב דעם יעדעס מאָל געליטן פֿון געוויסן-ביסן.

דער פּאַציענט האָט פֿאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל. עטלעכע מאָל האָט ער זיך צו אונדז אומגעקערט פֿאַר ספּעציעלע לאַבאָראַטאָרישע און רענטגענאָלאָגישע פּרו-וון און מיר האָבן דאָס אויסגענוצט צו דערמאָנען וועגן אַן אָפּעראַציע, אָבער שטענדיק אומזיסט. צום לעצטן מאָל האָב איך שוין געזען יורי צימערמאַנען אויפֿן אויטאָפּסיע-טיש.

די אויטאָפּסיע האָט אַנטפּלעקט, אויסער דער געשווילעכץ פֿון דעם רעכטן געהער-נערוו, און לייכטע קאָגנזייטיקע פֿאַרענדערונגען פֿאַראורזאַכט דורך דעם

דרוק פֿונעם שארבן, א גרויסן בלוט-אויסגוס אין דער הינטער-טייל פֿונעם מוח - די אוממיטלבארע סיבה פֿון טויט. צי וואָלט צימערמאן איינגעגאנגען אויף אן אָפּעראציע, אויב מיר וואָלטן געוווּסט, אז די צווייזײַטיקע דערשײַנונגען האָבן פֿאקטיש געשטאמט פֿון אן איינזײַטיקער בײַבילדונג? איך צווייפל אין דעם. מיר האָבן דאָך באטאָנט, אז די צווייזײַטיקײַט פֿון פּראָצעס איז נאָר א השערה און אז אן אָפּעראציע איז בוליטיק אין יעדן פֿאל, און דאָך איז אונדזער עצה געוואָרן יעדעס מאָל עקשנותדיק אָפּגעוואָרפֿן - ניט דורכן קראנקן, נאָר דורך זײַן ווײַב. אזוי איז ער געפֿאלן א קרבן ניט נאָר פֿון זײַן קראנקײַט, נאָר אויך פֿון זײַן לעבנס-באגלייטערין, וואָרשײַנלעך אין קרימינעלן און זיכער אין פּסיכאָלאָגישן זין - א קרבן פֿון איר שלעכטער השפּעה, וועלכע האָט אים באוויזן אָפּצוזאָגן זיך פֿון אן אָפּעראציע, וואָס האָט געקאָנט אים רעטן.

פֿאקטיש האָט ער זיך געפֿונען אונטער איר אײַנפֿלוס פֿון סאמען אָנפֿאנג פֿון זייער באקאנטשאפֿט. זי איז געווען יונגער פֿון אים מיט פֿופֿצן יאָר. ווען זיי האָבן זיך געטראָפֿן, איז ער אלט געווען פֿערציק יאָר, געארבעט אלס וויצע-דירעקטאָר פֿון פיאנע-קלאס פֿון דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע, דירי-גענט און קאָמפּאָזיטאָר. זייער באציונג האָט זיך אָנגעהויבן אלס לערער און שילערין, שנעל זיך פֿארוואנדלט אין א פֿארבאנד פֿון מאן און ווײַב און זיך געענדיקט, ווער ווייסט אויב ניט אלס א "צוזאמענהאנג" צווישן מערדערין און דערמאָרדעטן.

אבער, ווי געזאָגט, איז אין דעם פֿאל "דערמאָרדן" אָדער "הרגענען" ניט דער געהעריקער אויסדרוק, ווײַל ער אימפּליצירט אן אקטיווע האנדלונג און איך בין ווײַט פֿון באשולדיקן אָלגאן צימערמאן אין דעם. די אומשטענדן פֿון איר מאנס טויט זענען אָבער געווען אזעלכע, אז זי האָט געקאָנט אים האָבן גורם געווען דווקא אויף א פּאסיוון אופֿן. צי איז זי געווען בכיוון פּא-סיוו? איך מיין, אז יאָ. האָט זי זיך אויך אָפּגעגעבן א קלאָרע רעכענונג פֿון דער געפֿערלעכקײַט פֿון איר פּאסיווקײַט? אין דעם בין איך ניט זיכער ווײַל כוונה און איר ווירקלעכקייט זענען אין א ספּאָנטאנער אויפֿפֿירונג פֿארשיידענע פּסיכאָלאָגישע צושטאנדן... און אָט ווי עס איז פֿאָרגעקומען צימערמאנס טויט:

זײַט א וואָך איז זײַן קערפּערלעך גלײַכגעוויכט געווען אזוי צעשטערט, אז ער איז אוממעגלעך געווען צו שטיין אָן אונטערשטיצונג. פֿון פֿארבס בריוו צו מיר איז צו זען, אז ער האָט פֿארלאָזט די צימערמאנס וווינונג מיט א

מעכטיקן פֿארהאקן די טיר נאָך א שטורמישן ווערטער-אויסטויש מיט אַלגאָן. אין דעם מאָמענט פֿון יעקבס ארויסגיין איז דער פאציענט געשטאנען בײַ זײַן געלעגער מיטן רוקן אונטערגעשפארט דורך זײַן ווײַבס האנט. ס'איז אלזאָ גענוג געווען זי זאָל אוועקנעמען די האנט כדי נאָכצולויפֿן נאָך איר געליבטן (וואָס זי פֿלעגט טאָן אלע מאָל ווען ער האָט זי פֿארלאָזט נאָך א קריג), אז דער אומגליקלעכער זאָל פֿאלן אויף הינטן אויפֿן שטיינערנעם דיל, באקומענדיק א טויט-קלאפ אין קאָפּ.

ווען זי האָט דערגרייכט צום ארויסגאנג, האָט זי טאקע דערהערט הינטער זיך א הויכן קלאפ קורץ נאָך פֿארבס פֿארהאקן די טיר. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און, דערזעענדיק איר מאן א ליגנדיקן אויפֿן דיל, איז זי ארויס-געלאָפֿן - דאָס מאָל ניט כדי זיך איבערבעטן מיט איר "יאשא", נאָר כדי צוריק-צוברענגען אים צו העלפֿן דעם קראנקן. אָבער יעקב האָט ניט געענטפֿערט אויף אירע רופֿן. זי האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, באמיענדיק זיך אויפֿצוהייבן איר מאן, אָבער אָן דערפֿאָלג. זי איז אלזאָ צום צווייטן מאָל ארויסגעלאָפֿן און פֿון דער נאָענטסטער טעלעפֿאָן-בודקע ארויסגערופֿן די גיכע הילף.

דער דאָקטער פֿון "מגן דויד אדום" האָט געפֿונען צימערמאנען א טויטן און אינפֿאָרמירט געוואָרן וועגן זײַן אומפֿאל. ער האָט פֿארשטאנען, אז דער קראנקער האָט באקומען א בלוט-אויסגוס אין מוח, ער האָט אָבער אויפֿן גרונט פֿון דער פֿרויס אינפֿאָרמאציע ניט געקאָנט פֿעסטשטעלן, צי דער בלוט-אויסגוס איז פֿאָרגעקומען פֿאר אָדער נאָכן אומפֿאל.

בעת איר פּאָליציילעכער אויספֿאָרשונג האָט פֿרוי צימערמאן פֿארגעשטעלט דעם פֿאָרפֿאל אנדערש ווי ער איז פֿאָרגעקומען אין דער ווירקלעכקײַט. זי האָט געטענהט, אז נאָך דעם ווי ד"ר פֿארב האָט פֿארהאקט נאָך זיך די טיר, האָט זי געלייגט איר מאן אין בעט און פֿארלאָזט דאָס שלאָפֿצימער. איידער זי האָט דער-גרייכט צו דער קיך, האָט זי דערהערט א שטארקן קלאפ. זי האָט זיך גלײַך אומגעקערט אין שלאָפֿצימער און געפֿונען איר מאן ליגנדיק אויפֿן דיל: ער איז ווײַזט אויס ווידער ארויס פֿון בעט און אומגעפֿאלן. זי האָט זיך באמיט אים אויפֿצוהייבן, ס'איז איר אָבער ניט געלונגען. דעמאָלט איז זי ארויסגעלאָפֿן נאָך ד"ר פֿארבן רופֿנדיק אים צוריק, ער איז שוין אָבער געווען מסתמא צו ווײַט ער זאָל קאָנען הערן איר קול. זי האָט אלזאָ ארויסגערופֿן די גיכע הילף.

איר דערקלערונג איז באשטעטיקט געוואָרן דורך פאַרבס עדות-זאָגן; ער האָט פאַרלייקנט ער זאָל ביים ארויסגיין פון די צימערמאנס שטוב האָבן געהערט א קלאפ ענלעך צו א פאַל פון א מענטשלעכן קערפער אויפן דיל. ער האָט געטענעט (אין דער פאָליציי און אין זיין בריוו צו מיר), אז ער האָט פאַרקלאפט נאָך זיך די טיר אזוי שטארק, אז כמעט גלייך נאָך דעם האָט ער דערהערט "דאָס ווידערקול פון זיין אייגענעם קלאפ"...

איך מוז פעסטשטעלן, אז לייענענדיק דאָס אָרט פונעם בריוו, האָב איך געהאט אן אומאנגענעם געפיל: דאָס באנעמען דורך יעקבן דעם קלאפ פון צימער-מאנס אומפאַל אלס א ווידערקול פון דאָס פאַרהאקן די טיר האָט זיך מיר אויס-געוויזן ניט איבערצייגענד... צי האָט ער אליין געגלויבט אין אזא אינטער-פרעטאציע פון געהערטן קלאפ? כדי צו גלויבן אין עפעס וואָס איז אָביעקטיוו אומגלויבלעך, דארף מען זיך געפינען אין א צושטאנד פון אויטאָסוגעסטיע. דער אמת איז, אז ווען איך האָב דעם זעלבן אָוונט - בעת מיין און ד״ר וואכ-זאמס אויפנעם לכבוד אונדזער ווערן חתן-כלה - געזען יעקבן, האָט ער מיר זיך אויסגעוויזן אזוי צערודערט, אז ער האָט לייכט געקאָנט גלויבן אין וואָס ער האָט געוואָלט. צי האָט ער אָבער געגלויבט אין יענץ פאַנטאסטיש"ווידערקול" עטלעכע שעה שפעטער ביים שרייבן צו מיר זיין בריוו, ווען ער האָט שוין גע-האט גענוג צייט זיך אָפצוקילן פון זיין אויפגעבראכטקייט און פאַרשטיין, אז ער האָט זיך אליין גענארט? געוויס ניט. און דאָך האָט ער די זאך מיט דעם "ווידערקול", שוין נאָוהסטזיניק, ארויסגעברענגט אין זיין בריוו צו מיר און צו מאָרגנס זי רויק איבערגעחזרט אין דער פאָליציי. אמת, ניט זייענדיק קיין געשווירענער עדות אין געריכט, נאָר באלייגנדיק א דערקלערונג אין דער אויספאָרשונג, איז ער אפשר ניט געווען מחויב צו דערציילן, אז קומענ-דיק אהיים פון אונדזער אויפנעם האָט ער פאַרשטאנען זיין אליין-אָפנארעריי. פאַרוואָס אָבער האָט ער עס פאַרהוילן אין זיין בריוו צו מיר, וועלכער איז דאָך געווען א פריוואַטער ווידוי? באמת קאָן מען דאָך פרעגן: אויב א מענטש איז ניט וויליק צו רעדן אויפריכטיק אין א ניט געצוווּנגענער קאָנ-פעסיע, טאָ צוליב וואָס זאָל ער זי בכלל מאכן? דאָס אָפווייכן פונעם אמת אין א פריוואַטן ווידוי איז אָבער א ניט זעלטענע דערשיינונג; מיר ווייסן אָן ספק, אז זשאן זשאק רוסאָ, צום ביישפּיל, האָט אין זיינע "קאָנפעסיאָן" פאַר-שוויגן אמתן און פשוט געלייגט. די לייזונג פון דעם רעטעניש ליגט אין דעם פאַקט, אז דער דראנג זיך מתוודה צו זיין איז ניט אידענטיש מיט דער באדער-פעניש צו זאָגן אמת. און א "פריוואַטע קאָנפעסיע" איז אין תוך ניט אין

גאנצן פֿריַוויליק; פֿאקטיש, אויב א מענטש איז זיך מתוודה, איז ער צו דעם געצווונגען - אויב ניט דורך עמעצן, איז דורך עפּעס. אין פֿאַל פֿון ד"ר פֿארב איז עס געווען זײַן אומרויִק געוויסן, וואָס האָט אים באוויגן זיך מתוודה צו זײַן און איך בין געווען זײַן אויסדערווײלטער קאָנפֿעסאָר.

כדי צו האָבן דאָס מאָראַלע רעכט צו מעדיטירן אויסשליסלעך וועגן זײַן מאָראַלער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר זײַן דורך אים אליין אָנערקענטער זינד, האָט ער געדאַרפֿט זײַן איבערצײַגט, אַז זי איז באמת באַשטאַנען נאָר אין אַן אוממאָראַלן געפֿיל - דעם פֿאַרלאַנג פֿון זײַן פּאַציענטס טויט - און ניט אין א פֿאַרברעכערישן טאַט; אַז דאָס איז געווען א בייז, פֿאַר וועלכן מען באַצאָלט מיט געוויסן-ביסן און ניט א קרימינעלער טאַט, פֿאַר וועלכן מען ווערט פֿאַרשפּאַרט אין תפיסה. צו מאָרגנס נאָכן שרײַבן זײַן בריוו צו מיר איז ער פֿאַררופֿן געוואָרן פֿון דער נויראָלאָגישער אָפּטיילונג צו דער פּאָליציי. דאָרט האָט ער זיך ניט אומקלאָר פֿאַרענטפֿערט, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זײַן בריוו, נאָר גערעדט קלאָר און אײנדײַטיק. ווײַל דאָרט האָט ער קלאָר געלײַגט, בעת אין זײַן בריוו צו מיר האָט ער זיך באַמיט אַרויסצודרייען מיט פֿאַרנעפּלטער פֿראַ-זעאָלאָגיע און האַלבע אמתן. אָט פֿאַרוואָס אין זײַן בריוו, אין קעגנזאַץ צו זײַן פּליסיק רעדן אין דער פּאָליציי, האָט ער, אַזוי צו זאָגן, שריפֿטלעך גע-שטאַמלט. ס'איז שטענדיק שווערער אָפּצונאַרן זיך אַליין, איידער עמעצן אַנדערש. יעקב האָט ניט נאָר געשריבן דעם בריוו, ער האָט אים אויך געשיקט צו מיר (צוזאַמען מיט זײַן רעזיגנאַציע-בריוו), אָבער פֿאַקטיש האָב איך אים נאָר גע-דינט אַלס זײַן "אַלטער עגאָ".

די פֿרײַנדשאַפֿט, וועלכע איך האָב אים שטענדיק אַרויסגעוויזן, מײַן פֿאַרגעביקײַט פֿאַר אים, האָבן מיך געמאַכט פּאַסיק אַלס אַדרעסאַט פֿון זײַן האַלבער אַליין-באַשולדיקונג, האַלבער אַליין-פֿאַרענטפֿערונג, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער זיך ערלעך מתוודה געווען נאָר פֿאַר זיך אַליין. דעריבער גלויב איך, אַז עטלעכע מינוט פֿאַרן אָנשרײַבן זײַן בריוו צו מיר און א גאַנצע נאַכט פֿאַר זײַן עדות זאָגן אין דער פּאָליציי האָט ער זיך קלאָר און דײַטלעך פֿאַר זיך אַליין באַשולדיקט אין א קרימינעלן טאַט פֿון פֿאַרלאָזן זײַן פּאַציענט אין א צושטאַנד פֿון טויט-געפֿאַר.

8

די "פּאָסט מאָרטעם" אונטערזוכונג פֿון יורי צימערמאַנס קערפּער האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געבן קיין ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, צי דעם קראַנקנס אומפֿאַל אויף דעם שטיינערנעם דיל האָט גורם געווען דעם בלוט-אויסגוס אין מוח - די אוממיטלבאַרע סיבה פֿון זיין טויט, אָדער פֿאַרקערט: דער בלוט-אויסגוס פֿאַראורזאַכט דורך זיין קרענק האָט גורם געווען דעם טויט און דעם אומפֿאַל פֿונעם טויטן קערפּער. די פּאָליציי האָט געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגע, ווייל אויב דער בלוט-אויסגוס איז פֿאָרגעקומען פֿאַרן אומפֿאַל, איז דער אומפֿאַל ניט געווען די סיבה פֿונעם טויט; פֿון דער צווייטער זייט, אויב דער אומפֿאַל איז פֿאָרגעקומען פֿאַרן בלוט-אויסגוס, האָט ער אים אפֿשר ווארשיינלעך פֿאַראורזאַכט און דערמיט אויך דעם טויט. אין אַזאַ פֿאַל וואָלט אָלגאַ געקאָנט באַשולדיקט ווערן, ווייל ס'איז געווען אָנגענומען, אַז זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון איר מאַן כדי נאָכצולויפֿן איר געליבטן, און דער אום-גליקלעכער, פֿאַרבליבן אָן דעם אָנשפּאַר אָן איר האַנט, איז אומגעפֿאַלן אויפֿן שטיינערדיקן דיל און באַקומען אַ טויטקלאַפּ אין קאָפּ.

אַזוי ווי די אויטאָפּסיע איז געווען אומפֿעיִק צו לייזן דאָס רעטעניש פֿון צימערמאַנס טויט, האָט זיך די גאַנצע אויספֿאָרשונג אַרויסגעוויזן אומגע-לונגען, ניט קאָנענדיק פֿעסטשטעלן אָדער אויסשליסן אַ קרימינעלע סיבה פֿון דעם קראַנקנס אומקום. דערביי אָבער איז אַנטדעקט געוואָרן אַן אַנדערע עבֿרה - ניט קעגן געזעץ, נאָר קעגן געזעלשאַפֿטלעכע מאָראַל, דהיינו אַן אינטימע באַציונג צווישן דעם דאָקטער און זיין פּאַציענטס ווייב. זי איז אַנטדעקט געוואָרן, ווען דער אויספֿאָרשנדיקער אָפֿיציר האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן אינהאַלט פֿונעם שטורמישן ווערטער-אויסטויש צווישן אָלגאַן און יעקבֿן, וועל-כער האָט באַוויזן דעם לעצטן פּלוצעם צו פֿאַרלאָזן די צימערמאַנס וווינונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שכנים האָבן ניט איין מאָל געהערט שאַרפֿע דיסקוסיעס צווישן דעם דאָקטער און דער דאַמע; די לעצטע פֿלעגט אים נאָכלויפֿן אויף דער גאַס, רופֿנדיק מיט אַ וויינענדיקער שטים: "יאַשאַ! "יאַשאַ!" (די פֿאַרצערטלונג פֿון זיין נאָמען אויפֿן רוסישן שטייגער), כדי ער זאָל זיך צו איר אומקערן.

צי האָט די דאָזיקע רעוועלאַציע געקאָנט גורם זיין פֿאַרבס אָפּזאָג פֿון דער אַרבעט? מעגלעך, יאָ. די פֿראַגע איז אָבער אַן אַקאַדעמישע אין ליכט פֿונעם פֿאַקט, אַז ער האָט אַליין דערקלערט זיין רעזיגנאַציע.

דאָס איז געווען די השפעה פֿון צימערמאַנס טויט אויף יעקבס קאַריערע. אויב עס גייט אין אַלגאַן, איז זי באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער פּאָליצייִשער אויספֿאָרשונג צוליב מאַנגל אין באַווייַזן, וואָס וואָלטן געווען גענוג פֿאַר א געריכטלעכן אָנקלאָג. זי איז נאָר געוואָרן פֿאַראורטיילט דורך דער עפֿנטלעכער מיינונג פֿאַר פֿאַרראַטן איר קראַנקן מאַן און דריקן אויף אים ער זאָל זיך אָפּ-זאָגן פֿון אַן אָפּעראַציע, וועלכע וואָלט אפֿשר געקאָנט אים מציל זייַן.

דאָס איז איר ניט געווען דאָס ערשטע מאָל צו באַנוצן זיך מיט איר השפעה אויף יורי. זי האָט עס געטאָן פֿון דער צייַט פֿון זייער חתונה. זי האָט גלייַך אויף צו מאָרגנס איבערגעריסן איר מוזיקאַלישן שטודיום און דערנאָך אָנגערעדט דעם מאַן ער זאָל אויפֿגעבן זייַן טעטיקייַט אַלס קאָמפּאָזיטאָר, כדי צו קאָנען זיך פֿאַרנעמען נאָר מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט, וועלכע איז געווען מער הכנסה-דיק. זי האָט באַשטעטיקט דעם קרייַז פֿון זייערע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אויך שנעל געלערנט, ווער איז עס דער אייגנטלעכער טאָן-געבער אין דער מוזי-קאַלישער פֿאַמיליע. אין זייער בייַזייַקייַט פֿלעגט זי זיך ווענדן צו איר מיט פּופּצן יאָר עלטערן מאַן, וועלכער איז אויך ביז ניט לאַנג געווען איר לערער, אויף א באַפֿעלערישן שטייגער.

איר הערשאַפֿט איבער אים במשך פֿון זייער צוזאַמענלעבן האָט לויט מייַן מיינונג געהאַט א סעקסועלן הינטערגרונט. א העל-האָריקער, מיט אַן איידעלן, אומדרייַסטן שמייכל, שטענדיק עטוואָס אָנגעבויגן פֿאָרויס, מיט א הוסטעלע פֿון פֿאַרלעגנהייַט בשעת א געשפּרעך, האָט יורי צימערמאַן בשום אופֿן ניט געמאַכט קיין אייַנדרוק פֿון א פּאַסיקן פּאַרטנער פֿאַר אַלגאַן. זי איז ניט נאָר געווען באַדייַטנדיק יונגער פֿון אים און שיין, נאָר אויך - וואָס מען האָט געקאָנט דערקענען פֿונעם ערשטן בליק אויף איר - באַשאַנקען מיט א הייסן טעמפּעראַמענט. די דאָזיקע סופּעריאָריטעט אירע האָט זיך אַרויסגעוויזן גלייַך נאָך דעם ווי זיי זענען געוואָרן א פּאָרפֿאָלק, ווען ער האָט שוין זייַט צוויי יאָר געליטן אויפֿן רעכטן אויער, אָבער אויסער דעם זיך נאָך געפֿילט גאַנץ געזונט. מען קאָן זיך לייַכט אָנשטויסן, ווי האָט אויסגעזען זייער צוזאַמענלעבן פֿון מאַן און ווייַב, ווען זייַן קראַנקייַט האָט זיך אַנטוויקלט. ווען ער איז אַנגעקו-מען צו אונדז, איז ער שוין אייגנטלעך געווען אַן אינוואַליד. קאָן מען דען צווייפֿלען, אַז ער האָט שוין דעמאָלט אין גאַנצן מיט איר ניט האַרמאָנירט אַלס איר מאַן? ניט אָן באַטייַט אין איר באַציונג צו אים איז אויך געווען דער פֿאַקט, אַז זייער פֿינאַנציעלער צושטאַנד איז געווען א גאַנץ גוטער א דאַנק דער

הילף פֿון אַלגאס פֿארמעגלעכע קרובים אין אמעריקע. יורי האָט זיך נאָר ווינציק באטייליקט אין דעקן זייערע הוצאות; נאָך זייער אָנקום קיין ישראל האָט ער אפֿילו ניט אָנגעהויבן ארבעטן און זיין גאנצע פערזענלעכע הכנסה איז באשטאנען פֿון א קליינע פֿינאנציעלע שטיצע, וועלכע ער האָט באקומען פֿון דער רעגירונג אלס א קראנקער אימיגראנט.

יעקב, דאקעגן, איז געווען יונג, שטארק און ליידנשאפֿטלעך, וואָס מ'האָט געקאָנט דערקענען שוין ביים ערשטן בליק אויף אים, באזונדערס אויב דער בליק האָט געהערט צו אזא געניטער פֿרוי ווי אַלגא. זי איז געוואָרן אויף אים אויפֿמערקזאם שוין דערזעענדיק אים צום ערשטן מאָל אין בשותפֿותדיקן גאָרטן פֿון אונדזער שפּיטאָל און דער "פּסיכאָלאָגישער קליניק". שפּעטער האָט זי אים דאָרט געזען עטלעכע מאָל און אויפֿגעזאמלט אינפֿאָרמאציעס וועגן זיין פערזאָן. צווישן אנדערע ענצלהייטן האָט זי זיך דערוווּסט וועגן זיינס א ספּעציעלן פּלאַם: דער אָנפֿאנגנדיקער נויראָלאָג איז געווען פֿארליבט אין מעדיצין און געטרוימט צו ווערן א וויסנשאפֿטלער. זי האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט פֿון דער הויפּט קראנקן-שוועסטער און געהאט עטלעכע געלעגנהייטן דאָס צו באשטעטיקן צוהערנדיק זיך צו מיינע געשפּרעכן מיט אים ביי איר מאנס בעט. "איז גוט", האָט זי געטראכט, "מען וועט אלזאָ דארפֿן אָנווענדן זיין התלהבות אין א מער פאסיקע ריכטונג פֿאר א זעקס-און-צוואָנציק יעריקן בחור". איבעריקנס, זי האָט גאָר ניט געהאט בדעה אים אָפּצהווענדן פֿון זיין ווילן צו מאכן אן אקאדעמישע קאריערע; פֿארקערט, ווען זי וועט אים נעמען אין די הענט אריין, וועט ער ערשט דעמאָלט מאכן דעם אמתדיקן גרויסן שריט פֿאָרויס אין זיין פּראָפֿעסיאָנעלער אויסשולונג. מען דארף אים נאָר באהערשן - פֿריער דורך ארויסווייזן אים הכנעה און דערנאָך דורך בהדרגהדיקער אויפֿרייצונג פֿון זיין ליידנשאפֿט, ביז אַלגא וועט אים ענדלעך ארייננבאקומען אין איר נעץ. דער געהאָרכזאמער מאן וועט דאָך זיכער ניט זיין קיין שטערונג איצט, ווען זיין קרענק האָט שוין אזוי ווייט פּראָגרעסירט. יאָ, זיין קרענק... זי איז זיכער שווער און געפֿערלעך. דעם פֿאָרשלאג פֿון זיינע היילערס בנוגע אן אָפּעראציע מוז מען אָפּוואַרפֿן, ווייל זי קאָן ברענגען א שאַרפֿע ענדערונג אין זיין געזונט-צושטאנד. אויב די אָפּעראציע וועט זיך איינגעבן, וועט דאָס באטייטן א פֿארהאלטונג אין ווייטערדיקן פּראָגרעס פֿון דער קרענק און ער וועט פֿארבלייבן אן אינוואליד צוגעשמידט צו איר אויף שטענדיק. און אויב די אָפּעראציע וועט ניט געלונגען און ער וועט שטארבן, איז אויך ניט גוט.

איר זאך מיט דעם בחור פֿאַדערט ציַיט, כדי צו מאכן אים רײַף פֿאַר די פֿליכטן פֿון איר צווייטן מאן. יוריס פֿאַרשווינדונג אײדער זײַן אָפּגעקליבענער נאָכפֿאָלגער וועט זײַן געהעריק באַארבעט קאָן קאַליע מאכן די גאנצע שפּיל. דער פֿאָרשלאַג וועגן א כירורגישער אינטערווענץ מוז אַלזאָ ווערן אָפּגעווענדט פֿאַר יעדן פֿאַל. זי מוז וואַרטן געדולדיק, די ווײַטערדיקע געשעענישן זאָלן אָנקומען אויף א נאַטירלעכן וועג און אין געהעריקער צײַט. אויסוואַרטן! און דערווײַל פֿאַרפֿירן דאָס בחורל און אים באַהערשן.

געשען איז אָבער אַנדערש: דאָס בחורל האָט זי באַהערשט.

9

די "ווײַטערדיקע געשעענישן" זענען ווירקלעך אָנגעקומען אין געהעריקער צײַט און אירע באַציונגען מיטן יונגן דאָקטער האָבן זיך אַנטוויקלט אויף א נאַטירלעכן אופֿן אַזוי ווי זי האָט זיך עס געוווּנטשן, אָבער ניט געננוי אין דער ריכטונג, וועלכע זי האָט באַשטעטיקט. איין רעזולטאַט פֿון אירע באַמיונגען האָט זי פֿאָרט דערגרייכט: זי האָט באַקומען די געלעגנהײַט צו פֿאַרברענגען עטלעכע שעה א טאָג מיט דעם בחור בײַ זיך אין שטוב.

ווען יורי צימערמאַן איז געוואָרן אויסגעשריבן פֿון שפּיטאָל, האָבן מיר צו ערשט געפּלאַנט צו באַזאָרגן אים מיט א קראַנקן-שוועסטער וואָס זאָל אים באַהאַנדלען בײַ אים אין שטוב; אָבער ד״ר פֿארב האָט פֿאָרגעלייגט, אַז ער אַליין זאָל זיך פֿאַרנעמען מיטן קראַנקן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן בעת צימערמאַנס ליגן אין שפּיטאָל. ער האָט צו מיר זיך געווענדט מיט דער פּראָפּאָזיציע מיט דער קלאָרער כוונה איך זאָל זי איבערגעבן ד״ר וואַכזאַם און באַקומען איר הסכמה. פֿארב האָט באַגרינדעט דעם פֿאָרשלאַג דערמיט, אַז דעם פּאַציענטס ווײַב וועט קאָנען אויספֿילן מיט דערפֿאָלג די פֿליכטן פֿון א קראַנקן-שוועסטער (וואָס וועט פֿאַרשפּאָרן דעם פּאָרפֿאָלק באַטײַטנדע סומעס געלד) און ער אַליין וועט איר אין דעם העלפֿן. אויסער דעם האָט ער געזאָלט באַלייגן אין אונדזער אָפּטיילונג וועכנטלעכע קאָמוניקאַטן וועגן דעם קראַנקנס צושטאַנד.

ווען איך האָב אויסגעהערט זײַן פֿאָרשלאַג, האָב איך זיך, פֿאַרשטייט זיך, גלײַך אָנגעשטויסן, פֿון וואָס פֿאַר א מקור ער האָט געשעפּט. ס'איז פֿאַר מיר געוועזן קלאָר, אַז די "שיינע אומבאַקאַנטע" האָט האַרט באַשלאָסן אַרײַנצונעמען

דעם יונגן מאן אין אירע הענט אריַין, בשעת זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף איר מאַנס פֿאַרשווינדונג. זײַן טויט האָט ווירקלעך זיך אויסגעוויזן אומפֿאַרמײַדלעך אין דער נאָענטער צוקונפֿט צוליב זייער אָפּוואַרפֿן כירורגישע אינטערווענץ און אין ליכט פֿון אונדזער השערה, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ צווייזײַטיקער מוח-געשווילעכץ. מײַן וויסיקײַט פֿונעם הינטערגרונט פֿון יעקבס פּראָפּאָזיציע האָט מיר אָבער ניט געשטערט זי אונטערצושטיצן, ווײַל איך האָב אין איר באַשטעטיקונג געזען אַ גלענצנדע געלעגנהײַט פֿאַרן אָנפֿאַנגענדן נוירואָלאָג צו אָבסערווירן די טאָג-טעגלעכע אַנטוויקלונג פֿון אַ נערוון-נײַבילדונג אין איר קלינישן אַספּעקט.

ד"ר וואַכזאַם האָט געגעבן אָן שווערוויקײַטן איר הסכמה. זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן צופֿרידן מיט יעקבס ווילן צו העלפֿן ווי ווײַט מעגלעך דעם פּאַציענט דורך פּערזענלעכער באַהאַנדלונג בײַ יענעם אין שטוב. איך בין געווען אײַנגעגנעם פֿאַרוו‏ונדערט מיט דער באַשײַמפּערלעכער פֿאַרענדערונג פֿון איר באַציונג צו אונדזער יונגן קאָלעגע, פֿאַראורזאַכט דורך זײַן פֿרײַוויליקער גרייטקײַט צו נעמען אויף זיך די ניט לײַכטע פֿליכט.

אַזוי האָט אָנגעפֿאַנגען די ערשטע און לעצטע אָבסערוואַציע פֿון אַ פֿאַל באַאַרבעט מיט דער הילף פֿון מעדיצינישער ליטעראַטור דורך ד"ר יעקב פֿאַרב, וועלכער האָט אָבער זײַן שטודיום נישט פּובליקירט. ער איז געוואָרן רעדאַקטירט דורך ד"ר וואַכזאַם און רעפֿערירט דורך מיר אויף אַ נוירואָלאָגישער קאָנפֿערענץ אַלס אַ באַשרײַבונג פֿון אַ באַלערנדיקן בײַשפּיל פֿון אַן איינזײַטיקער אַקוסטישער נעוראָס, וועלכע האָט מיט איר קלינישער אויפֿפֿירונג אימיטירט אַ צווייזײַטיקע נײַבילדונג.

אין דער זעלבער צײַט, ווען דער פּאַטאָלאָגישער פּראָצעס האָט זיך אַנטוויקלט אינעם מוח פֿון יורי צימערמאַן, איז אַן אַנדער פּראָצעס, אַ פּסיכאָלאָגישעטישער, אָנגעגאַנגען אין דער מחשבה פֿון זײַן היילער.

אין קעגנזאַץ צו דער געניטער פֿרוי, וועלכע האָט אונטערגענומען די רעאַליזירונג פֿון איר פּלאַן צו פֿאַנגען דעם בחור, מיט דער פֿולער וויסיקײַט וועגן דעם וואָס זי טוט, האָט זיך איר פּאַרטנער ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון וווהין עס פֿירט אים די עראָטישע שפּיל, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט. ער האָט זיך געלאָזט טראָגן דורך די כפּאַליעס פֿון לײַדנשאַפֿט, ניט

זעענדיק (אָדער בעסער: ניט ווילנדיק זען) קיין סתירה צווישן איר און דער פּראָפעסיאָנעלער אויפגאבע, וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן. ער האָט ניט אָנער־קענט, אַז זיינע אינטימע באציונגען מיט דער "שיינער אומבאקאנטער" קאָנען ווירקן נעגאטיוו אויף זיין מעדיצינישער הילף פאר איר מאן. ער האָט געגלויבט, אַז זיין קערפּערלעכע ליבע מיטן פּאציענטס ווייב וועט ניט מינערן אפילו אויף א האָר זיין פאכמענערישע איבערגעגעבנקייט דעם קראנקן אליין. אַז דאָס איז געווען אוממעגלעך, האָט ער פארשטאנען ערשט שפּעטער, צו שפּעט.

וואָס האָט אים יאָ געקוועלט, איז געווען זיין באוווסטזיין, אַז ער פירט זיך אויף אומאנשטענדיק אלס דאָקטער; אַז ער קומט אין אינטימע מגע ומשא מיט א פרוי אונטער דער מאסקע פון אן "אונטערזוכונג". ער איז געווען צו שוואך אפּצוזאָגן זיך פון דער פרעכקייט, אָבער זי און נאָר זי איז געווען דער אָביעקט פון זיינע אליין-פאָרווורפן, ספּעציעל זינט ער האָט אויסגעפירט די "אונטערזוכונגען" אין זיין פּאציענטס וווינונג. צום סוף האָט ער באוויזן אוועקצושטעלן זיין קערפּערלעכע דערנענטערונג צו אַלגא צימערמאן אויף א ריינער באזע.

דאָס איז געשען אין איר סאלאָן, בעת איר מאן איז געשלאָפן אין בעט־צימער אונטער דער השפּעה פון בארוהיקונגס-מיטלען.

זי איז געליגן אויף דער סאָפע, אויפרייצנדיק אים מיט דער ווייסקייט פון איר טיילווייז אָפּגעדעקטן גוף און ריידנדיק צו אים פארפירעריש מיט איר ווייכער, הכנעהדיקער שטים. די "באטראכטונג", וועלכע האָט אָנגעפאנגען ווי געוויינלעך מיט דער אָפּהיטונג פון געוויסע כללים פון מעדיצינישער אָנשטענדיקייט, האָט זיך שנעל פארוואנדלט אין א כמעט פולקום ניט-מאסקירטע עראָטיק. פלוצעם האָט א שטראָם הייס בלוט א זעץ געטאָן אין יעקבס פּנים, ער האָט אראָפּגעריסן דעם סטעטאָסקאָפּ פון זיין האלדז און אים א שליידער געטאָן אויפן דיל.

"גענוג!" האָט ער אויסגערופן אין האלבן קול, כדי ניט אויפצוּוועקן דעם קראנקן. "איך וועל ניט מאכן קיין שפּאָט פון מיין בארוף. אָדער מעדי־צין, אָדער ליבע! ביידע צוזאמען איז אן אומפארשעמטקייט".

זי האָט א כאפּ געטאָן איר קלייד, עס אָנגעטאָן, צונויפגענומען די צע־זייטע טיילן פון איר אונטערוועש און פארוקט זיי אונטער די קישן. זי האָט

א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ כדי צו ברענגען אירע האָר אין פּראָוויזאָרישע אָרדענונג, זיך אראָפּגעגליטשט פֿון דער סאָפע און אריינגערוקט די פּיס אין א פּאָר שטעקלאטשן. זי האָט זיך דערנענטערט צום דאָקטער און אים ארומגערינגלט מיט די אָרעמס.

"ליבע", האָט זי געזאָגט. "ליבע, ניט מעדיצין. דאָס איז מיַין קראנקיַיט: איך האָב דיך ליב".

א לאנג דויערנדיקער קוש.

זי האָט אים אײדל אָפּגעשטופּט פֿון זיך, זיך דערנענטערט צום פֿענצטער און פֿאררוקט דעם פֿאָרהאנג. דערנאָך האָט זי אויסגעטאָן די שטעקשיך און ארויס אויף די שפּיצפינגער פֿון סאלאָן. זי האָט זיך אומגעקערט נאָך עטלעכע מינוט.

"כ'האָב אים פֿארשלאָסן", האָט זי אויסגעפּליסטערט מיט א שטיפֿערישן שמייכל. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך, אראָפּלאָזנדיק זיך צוזאמען מיט אים אויף די סאָפע. צווישן קושן און צערטלעכקיַיטן האָט זי זיך אים איבערגע-געבן, נעמענדיק אויף זיך אלס די עלטערע די איניציאטיוו פֿון זייער ערשטער באציונג. זי האָט אָבער איר אָנפּירערשאפֿט באלד אָנגעווארן, פֿארכאפּט פֿון זיַין שטורמישער ליַידנשאפֿט. ווען דער אקט האָט זיך פֿארענדיקט, איז זי געווען ניט ווינציקער דערשטוינט ווי פֿארשיכורט פֿון דעם איבערגעלעבטן תענוג. דורכגעדרונגען מיט א זיסער מידקיַיט, האָט זי אים ארומגענומען מיט איר בליק. די הכנעה אין זיַין אויסדרוק איז איצט געווען אויפֿריכטיק און דערי-בער מעסיקער ווי געוויינלעך. זי האָט געהאט דאָס געפֿיל, אז זי האָט געלערנט עפּעס וווּנדערבאר ניַיעס. אָבער דאָס, וואָס איז מיט איר געשען, איז פֿאקטיש געווען גאנץ פּשוט. די אזוי געניטע פֿרוי האָט געהאט דעם ערשטן אָרגאזם אין לעבן.

יורי איז געווען איר דריטער מאנספּארשוין. דער ערשטער, איר שול-חבר מיט עטלעכע יאָר עלטער פֿון איר, האָט איר נאָר פֿארשאפֿט ווייטיק, ווען ער האָט זי ברוטאל דעפֿלאָרירט אין עלטער פֿון פֿופֿצן יאָר. דער צווייטער האָט זי אויך ניט צופֿרידן געשטעלט. יורי איז געווען סעקסועל אומבאהאָלפֿן און אין גאנצן אָנגעוויסן אין איר. זי איז אים געווען אומגעטריַי, ווײַל וואָס ער האָט געוווּסט און וואָס ער האָט אייגנטלעך בארעכטיקט. כמעט אלע מענער, מיט

וועלכע זי איז געקומען אין אינטימען קאָנטאַקט, האָבן זי אַנטוישט. זי האָט געהאַט צייַטן פֿון אמתער נימפֿאָמאַניע, ווען זי האָט אומזיסט געגאַרט נאָך פֿולער סאַטיספֿאַקציע. ערשט איצט איז זי צו דעם זוכה געוואָרן א דאַנק יעקבן.

"ווי זאָל איך דיך רופֿן?" אירע טונקעלע אויגן זענען געווען פֿאַרדעקט מיט א שיכטל מאַטע פֿליסיקייט. "יעקב? ניין, יאַשא. יאַשאַ!" זי האָט זיך צו-געפּרעסט צו זייַן ברוסט.

פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם צווייטן.

"איך מוז אויפֿשליסן די טיר פֿון זייַן צימער. אַך, ער!..."

יעקב האָט זיך אויסגעגלייַכט. "ער איז מייַן פּאַציענט", האָט ער קאַלט געזאָגט.

זי האָט א פֿאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

"איך ווייס. און איך שעץ דיך נאָך העכער און ליב דיך נאָך מער פֿאַר דייַן איבערגעגעבנקייַט דייַן פֿליכט".

איר קול האָט אים ניט איבערצייַגט אין איר אויפֿריכטיקייַט.

"איך מוז שוין גיין", האָט ער דערקלערט.

"איז נאָך א קוש... איצט גיי. און מאָרגן קומסטו דאָך ווידער!"

10

די טאָג-טעגלעכע באַציונגען מיט אַלגאַן נאָענט צו דעם קראַנקנס צימער האָבן ניט געקאָנט סוף כל סוף אויסמייַדן יעקבס אַליין-קריטיק, ניט געקוקט אויף זייַן אייַנגערעדטע איבערצייַגונג, אַז זייַן ליבע-אַפֿערע מיטן קראַנקנס ווייַב וועט אים ניט שטערן אין אויספֿילן זייַנע פֿליכטן לגבי דעם קראַנקן אַליין. אין זייַנע פּשרות מיט זייַן געוויסן איז ער אפֿילו דערגאַנגען אַזוי ווייַט,אַז ער האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אַלגאַס אומגעטרייַשאַפֿט פֿאַר איר מאַן אַלס א פֿאַרזיכערונג פֿאַר דעם פֿאַרראַטענעם פֿון א קאָמפּעמסאַציע אין דער פֿאָרם פֿון א נאָך בעסערער מעדיצינישער באַהאַנדלונג... קיין שום אַרגומענטאַציע פֿון

דעם סאָרט געווענדט צו זײַן סופער-עגאָ האָט אָבער ניט באַוויזן אונטערצו-דריקן די פֿאַראורטיילונג פֿון זײַן אייגענער אויפֿפֿירונג, וועלכע ער האָט געמוזט-צי ער האָט עס יאָ געוואָלט, צי נישט - באַטראַכטן אַלס אומאַנשטענדיק.

ווען אַ דריטע פּערזאָן דרינגט אַרײַן אין צוזאַמענלעבן פֿון אַ פּאָרפֿאָלק, איז די נאַטירלעכע ליידזונג פֿונעם פּראָבלעם אַ גט. אין דעם געגעבענעם פֿאַל האָט אָט די ליידזונג ניט געקאָנט גענומען ווערן אין באַטראַכט צוליב יוריס געפֿערלעכער קרענק, וואָס האָט אים געמאַכט אָפּהענגיק פֿון זײַן ווײַבס כסדר-דיקער הילף. די לאַגע פֿונעם "דרײַעק" איז נאָך שווערער געוואָרן דערמיט, וואָס די פֿאַרליבטע האָבן זיך ניט געקאָנט דערוווײַטערן פֿונעם אָפּגעזונדערטן מאַן (צום בײַשפּיל אין יעקבס צימער, וועלכן ער האָט פֿאַרנומען אַלס סובלאָקאַטאָר), כדי לכל הפחות ניט אָנגיין מיט זייער ליבע-שפּיל אין זײַן זייטקײַט אין דער זעלבער דירה; זיי האָבן אים ניט געטאָרט לאָזן אַליין.

פֿאַרבס פֿאַרברענגען טעגלעך שעהען אין דעם פּאָרפֿאָלקס וווינונג איז גע-ווען באַרעכטיקט אין די אויגן פֿון די שכנים דורך דער מעדיצינישער הילף, וועלכע ער האָט דאָרט געגעבן; עס איז דעריבער ניט געווען באַטראַכט אַלס אַ באַליידיקונג פֿון דער עפֿנטלעכער מאָראַל. דאָס הייסט ניט, אַז עס האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין פֿאַרדאַכט. ווען די אומשטענדן פֿון צימערמאַנס טויט האָבן גורם געווען אַ פּאָליציייִשע אויספֿאָרשונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שכנים האָבן געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דעם "דרײַעק". ביז דער קאַ-טאַסטראָפֿע האָבן זיי אָבער געשוויגן. אַזאַ אויפֿפֿירונג פֿון דער "עפֿנטלעכער מיינונג" - צו וויסן און ניט רעאַגירן ביז אַ געוויסן מאָמענט - איז אַן אָפֿטע דערשײַנונג. די באַציונג פֿון דער געזעלשאַפֿט צו דער זעלבער עבֿרה איז פֿאַרשיידן אָפּהענגענדיק פֿון דער סאָציאַלער פּאָזיציע פֿונעם בעל-עבֿרה און אויך פֿון אַנדערע אומשטענדן.

יעקב האָט געוווּסט, אַז דאָס אָפּהיטן דעם שווער קראַנקן מאַן פֿון אַ געפֿאַר גאַראַנטירט אין אַ באַטײַטנדער מאָס די שכנימס סלחנות לגבי זײַן טאָג-טעגלעך פֿאַרברענגען צוזאַמען מיטן פּאָרפֿאָלק. ער האָט אָבער געפֿילט, אַז כדי צו נייטראַליזירן זײַן אינטימקײַט מיט דער פֿרוי לוינט אים צו מאַכן וויינקער פֿאָרמעל אויך זײַן באַציונג צו דעם קראַנקן מאַן, - מאַכן זי מער היימיש. גע-האָלפֿן האָט אים אין דעם צימערמאַנס אײַנגעבוירענע פֿרײַנדלעכקײַט.

דאָס פּאַרפֿאַלק האָט ביז ניט לאַנג פֿאַרמאָגט א סטאַבילן קרײַז פֿון פֿרײַנט און באַקאַנטע. און אויב די צימערמאַנס האָבן לעצטנס געלעבט אין א געוויסער געזעלשאַפֿטלעכער איזאָלאַציע, איז עס געווען צוליב יוריס פּראָגרעסירנדער חולאת: פֿרוי צימערמאַן האָט ניט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן וויסן וועגן איר אומגליק. פֿאַרבס כוונה איז אַלזאָ באַשטאַנען אין מאַכן אויף א זעלטענעם גאַסט און אויך אויף אן א מאָל אַרײַנקומענדיקן שכן דעם אײַנדרוק פֿון א פֿאַמיליען פֿרײַנד.

די הויפּט-טעמע פֿון די געשפּרעכן צווישן דעם דאָקטער און זײַן פּאַציענט בײַם טיש (ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט א מנהג, אַז פֿאַרב האָט געגעסן מיטאָג מיטן פּאַרפֿאַלק יעדן טאָג) איז געווען מוזיק. וועגן יעקבן, וועלכער האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין פֿאָרמעלע מוזיקאַלישע אויסשולונג און אויך ניט געשפּילט אויף קיין שום אינסטרומענט, וואָלט מען געקאָנט פּשוט זאָגן, אַז ער איז געווען א מוזיק-ליבהאָבער, ווען ניט זײַן אָריגינעלער צוגאַנג צו דער דאָזיקער קונסט. ער האָט געהאַלטן, אַז די אידעע פֿון א מוזיקאַליש ווערק ווערט געשאַפֿן ניט נאָר דורכן קאָמפּאָזיטאָר נאָר אויך דורכן צוהערער אין אײַנשטים מיט דער שטימונג, וואָס די שאַפֿונג דערוועקט אין אים. פֿון דעם איז געדרונגען, אַז קיין שום מוזיקאַליש ווערק איז ניט איינדײַטיק אין זײַן קינסטלערישער אידעע, א זאַך וועלכע קאָן זײַן דערקלערט דורך דעם פֿאַקט, אַז דער אויסדרוק-מיטל פֿון מוזיק, איר "שפּראַך", איז אויך ניט איינדײַטיק. לויט יעקבס טעאָריע, פֿאַרמאָגט יעדע קונסט אויסער מוזיק איר אייגענע רעאַליטעט-שפּראַך, צו וועלכער זי איז אָבער ניט באַגרענעצט. ווען זי טרעט איבער די גרענעצן פֿון איר רעאַלן אויסדרוק-מיטל, איז זי אַבסאָלוט. מוזיק אָבער איז שטענדיק אַבסאָלוט. דעריבער, פּונקט אַזוי ווי עס איז אומזיניק צו "אַנטפּלעקן די איינדײַטיקע אידעע" פֿון אן אַבסטראַקט בילד אָדער סקולפּטור, איז אויך ניט ריכטיק צו פֿאָרמולירן די איינדײַטיקע אידעע פֿון א וועלכן עס זאָל ניט זײַן מוזיקאַלישן ווערק. יעדער צוהערער שאַפֿט די אידעע פֿון א קאָמפּאָזיציע פֿאַר זיך אַליין.

איך בין ניט באַרופֿן צו אורטיילן וועגן דער ריכטיקײַט פֿון אָט דער טעאָריע, איך ווייס אויך ניט, צי זי האָט טאַקע געהערט צו יעקבן. ער פֿלעגט מיט מיר ריידן וועגן איר אַזוי, ווי ער פֿלעגט אויך ריידן וועגן זײַנע מעדיצינישע טעאָריעס - אויף א פּערזענלעכן, אינטימען, לײַדנשאַפֿטלעכן אופֿן. ער איז ווײַזט אויס געווען טיף אנגאַזשירט אין זײַן באַציונג צו מוזיק,

און דאָס איז מסתמא געווען די סיבה, וואָס בעת זײַן ערשטער אונטערזוכונג פֿון יורי צימערמאַן האָט ער באַקומען אַן אומאײַנגענעמען אײַנדרוק וועגן דעם פּאַציענטס צוגאַנג צו דער קונסט, באַנעמענדיק אים אַלס כּלומרשט פֿאַכמענעריש.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מוזיק איז טאַקע דעם קראַנקנס פּראָפֿע-סיע, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט אים פֿאַלש דיאַגנאָסטיצירט ניט נאָר אין שײַכות צו זײַן קראַנקײַט, נאָר אויך בנוגע זײַן כאַראַקטער. פֿון דעסטוועגן בעת זייערע געשפּרעכן אין דער בײַזײַיקײַט פֿון אַלגאַן פֿלעגט ער דיסקוטירן מיט אים אויף מוזיק-טעמעס, פֿאַרמולירנדיק פֿעסטשטעלונגען וועגן סימפֿאָניעס און סאָנאַטעס אויף דעם זעלבן קאַטעגאָרישן שטייגער, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זײַנע שמועסן מיט מיר בנוגע מעדיצין.

ווען ער האָט צום ערשטן מאָל פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דעם פּאַציענט זײַן מוזי-קאָלאָגישע טעאָריע, האָט זי יענער אויפֿגענומען מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן שמעוודיקן שמייכל. ער האָט זיך באַמיט צו געבן דעם יונגן דאָקטער צו פֿאַר-שטיין, אַז דאָס צוטיילן דורכן צוהערער אַ ליטעראַרישן אָדער מאָלערישן הינטערגרונט אַ מוזיקאַלישער שאַפֿונג הייסט פֿאַרשמאָלן די ראַמען פֿון מוזיק, וואָס פּראָדוצירט, נאָך אַלעם, סײַ פּראָגראַמאַטישע, סײַ אַבסטראַקטע ווערק. איבעריקנס, קען דעם צוהערערס אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ געגעבענער קאָמפּאָזיציע שטיין אין שאַרפֿער סתירה צו דעם קאָמפּאָזיטאָרס באַציונג צו זײַן אייגענער שאַפֿונג.

"דאָס גייט מיך ניט אָן!" האָט פֿאַרב אויסגערופֿן. "פֿאַר מיר זענען וויכטיק מײַנע אייגענע געפֿילן אַרויסגערופֿן דורך דאָס מוזיקאַליש ווערק, און ניט די געפֿילן פֿון זײַן שעפֿער. ווען דער קאָמפּאָזיטאָר האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן שאַפֿונג, געהערט זי צו אַלעמען; זײַענדיק די פֿאַרקערפּערונג פֿון זײַן קינסטלערישער אידעע, איז זי פֿעיק אַרויסצורופֿן בײַם צוהערער זײַן אייגענע אידעע אין דער פֿאָרם פֿון אַ ליטעראַרישע, מאָלערישע אָדער פֿילאָסאָפֿישע פֿאַר-שטעלונג אָדער געדאַנק. איך גיב זיך, פֿאַרשטייט זיך, אָפּ אַ דין וחשבון, אַז מײַן באַציונג צו מוזיק איז אַ סוביעקטיווע, אָבער לויט מײַן מיינונג איז דער סוביעקטיווער צוגאַנג צו קונסט טאַקע דער ריכטיקער".

צימערמאַן האָט געשמייכלט אומדרייסט און צוריקגעהאַלטן און זײַנע ליפּן האָבן דערבײַ לײַכט געציטערט, ווײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז זײַן אינטער-לאָקוטאָר קען אַ מאָל פֿאַרשטיין זײַן שמייכל אַלס אַן אויסדרוק פֿון ביטול.

מײַן גאָט! ווי שווער האָט עס געמוזט זײַן פֿאר דעם אָרעמען אינוואליד צו היטן זיך פֿון גורם זײַן אומאײַנגענעמלעכקײַט זײַן היילער דורך באניצן זיך מיט פֿאכמענערישער טערמינאָלאָגיע צו וועלכער ער איז געוווינט, אָבער וועלכע זײַן קעגנער אין דער דיסקוסיע וואָלט אפֿשר ניט פֿארשטאנען צוליב מאנגל אין מוזיקאָלאָגישער אויסבילדונג.

מיט דער צײַט, ווען זײַן קראנקײַט האָט פּראָגרעסירט, האָט צימערמאן געמוזט אלץ מער זיך אָנשטרענגען, כדי ריכטיק ארויסזאָגן א זאץ, וועלכן ער האָט צוגעגרייט אין געדאנק. צײַטנווײַז איז ער גאָר ניט פֿעיק געווען צו ארטיקולירן געהעריק א וואָרט, וואָס ער האָט געוואָלט ארויסברענגען פֿון מויל. און דערצו האָט ער אפֿילו אויף איין מאָמענט ניט געקאָנט פֿארגעסן, אז זײַן אָפּאָנענט איז יונג, געזונט און באשאָנקען מיט זײַן, צימערמאנס, ווײַבס ליבע. ער האָט געוווּסט דערפֿון; ער האָט אפֿילו געוווּסט, אז ער ווערט אָפּגעשלאָסן יעדעס מאָל, ווען זיי גרייטן זיך צו דעם אינטימען אקט אויף דער סאָפֿע אין סאלאָן אנטקעגנאיבער זײַן פֿאָרטעפּיאן. אמת, ער איז שוין פֿון לאנג געוווינט געווען צו זײַן פֿרויס אומגעטרײַשאפֿט, אָבער זי האָט אים נאָך קיין מאָל ניט פֿארראטן אזוי אָפֿן, אין זייער וווינונג ווען ער האָט זיך דאָרט געפֿונען און אין אזא שרעקלעכער לאגע ווי די, אין וועלכער ער איז איצט געווען פֿארזונקען, זײַענדיק כסדר אָנגעוויזן אָן דער הילף פֿון די, וואָס האָבן אים דערנידעריקט. אין זײַן מאָראלער פּײַן האָט ער געגארט נאָך דעם לײַכסטן צייכן פֿון סימפּאטיע מצד זײַן ווײַב און געוועזענער שילערין. ער האָט דערווארט זי זאָל אים א מאָל אונטערשטיצן אין א דיסקוסיע מיט זײַן זיגרײַכן קאָנקורענט אויף א טעמע, וואָס האָט דאָך געהערט צו זײַן, יוריס, בארוף. זי האָט אָבער ניט געזען קיין סיבה דאָס צו טאָן. פֿארקערט, זי האָט ליבערשט פֿארנומען א שטאנד קעגן איר געהאסטן לעבנס-באגלייטער, באנוצנדיק זיך מיט איר אייגענע מאָגערע קענטעניש פֿון מוזיק-טעאָריע, כדי אים צו באקעמפֿן צוזאמען מיט איר "יאשא".

יעקב האָט באטראכט אָלגאס אויפֿפֿירונג און זיך געפֿילט פֿארשעמט. ער האָט זי פֿאראורטיילט, אָבער אויך באשולדיקט זיך אליין פֿאר זײַן שארפֿן טאָן אין א וויכוח מיט זײַן פּאציענט. "איך באקעמף א באקעמפֿטן", האָט ער זיך געמאכט ביטערע פֿאָרוווּרפֿן. "איך בין ברוטאל לגבי אן אינוואליד". אָבער שוין אויף צו מאָרגנס נאָך אזא צוטריט פֿון חרטה, זיצנדיק אנטקעגנאיבער דעם שוואכלינג, וועלכער האָט מיט שווערקײַט ארויסגעזאָגט זײַנע מיינונגען, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּהאלטן פֿון אָנגרײַפֿן אים פֿון דאָס נײַ.

אין תוך איז צימערמאן ניט געווען אזא אומבאהאָלפֿענער דיסקוטאנט, ווי ס'האָט זיך יעקבן געדאכט. זײַנע ארגומענטן, כאָטש פֿארנעפּלט צוליב זײַן שווערער אויסשפּראך, איז צומאָל שווער געווען אָפּצושטויסן. ס'האָט אויך געטראָפֿן, אז דער דאָקטער האָט לכתחילה ניט באנומען געהעריק זייער מיין, וועלכער איז ערשט שפּעטער דערגאנגען צו זײַן באוווּסטזײַן. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אז שוין ליגנדיק אין בעט אין זײַן וווינונג האָט ער זיך פּלוצעם אָריענטירט, אז בשעת דעם לעצטן וויכוח האָט ער "באקומען א קלאפּ"... אָבער אין מיטן ברען פֿון דער דיסקוסיע, אויפֿגערייצט דורך אַלגאס בײַזײַן און איבערגענומען מיט זײַן אייגענער בארעדעוודיקײַט, האָט ער "געלעקט די ליפּן" פֿון זײַנע כלומרשטע ווערטלעכע נצחונות.

נאָכן מיטאָג פֿלעגט דער קראנקער אײַננעמען א תרופה און זיך לייגן אין בעט, בעת זײַן ווײַב און זײַן היילער זענען אריבערגעגאנגען אין סאלאָן, כדי "זיך נאָך א ביסל אונטערהאלטן". געפֿינענדיק זיך אָפּגעזונדערט, האָבן זיי זיך פֿון אָנפֿאנג פֿארהאלטן מיט רעזערוו, באגנוגנענדיק זיך מיט קושן און צערטלעכקײַטן. אויפֿגערייצט דורכן עראָטישן פּרעלוד, האָבן זיי נאָך אָפּגעוואַרט אומגעדולדיק צען מינוט. דערנאָך האָט אַלגא אויסגעטאָן די לאטשן, אוועקגעגאנגען אויף די שפּיצפֿינגער צום שלאָפֿצימער און אים פֿארשלאָסן. זי האָט זיך מיט א פֿריילעכן שמייכל אויף די ליפּן און מיט שײַנענדיקע אויגן אומגעקערט אין דעם פֿארטונקלטן סאלאָן און זיך פֿאראייניקט מיט איר געליבטן.

זייער לײַדנשאפֿט האָט זיך פֿארשטארקט און געוואָרן דערפֿינדעריש. ער איז אָנגעגאנגען מיט זײַן איניציאטיוו אין זייערע באציונגען, אָבער געלאָזט זיך פֿון איר לערנען ראפֿינירטקײַט אין ליבע. דאָס האָט זי אים דערמוטיקט צו זײַן דרייסט אין זײַן אינטימען צוזאמענהאנג מיט איר און זיך שטופּנווײַז באפֿרײַען פֿון אלע העמונגען. א דאנק איר האָט ער דערקענט דעם פֿארכאפּנדיקן טעם פֿון דאָמינאנץ איבער איר, זײַן עראָטישן אָביעקט, און פֿון זעטיקן זײַן סעקסועלע אויסגאַרטלונג. בײַ יעדן צוזאמענקום זייערן האָט ער זי פֿון דאָס נײַ באהערשט און דערנאָך אָפּגעצאָלט פֿאר איר אונטערטעניקײַט מיט א זיסער באפֿרײַונג פֿון איר מאטערנדיקער שפּאנונג. יעדעס מאָל האָט זיך דער אקט פֿארענדיקט מיט א שטורמישן אויסלייז פֿון איר אָנגעשטרענגטן באגער, איבערלאָזנדיק זי א געזעטיקטע מיט גליק, א דערשעפּטע און דרעמלענדיקע.

דעמאָלט האָט ער זי פֿאַרלאָזט. ער פֿלעגט אוועקגיין אומבאַמערקטערהייט, אָן א געזעגענונג, כדי ניט צו צעשטערן איר נירוואַנעשע רו. ס'איז גלייך געווען ער זאָל אזוי פֿאַרשווינדן אין שטילקייט; א פויזע איז געווען נויטיק צווישן דער תאווהדיקער פֿאַראייניקונג פֿון באַהערשער און באַהערשטע און דער צו מאָרגנס ווידער אָנגעקניפּטער אינטימער גוטפֿרײַנדשאַפֿט פֿון צוויי פֿרײַע פערזאָנען.

11

די דאזיקע צוויי דערשײַנונגען - די כסדרדיקע פֿרײַנדשאַפֿט פון צוויי פֿאַרליבטע און די טאָג-טעגלעכע פאסיאָנירטע ליבע-שפּיל - האָבן געדאַרפֿט ווערן אָפּגעטיילט, כדי עפּעס פֿון דער באַציונג צווישן דעם "האַר" און זיין "שקלאַ-פֿין" זאָל ניט אַרײַנדרינגען אין די רעאַליטעט פֿון זייער צוזאַמענלעבן. אזוי האָט געדאַרפֿט זײַן, ס'איז אָבער אזוי ניט געווען. יעקבס געשלעכטלעכע דאָמינאַנץ איבער אָלגאַן האָט זיך אומבאַמערקטערהייט צעשפּרייט איבער זייער גאַנצע פֿאַרבינדונג. ס'איז אַנטרונען פֿון זײַן אויפֿמערק די איבערגאַנגס-צײַט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו באַניצן א טאָן פֿון העכערקײַט אין זייערע געשפּרעכן, און דערנאָך אלץ אָפֿטער זיך דערלויבט צו מאכן איר שאַרפֿע באַמער-קונגען און פֿאַרווּרפֿן און אפילו זי זידלען.

זײַנע אויסבראָכן פֿון כעס קעגן איר זענען פֿאָרגעקומען אלץ אָפֿטער צוליב זײַן וואַקסנדיקער איררִיטאַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פֿאַרשלעפּטן צושטאַנד פֿונעם "דרײַעק", וועלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן אים און דעם פאַרפֿאַלק. דאָס שווער דערטרעגלעך געפֿיל פֿון זײַן אומאַנשטענדיקער ראָל אין דעם "דרײַעק" האָט גאָרניט געהאט צו טאָן מיט זײַן מיינונג איבער גע-שלעכטלעכער אומגעטרײַשאַפט בכלל. אין דער שײַכות איז ער געווען ווײַט פֿון פוריטאַניזם. אין די געגעבענע אומשטענדן וואָלט ער ניט פֿאַראורטיילט אָלגאַן פֿאַר איר פֿאַרראַט, אויב זי וואָלט צו דעם ניט צוגעגעבן א כמעט אָפֿענע שׂינאה צום אָפּגענאַרטן מאַן. ער האָט דאָך געוווּסט, אז זייער פֿאַרבאַנד אלס פאַרפֿאָלק איז זײַט לאַנג שוין געווען נאָר א פֿאָרמעלער. אין א סיטואַציע ווי די, ווו א גט איז געווען אויסגעשלאָסן און דער קראַנקער האָט שלום געמאַכט מיט זײַן פֿרויס אויפֿפֿירונג, וואָלט אָלגא, אין יעקבס באַגריף, געווען באַרעכטיקט זיך איבערצוגעבן יעדערן, וועמען זי וואָלט געוואָלט - און יעדערער וואָלט געהאט דאָס רעכט צו געניסן דערפֿון; יעדערער, נאָר ניט ער. ווײַל אין דעם פֿאַקט,

וואָס ער, איר געליבטער, איז גלײַכצײַטיק געווען איר מאנס היילער, האָט געשטעקט אן אנדערער, באזונדערס מיאוסער פֿארראט - דער פֿארראט פֿון דער גע-הויבנקײַט פֿון מעדיצין, פּראָפֿאנאציע פֿון איר ריינקײַט. וואָלט ער ניט געווען א דאָקטער, וואָלט זײַן אומגעדולדיק ווארטן אויף יוריס טויט אפֿשר געווען פֿארגעבבאר אלס א באגער פֿון דער איינציקער מעגלעכקײַט פֿון א פֿאר-אייניקונג מיט אָלגאו, וואָס וואָלט ניט באליידיקט די עפֿנטלעכע מאָראל און קיינעם ניט אויפֿגערייצט. אָבער אלס דאָקטער האָט ער זיך דאָס ניט געקאָנט מוחל זײַן.

צי איז טאקע צימערמאנס צושטאנד געווען האָפֿנונגסלאָז? טעאָרעטיש, איז קיין שום קראנקײַט ניט האָפֿנונגסלאָז. פֿארבן זענען פֿון דער געשיכטע פֿון מעדיצין באקאנט געווען פֿאלן, ווו. קראנקע מענטשן אויסדוכטלעך פֿארמשפטע צום טויט זענען געראטעוועט געוואָרן א דאנק א נײַ דערפֿונדענעם מעדיקאמענט אָדער אָפּעראציע. אקטיווע און פאסיווע אימוניזאציע קעגן שרעקלעכע קרענק, פעניצילין און אנדערע אנטיביאָטישע מיטלען, טראנספלאנטאציע פֿון אינערלעכע אברים, דאָס זענען געווען די "ניסים" פֿון דער וויסנשאפֿט, וועלכע שטעלן מיט זיך, אגב, פֿאָר דעם שטארקסטן ארגומענט קעגן אויטאנאזיע.

צימערמאן האָט געליטן פֿון א געשווילעכץ אין א ווײַט אנטוויקלטער סטאדיע, אין וועלכער כירורגישע אינטערווענץ איז שוין ניט געווען אָננעמ-באר. אָבער אין טויזנטער לאבאָראטאָריעס איבער דער גאנצער וועלט האָבן לעגיאָנען געלערנטע פֿיבערהאפֿטיק געארבעט פֿאר דער דערפֿינדונג פֿון א פֿאר-מאקאָלאָגישן מיטל קעגן דער שרעקלעכער קרענק. איז עס דען געווען אוממעג-לעך, אז ער זאָל זײַן איינער פֿון די ערשטע געראטעוועטע א דאנק דער דערפֿינ-דונג פֿון אזא מיטל? ס'האָט זיך געהאנדלט אין זײַן וויטאלן אויסדויער אין דערוואַרטונג אויף דער רעטונג, וואָס וועט אפֿשר קומען. אָבער לײַדער האָט זיך זײַן דאָקטער פֿארליבט אין זײַן ווײַב און דעריבער, אַנשטאָט צו ברעכן זיך דעם קאָפּ, ווי אים צו דערהאלטן בײַם לעבן, האָט ער גאָר קעגן זײַן איי-גענעם ווילן געטרוימט וועגן זײַן טויט. א שווערע לאגע און א געפֿערלעכע, געפֿערלעך, פֿארשטייט זיך, קודם כל פֿארן קראנקן. א דאָקטער מוז ניט דווקא ליב האָבן זײַן פאציענט. אָבער אויב ער האָט אים פֿײַנט, איז בעסער אז זײַן באהאנדלונג זאָל איבערנעמען אן אנדערער.

ווען יעקבס מאָראלן פּראָבלעם האָט אַלגאַ ניט געהאט דעם מינדסטן באַ-גריף. אָבער זי אליין האָט זיך ניט אויסבאַהאלטן פֿאַר איר געליבטן מיט איר אומגעדולדיקן ווארטן אויף איר מאנס טויט. יעקב האָט אויף דעם שטורמיש רעאַגירט. ס'איז געווען פֿאַר אים א גוטע געלעגנהייט איבערצוטראָגן זיין פֿארביטערטקייט קעגן זיך אליין אויף זיין "שקלאַפֿין". דאָס האָט זי גע-צווּנגען צו באַגרענעצן איר אויפֿריכטיקייט אין אויסדריקן איר באַגער; זי איז אָבער צייטנווייז פּשוט ניט געווען אין שטאַנד אים צו באַהאלטן, באַזונ-דערס, ווען זי האָט געמוזט באַדינען דעם קראַנקן. יעקבס כעס איז געווען געווענדט ניט נאָר קעגן איר, נאָר, איראַציאָנעל, אויך קעגן יורין אליין.

...זיי זענען געזעסן אין דריטן ביים טיש אין עסצימער נאָכן מיטאָג, ווי געוויינלעך שמועסנדיק וועגן מוזיק. דאָס מאָל איז די טעמע געווען טשאַיקאָווסקיס זעקסטע סימפֿאָניע, די אַזוי גערופֿענע "פּאַטעטישע". צימערמאַנס צושטאַנד האָט זיך לעצטנס באַדייטיק פֿארערגערט: דער געהער און די ראיה זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט, דאָס מויל האָט זיך פֿון צייט צו צייט ספּאַזמאַטיש פֿאַר-קרומט, ער האָט כמעט אומאויפֿהערלעך געליטן פֿון קאָפּ-ווייטאָג און די אַנאַל-געטישע מיטלען האָבן אים ווינציק וואָס געהאָלפֿן. דאָך איז זיין אינטעלעק-טועלע קראַפֿט פֿארבליבן ניט געמינערט, ס'האָט זיך אויך ניט געענדערט זיין איינגעבוירענע איידלקייט.

"יאָ, דאָ זענט איר גע...רעכט", האָט ער געענטפֿערט אויפֿן דאָקטערס לעצטע ווערטער מיט זיין פֿארווישטן, זיך פֿארהאַקנדיקן קול. "די 'פּאַטעטישע' איז ווירקלעך א פּראָגראַ...מאַטישע קאָמפּאָזיציע. טשאַיקאָווסקי האָט לכת...חילה געוואָלט זי אַפֿילו א נאָמען געבן 'פּראָגראַמאַטישע סימפֿאָניע', נאָר דערנאָך געטוישט זיין באַשלוס. פֿון דעסט...וועגן ליגט איר ווערט ניט אין איר אינ-האַלט, אין דעם וואָס זי איז, ווי איר באַנעמט עס, יא מוזי...קאַלישע פֿאַרשטע...לונג פֿון א 'פּערזענ...לעכן פּיינ...לעכן פּראָבלעם'..." אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן, אלס אויסדרוק פֿון התנצלות, א שמייכל, וועלכער האָט גורם געווען א נאָך גרעסערע פֿארקרומונג פֿונעם מויל און אן אויספֿלוס פֿון דינער שפּייעכץ פֿון צווישן די ליפּן. "איר גרויס...קייט ליגט אין איר פֿאָרם וועלכע..."

"פֿאָרם?" האָט דער דאָקטער איבערגעריסן. "קיין שום אנדער ווערק טשאַי-קאָווסקיס איז ניט אַזוי רויִ ווי די 'פּאַטעטישע'. אין דער קאָמפּאָזיציע האָט

זיך דער קינסטלער ענדלעך באפרײַט פֿון זײַן בײַיגונג צו אויסערלעכער שײנקײַט, וועלכע האָט אראפגערידריגט ניט איין שאפֿונג זײַנע. אין דער סימפֿאָניע האָט ער אָנגעהויבן, כמעט ווי בעטהאָווען, צו ריידן - וועגן דעם וואָס דריקט אים, וועגן זײַן אינערלעכער קללה, פֿון וועלכער ער קאָן זיך ניט באפֿרײַען, ווײַל ער איז צו איר לײַדנשאפֿטלעך צוגעבונדן, און דאָס וואָס איז אין איר פֿאַר אנדערע מענטשן העסלעך, איז פּרעכטיק פֿאַר אים אליין. אין דעם באשטייט דאָך זײַן טראגעדיע: ווי קאָן ער אוועקגיין פֿון זײַן זינד, אויב ער איז אין איר פֿארליבט! אָט וואָס ער דערציילט, אויף וואָס ער קלאָגט אין זײַן סימפֿאָניע. אמת, איר וועט ניט געפֿינען אין איר די וווּלגארע, נאטוראליסטישע 'פּראָגראם-מוזיק' פֿון א ריכארד שטראוס אָדער סען-סאענס. טשאיקאָווסקי אין דער סימפֿאָניע שפּילט ניט און זינגט ניט, אין איר דער-ציילט ער און קלאָגט אויף זײַן גורל, איז זיך מתוודה פֿון זײַן חטא, וועלכן ער האָט ענדלעך אָנערקענט. די אָנערקענונג פֿון דער באגאנגענער עבֿרה איז פֿאַרגעזאָגט שוין אין סאמען אָנהויב פֿון דער שאפֿונג, אָבער איר ווייטיקדיקע געשיכטע אנטוויקלט זיך איבערן גאנצן געבוי אירן ביז צו דער שטערבלעכער פֿארשטומטקײַט, מיט וועלכער זי ווערט פֿארענדיקט. דער קולמינאציע-פּונקט פֿון דער מוזיקאלישער מעדיטאציע געפֿינט זיך אין דעם טייל פֿון דער סימ-פֿאָניע, וועלכער שטעלט פֿאָר דעם קאָמפּאָזיטאָרס אכזריותדיקע אנטוישונג, ווען ער באנעמט פּלוצעם, אז דאָס, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן א הימלישער באלעט, איז אין דער אמתן א טײַוולאָנישער טאנץ..." יעקב האָט, צוליב מאנגל אין אָטעם, איבערגעריסן זײַן ווערטער-שטראָם און א געדאנק האָט אויפֿגעבליצט אין זײַן מוח: וואָס איז מיט אים? פֿארוואָס איז ער אזוי פֿארכאפּט געוואָרן פֿון דער טעמע? איז דאָס, וואָס ער האָט גערעדט וועגן דער "פּאטעטישער סימ-פֿאָניע", נוגע נאָר דעם פּיינלעכן פּערזענלעכן פּראָבלעם פֿונעם גרויסן קאָמפּאָ-זיטאָר? האָט עס ניט א שײַכות צו דעם אינערלעכן דראנג פֿון יעדן בעל-עבֿרה זיך מתוודה צו זײַן?...

צימערמאן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

"זיי...ער שיין", האָט ער געזאָגט מיט וואקסענדער שווערקײַט. "דאָס וואָס איר האָט גע...זאָגט וועגן דעם קאָמפּאָ...זיטאָרס אנ...טוישונג איז אין הס...כם מיט דער אָפּי...ציעלער קרי...טיק; ס'איז בא...מת אָנגע...נו...מען צו אינטער...פּרע...טירן יענעם פֿראג...מענט אלס א מוזי...קאלישע פֿאָר... שטע...לונג פֿון א שדים-טאנץ".

יעקב איז בלאס געוואָרן. "אָפּיציעלע קריטיק?" האָט ער איבערגעחזרט. "איך האָב קיין שום קריטיק ניט געלייענט און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט..." "דאָס וואָס ד"ר פּארב זאָגט איז זיכער ניט קיין איבערחזרונג נאָך אנדערע", האָט זיך אָלגא אריינגעמישט מיט א גיפּטיקער אָנצוגעהערעניש. "ער האָט גארניט צו טאָן מיט אָפּיציעלער אָדער ניט-אָפּיציעלער קריטיק, ער איז א דאָקטער, ניט א מוזיקאָלאָג. ער האָט פּשוט אויסגעדרוקט זיין אייגענע מיינונג וועגן דער 'פּאטעטישער סימפּאָניע' - א מיינונג וואָס קלינגט באמת זייער אינטערעסאנט".

"געוויס, מיין טייַ...ערע". דער פּאציענט האָט געשטאמלט און, פּילנדיק ווי צוליב זיין געניייטן שמייכל האָט זיך זיין מויל ווידער אויסגעקרומט, האָט ער עס פֿארשטעלט מיט דעם פּלאך פֿון זיין רעכטער האנט. "און אויב אפּילו יאָ גע...לייענט א קריטי...טיק, טאָ איז עס דען א פֿאר...ברע...כן? כ'האָב נאָר גע...וואָלט, כ'האָב גע...וואָלט..." טראָפּנס שווייס האָבן זיך באוויזן אויף זיין שטערן און ער האָט אָפּגעהאקט אין מיטן דעם זאץ.

(אין דעם מאָמענט האָט יעקב זיך דערמאָנט, אז ער האָט טאקע יאָ געלייענט אן ארטיקל וועגן דעם שדים-טאנץ אין טשאיקאָווסקיס זעקסטער סימפּאָניע, נאָך זייענדיק אין רוסלאנד).

"ניין, באמת", האָט אָלגא אויסגעשריען מיט כעס. "דאָס איז שוין פּערפּי-דיע. איך פֿארזיכער דיך, אז ער האָט ניט געלייענט און ניט געהערט פֿון קיינעם וועגן דעם 'שדים-טאנץ' און ס'איז באמת מאָדנע, ווען עמעצער איז ניט אין שטאנד צו פֿארשטיין, אז אן אנדערער קאָן האָבן אן אריגינעלן געדאנק וועגן א מוזיקאליש ווערק, אויך ער אליין..."

"אָלגא, איך בעט דיך..." האָט יעקב איבערגעריסן, נאָך גלייך אנטשוויגן געוואָרן א צעטומלטער. וואָס פֿאר א רעכט האָט ער עס זי צו דוצן אין דיער ביַיזיַיקיַיט פֿון איר מאן? "אנטשולדיקט", האָט ער אויסגעמורמלט, "כ'האָב זיך פֿארגעסן..."

אָלגא האָט אויסגעבראָכן אין א לוסטיק געלעכטער. "צו וואָס דארפֿסטו זיך מתנצל זיין?" האָט זי געפֿרעגט, און איר שפּאָטישער בליק האָט ווי צוגעגעבן: "פֿאר וועמען?..."

פֿאַרב האָט געשוויגן. ער האָט געוואָלט אויסרופֿן צו דעם אומגליקלעכן וואָס איז געזיצן אַנטקעגן אים בײַם טיש: "זײַט מיר מוחל פֿאַר מײַן טאַקט-לאָזיקײַט, כ'האָב ניט געהאַט דאָס רעכט אַזוי זיך צו פֿאַרהאַלטן. און בנוגע דעם פֿראַגמענט אין דער 'פּאַטעטישער סימפֿאָניע' מיטן 'שדים-טאַנץ' זענט איר גערעכט. דאָס איז ניט מײַן געדאַנק; כ'האָב וועגן דעם געלייענט..." ער האָט דאָס אָבער ניט געזאָגט. א האַס, א ביטערער האַס האָט אים פּלוצעם באַהערשט קעגן דעם שטאַמלענדיקן, מויל-פֿאַרקרומטן, פֿאַרסליונעטן "מאַן", וואָס האָט געשטערט זײַן גליק, אים פֿאַרגעוואָרפֿן אין זײַן געליבטערס בײַזײַיקײַט גנבֿישע נאָכ-זאָגערײַ פֿון א פֿרעמדן געדאַנק, און דערבײַ נאָך געהאַט די העזה צו זײַן גערעכט!

"מיר האָבן זיך דערווײַטערט פֿון דער טעמע", האָט ער קאַלט באַמערקט. "איר זאָגט, אַז איר האָט נאָר געוואָלט... עפּעס געוואָלט... וואָס א זעלכעס האָט איר עס אייגנטלעך געוואָלט?"

אָלגאַ האָט זיך ווידער פֿונאַנגערגעלאַכט.

"כ'האָב גע...וואָלט, נאָר גע...וואָלט...זאָגן..." דער אינוואַליד האָט אויף צוויי מינוט אויפֿגעהערט רעדן, דערנאָך עפּעס אומפֿאַרשטענדלעך אויסגע-מורמלט מיט זײַנע צוקנדיקע ליפּן, האַלב געעפֿנט דאָס מויל, ענדלעך אומבאַהאָלפֿן א מאַך געטאָן מיט דער רעכטער האַנט און ענדגילטיק אַנטשוויגן געוואָרן.

עטלעכע מינוט האָט בײַם טיש געהערשט א פֿולקומע שטילקײַט. אָלגאַ האָט די איבערגעריסן.

"גענוג", האָט זי געזאָגט, צוגייענדיק צו איר מאַן. "האָסט זיך צופֿיל אָנגעשטרענגט. קום!"

זי האָט אים געהאָלפֿן אויפֿשטיין (מיט שוועריקייט; די לינקע העלפֿט פֿון זײַן קערפּער איז געווען טיילווײַז פּאַראַליזירט) און אים אָפּגעפֿירט צום שלאָפֿצימער.

יעקב איז געבליבן אליין בײַם טיש. זײַן פּנים האָט געפֿלאַקערט.

"ד״ר פֿארב", האָט ער צו זיך אין געדאנק געזאָגט. "יונגער דאָקטער, וועלכער טרוימט צו ווערן א בארימטער נוירָאלאג און פסיכיאטער אין דינסט פֿאר דער מענטשהײַט; דערפֿינדער פֿון נײַע היילונגס-מעטאָדן מיטן הויכן ציל צו לינדערן אירע לײַדן;...ווי געמיין דו ביסט!!"

12

די שנעלע אנטוויקלונג פֿון צימערמאנס קרענק אין די לעצטע וואָכן פֿון זײַן לעבן איז אָן ספֿק געווען א רעזולטאט פֿון דעם וואקסנדיקן דרוק אין זײַן שארבן - א פּראָצעס, וועלכן די אים געשיקטע פֿון שפּיטאָל מעדיקאמענטן זענען ניט געווען אין שטאנד אײַנצוהאלטן. פֿון דער אויטאָפּסיע האָט מען אָבער געקאָנט ארויסדרינגען, אז דער וועג, אין וועלכן די נײַבילדונג האָט זיך פֿונאנדערגעשפּרייט, האָט געשפּילט א צוגאָב-ראָל אין דער פֿארערגערונג פֿון זײַן צושטאנד: די וואקסנדע געשווילעכץ האָט, אזוי ווי סעלעקטיוו, אטאקירט פֿארשיידענע געגנטן פֿון מוח פֿאראנטוואָרטלעך פֿאר וויכטיקע פֿונקציעס פֿונעם קערפּער.

אין אײַנשטים מיטן פֿארלויף פֿון די נערוון פֿאר און נאָך זייער קרייצונג, האָט זיי די קראנקייט באשעדיקט אין פֿארשיידענע ערטער. די געזיכט-נערוון זענען פֿארבליבן לײַכט אָפּגעשוואכט, בעת די אויסשפּראך איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג אלץ מער פֿארווישט. ס'איז אנטשטאנען א פֿולקומע טויבקײַט. די ראיה איז געוואָרן אזוי פֿארחושכט, אז צוויי וואָכן פֿארן טויט איז דער קראנקער שוין געווען כמעט אין גאנצן בלינד. געשטערט איז אויך געוואָרן דער אָטעם-ריטם.

פֿאר אָלגאָן איז איר מאנס צושטאנד געווען אלץ שווערער צו פֿארטראָגן. זי האָט ניט געקאָנט דינגען א געהילף צוליב דער צווייידײַטיקײַט פֿון דעם דאָקטערס שטאנד אין איר שטוב. פֿון דער צווייטער זײַט האָט די כסדרדיקע פֿארשלעכטערונג פֿונעם פּאציענטס צושטאנד געפֿאָדערט כמעט אומאויפֿהערלעכע אָפּ-היטונג און באדינונג. במשך פֿון די לעצטע עטלעכע וואָכן פֿון צימערמאנס לעבן האָט אלזאָ ד״ר פֿארב פֿארברענגט גאנצע טעג אין דעם פּאָרפֿאַלקס וווינונג, אומקערנדיק זיך אהיים נאָר אויף נאכט. זײַן באאומרויקט געוויסן צוליב דער באציונג מיט אָלגאָן, וועלכע ער איז ניט פֿעיק געווען איבערצורײַסן, האָט גורם געווען ער זאָל זיך נאָך מיט גרעסערער מסירות פֿארנעמען מיטן קראנקן

און נאָך פּליִיסיקער שטודירן די פּראָפּעסיאָנעלע ליטעראַטור. און אַזוי, דערוויַיטערט פֿון זיַין שטרענגער אויפֿזעערין, האָט ער געטיילט זיַין ציַיט צווישן ליבע און מעדיצין.

ער האָט אָבער געמוזט באמערקן א מאָדנע דערשיַינונג, וועלכע איז איין אים פֿאָרגעקומען: וואָס פֿולער עס איז געוואָרן זיַין דאָמינאַנץ איבער אַלגאַן, אַלץ מער האָט ער געבענקט נאָך דעם ריגאָריזם פֿון דעם פּראָפֿעסאָרס פֿאַרטרעטערין אין דער נויראָלאָגישער אָפּטיילונג. זיַין פֿאַרלאַנג פֿון איר נאָענטקיַיט איז ענלעך געווען צו דעם וואָס עס פֿילט א מענטש, וועלכער האָט זיך לאַנג געפֿונען אין א דושנער אַטמאָספֿער און טרוימט וועגן טובלען זיך אין איַיז-קאַלטן וואַסער.

ניין, אַלגאַס אונטערטעניקיַיט איז שוין פֿאַר אים מער ניט געווען קיין טרייסט-קעגנגעוויכט פֿאַר די באַליידיקונגען, וועלכע ער האָט געליטן פֿון דער אַנדערער. ער האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס וואָס ער האָט פֿריער באַנומען אַלס דערנידערונג מצד ד"ר וואַכזאַם, איז פֿאַקטיש געווען גיַיסטיקע אויפֿהייבונג, בשעת די ווירקלעכע דערנידערונג האָט געשטעקט אין דער שקלאַפֿישער פֿאַרגעטערונג מצד דער מחושמדיקער פֿרוי. סוף כל סוף האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען איר אַדאָראַציע נאָר זיַין אומדערשעפּטער מענערקראַפֿט - א מעלה, מיט וועלכער א מענטש מיט זיַינע אַספּיראַציעס האָט קוים געקאָנט שטאָלצירן. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרלייקענען פֿאַר זיך אַליין, אַז ער האָט אַלגאַן ליב געהאַט, כאָטש אויף א דעספּאָטישן אופֿן, און אַז איר אַכפּערונג האָט אים געגעבן גיַיסטיקע באַפֿרידיקונג צוגאָבלעך צו דער קערפּערלעכער הנאה; ער האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן א רעכענונג, אַז אין זיַין דאָמינאַנץ איבער אַן אַנדערן מענטשלעכן וועזן האָט געשטעקט מאָראַלע דעגראַדאַציע.

פֿון דעסטוועגן האָבן אים די אַלע אינערלעכע קאָנפֿליקטן ניט געשטערט צו פֿאַרברענגען אינטים מיט זיַין געליבטער לאַנגע שעהען יעדן טאָג, ציַיטנוויַיז אַפֿילו אויפֿן חשבון פֿון זיַין לערנען, וואָס ער האָט דערנאָך געמוזט אָפּטאָן ביז שפּעט ביַי נאַכט אין זיַין צימער. די טאָג-ציַיט האָט ער אָפּגעגעבן - אויסער דער פֿלעגע צוגעטיילט דעם פּאַציענט - דער לאַנגע שעהען דויערנדער סעקסועלער שפּיל געמישט מיט שטורמישע ווערטער-אויסטוישן פֿאַראורזאַכט דורך אַלגאַס אומ-מענטשלעכער באַציונג צו דעם אומגליקלעכן. איר אויפֿפֿירונג האָט יעקבן דערמאָנט זיַין אייגענע שולד, וואָס האָט נאָך פֿאַרגרעסערט זיַין כעס.

ער האָט איר געמאַכט שאַרפֿע פֿאָרוואָרפֿן און זי האָט זיך געווערט, טענענדיק, אַז זי איז אומשולדיק באַשטראָפֿט דורכן גורל. זי האָט זיך געקאָרטשעט אונטער דער בייטש פֿון זיין זידלעריי, פֿאַרטראַגנדיק זי אָן א ווידערשטאַנד, ווי א שטוב-חיה פֿאַרטראָגט פּאַסיוו די שמיץ פֿונעם בעל-הבית. דאָך איז איר זיין מוסר-זאָגן שווער געווען אויפֿצונעמען אָן א, כאָטש אומדרייסטע, אָפּאָזיציע, ווייל זי האָט מיט אים פּשוט ניט געקאָנט מסכים זיין. זי האָט זיך ענדלעך איין מאָל צערעדט, ווערנדיק שטופּנווייז מיטגעריסן מיט אירע אייגענע ווערטער.

"וואָס?" האָט זי אויסגערופֿן. "דו זאָגסט, אַז איך בין מאָראַליש פֿאַרפֿליכטעט צו ליידן? און פֿאַרוואָס? ווייל איך פֿיל אויס די פֿליכטן פֿון א קראַנקן-שוועסטער? ריכטיק, איך פֿיל זיי אויס (ניט נאָר די פֿליכטן פֿון א שוועסטער, נאָר אויך פֿון א סאַניטאַרקע). איז עס דען אָבער מיין באַרוף, אַזוי ווי מעדיצין איז דיינער? איך בין מאָראַליש צו גאָרניט פֿאַרפֿליכטעט. וואָס איך טו פֿאַר אים, טו איך, ווייל איך מוז, ווייל איך קאָן זיך פֿון אים ניט באַפֿרייען. אָך, באַפֿרייען זיך איין טאָג פֿון אַלע די פֿאַרשאָלטענע פֿליכטן מיינע! אָפּהעקלען זיך פֿון אים ענדלעך איין מאָל און אויף שטענדיק!!"

פֿאַרב האָט שווייגנדיק געוויגן אירע ווערטער. זי קאָן זיך ניט אָפּהעקלען פֿון איר קראַנקן מאַן. אָבער ער, דעם קראַנקנס היילער און זיין ווייבס געליבטער, קאָן זיך אָפּהעקלען פֿון זייביידן, אויב ער וועט נאָר געפֿינען אין זיך גענוג כוח דאָס באמת צו וועלן. זיין אויפֿגאַבע לגבי דעם אינוואַליד איז שוין אייגנטלעך פֿאַרענדיקט. אין צימערמאַנס איצטיקן צושטאַנד וועט שוין זיין גענוג, אַז דאָס אָרט פֿון א דאָקטער זאָל ביי זיין זייט פֿאַרנעמען א קראַנקן-שוועסטער. "איך האָב א ברירה, איך קאָן זיך יאָ באַפֿרייען", האָט ער געטראַכט. און, אַזוי ווי מאַכנדיק א רעפּעטיציע פֿון אן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, איז ער אויפֿגעשטאַנען און פֿאַרלאָזט זייער וווינונג, כלומרשט כדי זי צו באַשטראָפֿן פֿאַר איר ניט-הומאַנער באַציונג צו דעם אומגליקלעכן — א באַציונג, וועלכע אירע אייגענע ווערטער האָבן גאַנץ קלאָר אויסגעדריקט.

ער האָט שוין, אגב, געהאַט געמאַכט איין מאָל די דאָזיקע רעפּעטיציע און געקאָנט פֿאָרזען וואָס וועט פֿאָרקומען נאָך זיין אַרויסגאַנג. און דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט, איז טאַקע געשען. אָלגאַ איז גלייך אַרויס נאָך אים, אים נאָכגעלאָפֿן אין די זייטיקע געסלעך, פּוסטע אין די אָוונט-שעהען, רופֿנדיק אים

אין א האלב-וויינענדיק קול: "יאשא, יאשא, יאשא!". ער האָט פֿארלאנגזאמט דעם טריט. ווי פֿריער, אזוי אויך איצט האָט אים אָנגענומען א רחמנות אויף דער פֿרוי פֿארכישופֿט דורך ליבע- א געפֿיל געמישט מיט א שטילער פֿרייד צוליב זײַן נײַעם נצחון איבער איר. ער איז שטיין געבליבן און זי איז הכנעהדיק צוגעגאנגען און אים ארומגענומען. זיי האָבן זיך אומגעקערט אין איר שטוב, וווּ ס'איז פֿארגעקומען די איבערבעטונג פֿול מיט קעגנזײַטיקע צערטלעכקײַטן און לײַדנשאפֿטלעכע קושן פֿארענדיקט מיט א באציונג. נאָך א שעה-צוויי פֿון דרעמלען, לייענען און באנײַטע ליבע-אקטיווקײַט, און זיי האָבן זיך צעשיידט, כדי זיך אויף צו מאָרגנס ווידער טרעפֿן.

וועגן דעם אינוואליד האָבן זיי בשעת מעשה כמעט אין גאנצן פֿארגעסן, דערמאָנענדיק זיך אין זײַן עקסיסטענץ נאָר ווען מ'האָט אים געדארפֿט באדינען. דאָס אָפּשליסן אים איידער זיי האָבן באנײַט די ליבע-שפּיל איז שוין געוואָרן איבעריק; זיי האָבן זיך אויפֿגעהערט קימערן וועגן זײַן בײַזײַקײַט אין שלאָפֿצימער אָפּגעטיילט פֿון דעם סאלאָן נאָר דורך א קורצן קאָרידאָר. אָבער ער האָט אָפֿט געדופֿן צו זיך אָלגאָן מיט זײַן הייזעריקער שטים און פֿארווישטער אויסשפּראך. זי פֿלעגט דעמאָלט, אומווילנדיק און מיט א ביי זן געברום, אויפֿשטיין פֿון דער סאָפֿא און גיין צו אים. זי האָט דערליידיקט בײַ אים וואס מען האָט געדארפֿט און זיך אומגעקערט צו יעקבן מיט דעם זעלבן אײַנגעהאלטענעם געברום.

יעקב האָט באמערקט, אז זייערע קריגערײַען האָבן קיין מאָל ניט אויסגעבראָכן בײַ טאָג, ווען מ'האָט געדארפֿט צוטיילן דעם פּאציענט רוטין-באהאנדלונג: דערנערן אים, מאכן אים אײַנשפּריצונגען, אאז"וו, און ווען דורכגייער וואָלטן געקאָנט זען זייער געיעג איבער די געסלעך- נאָר שטענדיק אין אוונט. ער האָט פֿארשטאַנען, אז זײַן ארויסלויפֿן נאָך א צעווערטלונג איז ניט נאָר געווען א רעפּעטיציע פֿון זײַן פּלאן אוועקצוגיין אויף אן אמת, נאָר אויך אן אונטערבאווּסטזיניק אראנזשירטע דורך זיי ביידן סצענע, כדי צו באצירן זייער עראָטיק מיט דראמאטיזם און מאכן זי דערמיט פּיקאנטער. די דאָזיקע אנטדעקונג האָט אים פֿארשעמט; ער האָט אין איר געזען א נײַעם באווײַז פֿון זײַן גײַסטיקער פֿארוועלקונג.

"ניין", האָט ער באשלאָסן, "כ'וועל מער ניט אויסהאלטן אזא צושטאנד, כ'וועל ניט שלום מאכן מיט מײַן אונטערגעבן זיך איר הכנעדיקער, זיסער,

מאָראַליש פֿאַרניכטנדיקער הערשאַפֿט. כ׳וועל אַנטלויפֿן פֿון איר הויז - דאָס הויז פֿון עברהדיקן פֿאַרגעניגן און גײַסטיקער דערנידערונג, כ׳וועל אַרויס פֿון איר שטוב מיט אַזאַ טיר-פֿאַרהאַק, אַז זײַן ווידערקול וועט מיך באַגלייטן אויף מײַן באַפֿרײַונגס-וועג פֿון דאַנען. כ׳וועל זיך ניט אָפּשטעלן, ניט אויסדרייען דעם קאָפּ, נאָר פֿאַרשטעלן די אויערן מיט ביידע הענט, כדי ניט צו הערן איר רוף, און פֿאַרשווינדן פֿון זיי ביידן אויף אייביק".

ס׳טרעפֿט, אַז מיר גאַרן נאָך אַן ענדערונג אין אונדזער לעבן, אָבער מאַנגל אין אַנטשלאָסנקײַט דערלויבט אונדז ניט צו מאַכן דעם ריכטיקן שריט; און אָט קומט פּלוצעם דער מאָמענט, ווען אונדזער אומדערוואַרטע אינערלעכע רײַפֿקײַט מאַכט אונדז פֿעיק צו פֿאַרווירקלעכן אונדזער באַגער.

...זיי זענען געזיצן אויף דער סאָפֿע אין אָוונט, פֿויל פֿון ערשטישער זעטונג, ווען אַן אומקלאָרער רוף האָט זיך דערהערט פֿון שלאָפֿצימער:

"אַל...גאַ!"

זי האָט זיך ניט באַוועגט. דער חלוש האָט איבערגעחזרט זײַן רוף עטלעכע מאָל. יעקב האָט זי באַפֿרײַט פֿון זײַן אַרומנעם.

"אַל...גאַ!" האָט דער קראַנקער געגערופֿן אין אַ וויינענדיק קול.

"גיי צו אים!"

"כ׳וויל ניט. כ׳בין ניט לאַנג בײַ אים געווען, צו רעכט געמאַכט דאָס געלעגער, אויסגעליידיקט די נאַכט-כלי".

"אַל...גאַ, ביסט דאָ? אַ, אַל...גאַ, אַל...גאַ! - -"

יעקבן האָט זיך פֿאַרהאַקט דער אָטעם. "גיי צו אים", האָט ער געזאָגט מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול, "גיי צו אים, דו הערסט?" און פּלוצלינג, אומדערוואַרט פֿאַר אים אַליין, איז אַ געשריי אַרויס פֿון זײַן מויל: "גיי צו אים! די מינוט! דו - - צויג!!"

זי האָט זיך אַרויסגעוויקלט פֿון דער קאָלדרע, אַראָפּ פֿון דער סאָפֿע און אויפֿגעדרייט דאָס ליכט.

"צויג?" האָט זי אומגלויביק איבערגעחזרט, פינטלענדיק מיט די אויגן.

"אַל...גאַ! - -"

זי האָט זיך געווענדט צום שלאָפצימער און יעקב איז זי נאָכגעגאנגען. ווען זי האָט דאָרט אויפגעדרייט דאָס ליכט, האָבן זיי דערזען דעם קראנקן שטייענדיק אומזיכער ביי זיין בעט אויף די באָרוועסע פיס און זוכנדיק מיט דער האלב אויפגעהויבענער רעכטער האנט אן אָנשפאר ביי דער וואנט. אָלגא איז צוגעלאָפן און אונטערגעשטיצט זיין רוקן מיט ביידע הענט. זיינע עטלעכע טעג איז ער שוין ניט געווען אין שטאנד צו האלטן זיך אָן אן אָנשפאר אויף די פיס.

"אַל...גא, אָל...גא", האָט דער חלוש געשטאמלט אין א וויינענדיקן קול. "כ'האָב זיך אויפ...געוועקט דער...שראָקן, גע...מיינט דו ביסט א...וועק, גע...לאָזט מיך א...ליין, א...ליין - -"

אן אומזעבארע האנט האָט פארדרוקט יעקבס האלדז; ס'איז אים אויף א רגע פינצטער געוואָרן אין די אויגן. "איצט!" האָט אן אינערלעכע שטים געליספערט, "אוממעגלעך וויַיטער..." ער האָט זיך שארף אויסגעדרייט און ארייַנגעלאָפן אין סאלאָן. ער האָט אראָפגעריסן זיַין זשאקעט פון דעם שטול-ווענטל און זיך געוואָרפן צום ארויסגאנג. דורכלויפנדיק דעם קאָרידאָר, האָט ער געזען אָלגאן - האלב אויסגעדרייט צו אים, מיט אן אָנגעצויגן געזיכט און אָפן מויל - אונטערשפארנדיק דעם קראנקנס רוקן מיט איין האנט. יעקב האָט א צי געטאָן דאָס טיר-הענטל,אריבערגעשפרונגען די שוועל, פאַרהאקט נאָך זיך די טיר מיטן גאנצן כוח און אָפגעלאָפן עטלעכע שפריַיז. ער האָט דערהערט אן אנדערן קלאפ - וויַיזט אויס דעם ווידערקול פון דער פאַרהאקטער טיר - און זיך א לאָז געטאָן, ווי געוויינלעך אין א זיַיטיק געסל. "מאָרגן שיק איך זיי א קראנקן-שוועסטער. אוממעגלעך צו פאַרבלייַבן מיט זיי לענגער", האָט ער פיבערהאפט געקלערט לויפנדיק.

ס'איז צו אים דערגאנגען אָלגאס רוף: "יאשא! יאשא! יאשא!" ער האָט זיך אָנגעבויגן פאָרויס, פאַרשטעלט די אויערן מיט די הענט און פאַרשנעלערט זיַין געלויף. ווען ער האָט דערגרייכט דעם שאָסיי, האָבן אים עטלעכע דורכגייער

געזען א לויפנדיקן מיט די פֿארשטעלטע אויערן, און אים בײַגעריק אָבסער-ווירט. דאָס האָט אים געצווונגען איבערצײַגן פֿון א געלויף אין א שנעלן גאנג. ער האָט דערגרייכט די אויטאָבוסן-סטאציע, אָבער די אויסגעמיטן, אומ-פעיק איצט ממשיך צו זײַן דעם וועג פֿאָרנדיק.

צו איר! ער איז געווען באהערשט מיט איין געדאנק: וועט ער זי גע-פֿינען איצט אין שפּיטאָל? זײַן באגער צו זען ד"ר וואכזאם איז געווען אזוי דרינגלעך, ווי זײַן גאנץ לעבן וואָלט דערפֿון אָפּגעהאָנגען. ער האָט געגאַרט צו טרעפֿן זיך מיט איר קאלטן לויטערנדיקן בליק, הערן איר רו:קע, דעהפּרי-שנדיקע שטים. ער האָט געוו:סט, אז זי איז געווינט צו ארבעטן ביז שפּעט אין אָוונט און געהאָפֿט צו טרעפֿן זי אין איר קאבינעט.

ערשט נאָענט צו דעם ארײַנגאנג אין די שפּיטאָל-געבײַדע האָט א געדאנק אויפגעבליצט אין זײַן מוח: וואָס וועט ער איר זאָגן? נו... ער וועט בעטן איר דערלויבעניש אויפֿצונעמען פֿון דאָס נײַ זײַן ארבעט אין דער אָפּטײלונג, היות ווי דעם פאציענטס קראנקײַט האָט שוין דערגרייכט א פֿאזע, אין וועלכער די באהאנדלונג פֿון א קראנקן-שוועסטער וועט זײַן גענוג. דאָס וועט ער איר זאָגן אָדער עפּעס אנדערש, ניט וויכטיק וואָס. אבי זי צו זען!

און ער האָט זי דערזען, אין קאָרידאָר פֿון דער נעוראָלאָגישער אָפּטײ-לונג. זי האָט אויסגעזען אנדערש ווי געוויינלעך. זי האָט ניט געטראָגן איר ווײַסן דאָקטערישן פֿארטעך, נאָר אין עלעגאנט בלוי קלייד, אירע האָר זענען ווײַזט אויס געווען פֿריש פֿארקעמט דורך א פֿריזירערין, א שפּור פֿון קינסט-לעכער ראָזע פֿארב האָט זיך געמערקט אויף אירע באקן און א רויטקײַט אויף אירע ליפּן. זי האָט העפֿלעך געשמייכלט.

"יא, ד"ר פֿארב, ווי גוט וואָס איר זענט געקומען!" זי האָט אויסגע-שטרעקט צו אים די האנט. "קומט, איך וועל אײַך פֿאָרשטעלן פֿארן פּראָפ. איזאקסאָן, ער איז גראָד געקומען פֿון אויסלאנד". זי האָט אים אָנגענומען פֿארן אָרעם און אים ארײַנגעפֿירט אין דאָקטוירים-צימער, וווּ ארום א געדעקטן טיש זענען געזיצן: די הויפּט קראנקן-שוועסטער, די צוויי נײַ אָנגענומענע סטאזשיסטן, ד"ר האדאס און א הויכער הער מיט א גרוי שפּיציק בערדל - דער אָנפֿירער פֿון דער נעוראָלאָגישער אָפּטײלונג.

"ביטע, פראָפעסאָר איזאקסאָן, דאָס איז אונדזער יונגער קאָלעגע ד"ר פֿארב". דער עלטערער הער איז אויפֿגעשטאנען, געדרוקט אים די האנט און פֿריינדלעך געשמייכלט. ד"ר האדאס האָט זיך דערנענטערט צו יעקבן און אים ארומגענומען. "נו, וואָלט איר דאָס געגלויבט? האָט איר זיך גאָר פֿאָרגעשטעלט, אז מיר וועלן ווערן חתן-כלה?" ער האָט פֿריילעך געלאכט.

יעקב איז געשטאנען א צעטומלטער צווישן זיי אלע. ס'האָט אים באהערשט א כמעט אומדערטרעגלעך געפֿיל פֿון טויזנט שטאָכן פֿון שפילקעס איבערן גאנצן קערפּער. ער האָט זיך געצוווּנגען צו שמייכלען, שפּירנדיק אז די קניען בויגן זיך אונטער אים. די סצענע פֿון זיין פֿארלאָזן די צימערמאנס וווינונג האָט אויפֿגעלויכטן אין זיין דמיון און גלייך פֿארשווּנדן. ער האָט זיך אנידער־געזעצט ביים טיש, אָבער ניט אָנטייל גענומען אינעם אלגעמיינעם געשפּרעך. נאָך עטלעכע מינוט איז ער אויפֿגעשטאנען.

"אנטשולדיקט", האָט ער אויסגעמורמלט. "איך קום באלד צוריק".

די קראנקן-שוועסטער האָט געוואָרפֿן אויף אים א פֿארקימערטן בליק, ד"ר האדאס האָט אויף אים געקוקט מיט א שמייכל, וואָס איז שטופּנווייז פֿארשווּנדן פֿון זיינע ליפּן, און יעקב איז ארויס פֿון צימער. מיט צוויי שפּרונג האָט ער דערגרייכט דעם ארויסגאנג פֿון שפּיטאָל און ארויסגעלאָפֿן. א פֿארנעפּלטער גע־דאנק האָט געזוכט א וועג צו זיין באוווּסטזיין, ער האָט אים אָבער אָפּגע־שטויסן. פּונקט ווי ער האָט פֿריער באגערט צו דערזען ד"ר וואכזאם, אזוי האָט ער איצט פֿארלאנגט ווי אמשנעלסטן צו געפֿינען זיך אין זיין פּריוואטן צימער. ער האָט אפֿילו ניט באמערקט, ווי אזוי ער איז דערגאנגען צום הויז, ווו. ער האָט געוווינט: גייענדיק אויף די שטיגן, האָט ער געהאט דעם איינ־דרוק, אז זיי האָבן זיך געפֿונען עטלעכע טריט פֿון שפּיטאָל.

די שויב איבער דער וווינונג פֿון דעם הויפּט-לאָקאטאָר איז געווען פֿינצטער: ווייזט אויס, ס'איז דאָרט קיינער ניט געווען. ער איז אריין אין זיין צימער און אויפֿגעדרייט דאָס ליכט.

...וועגן וואָס האָט ער עס געקלערט, ארויסגייענדיק פֿון שפּיטאָל און וואנדנדיק זיך אין דער ריכטונג צו זיין וווינונג? (ער האָט פֿארשלאָסן די טיר און איז שטיין געבליבן א מינוט אָן באוועגונג). יאָ: ער מוז דערליידיקן אז מען זאָל שוין מאָרגן שיקן א קראנקן-שוועסטער צו די צימערמאנס, ווייל

מען טאָר ניט לאָזן דעם פּאציענט אָן פּראָפֿעסיאנעלער השגחה, און ער אַליין וויל שוין מער זיך דאָרט ניט באַווײַזן.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַם שרײַבטיש, אַרויסגענומען פֿון שופֿלאַד א בויגן פּאפּיר און אונטער דער דאַטע אָנגעשריבן: *לכבוד ד"ר ראובן הדס.*

ער האָט אַוועקגעלייגט די פֿעדער אויפֿן טיש און געקוקט אומגלויביק אויף די ווערטער, וועלכע ער האָט נאָר-וואָס אָנגעשריבן. מאָדנע! צו וואָס שרײַבט ער בכלל א בריוו? איז דען זײַן באַציונג צו ד"ר האַדאַס אַזאַ פֿאָרמע-לע, אַז ער קאָן מיט אים ניט ריידן פּערזענלעך מאָרגן אין דער פֿרי וועגן דעם ענין פֿון א קראַנקן-שוועסטער, נאָר ער דאַרף די זאַך דערליידיקן דורך פּאָסט? און איבעריקנס, ווי אַזוי קאָן דער בריוו געשריבן הײַנט אין אָוונט דערגיין צום אַדרעסאַט מאָרגן אין דער פֿרי?

ער האָט אויף עטלעכע מינוט אין גאַנצן פֿאַרגעסן די אַקטועלע ווירקלעכ-קײַט און פֿאַרזונקען געוואָרן אין דערמאָנונג פֿון די לעצטע מאָמענטן, וועלכע ער האָט פֿאַרבראַכט אין דעם פּאַרפֿאַלקס הויז: אָט לויפֿט ער דורכן קאָרידאָר, זעט דעם פּאַציענט אָנגעשפּאַרט אָן זײַן ווײַבס האַנט, טוט א צי די קליאַמקע, שפּרינגט אַריבער די שוועל, פֿאַרהאַקט די טיר און לויפֿט אָפּ עטלעכע טריט; ער דערהערט א שטאַרקן קלאַפּ - דעם ווידערקול פֿון דאָס פֿאַרהאַקן די טיר... דעם ווידערקול?! - -

א שלאָפֿקײַט האָט אים אַרומגענומען, ווי צום חלשן. ער האָט אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ. "גאָט", האָט ער אויסגעליספּערט, "כ'האָב דערזערטירט..."

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און זײַן בליק איז געפֿאַלן אויפֿן בויגן פּאַפּיר און די עטלעכע אָנגעשריבענע ווערטער. איצט האָט ער שוין געוווּסט, וואָס ער האָט באמת געקלערט אַרויסגייענדיק פֿון שפּיטאָל אַהיים, אָדער בעסער - וואָס האָט זיך דעמאָלט איך אים געקלערט: ניט וועגן דער קראַנקן-שוועסטער, וועלכע מען דאַרף מאָרגן שיקן צימערמאַנען, נאָר וועגן דעם, אַז ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן פּאָסטן.

ער איז לאַנגזאַם אויפֿגעשטאַנען און, אַזוי ווי גנבֿנענדיק זיך, אַוועק אין ווינקל פֿון צימער. ער האָט אויפֿגעהויבן פֿון דעם דיל א פֿירקאַנטיק קעסטל און עס אַנידערגעשטעלט אויף א שטול בײַ דער וואַנט. ער האָט געעפֿנט

דאָס קעסטל און עס פֿאַראייניקט מיט דער עלעקטרישער נעץ. דערנאָך האָט ער באַפֿעסטיקט אויף דער אַקס אַ פּלאַטע מיט אַ רוסישן אויפֿשריפֿט טשײַקאָווסקי, און אַ דרוק געטאָן דאָס קנעפּל.

ער האָט זיך אומגעקערט צום שרײַבטיש, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שטול און פֿאַרשטעלט די אויגן מיט בײדע הענט, צוהערנדיק זיך צום שטילן גערויש, װעלכער האָט זיך אַרויסבאַקומען פֿונעם פּאַטעפֿאָן.

פּלוצלינג האָט ער אויפֿגעציטערט, װען פֿונעם גערויש האָט זיך אויסגע-טײלט, דערגאַנגען צו אים און אים דורכגעדרונגען אַ װײטיקדיקער זיפֿץ - די אָנערקענונג פֿון באַגאַנגענעם חטא - דער אָנהויב פֿון דער "פּאַטעטישער סימפֿאָניע".